STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05654

DI EYROPEISHE BINE

Permanent preservation of this book was made possible
by Sylvia Roth
in memory of
her grandparents, Solomon & Rebecca Chess

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די

אייראפעאישע בינע

זאמלונג

פון די בעסטע איינאקטערס.

יִדיש: י. זִילבערצווייג.

1920

תר"פ.

№ 38

אינהאַלט:

I דראַמען

פּיעטראָ קאַרוואָ. ר. בראַקאָ.

אַמנעסטיע. ה. הייערמאַנס.

דאָס איבערגעריסענע ליד. ע. אָרזשעשקאָ.

II קאָמעדיען

דער 31־טער פעברואַר. וו. רישקאָוו.

קאָמעדיאַנט. ג. פרעשעל.

דער טייסטער. א. מירבאָ.

איהר שוועסטער. ז. זילבערצווייג.

עפּיזאָד. א. שניצלער.

III פאַרסען

קלעפּטאָמאַניע. מ. האַרטיג.

אַ רעצעפּט געגען שוויגערס. דיאַנאַ.

ראָבערטאָ בראַקאָ.

פּיעטראָ קאַרוזאָ

דראַמאַ אין איין אַקט.

יודיש דורך ז. זלבערצווייג.

תרע"ט
1919
Drukarnia Fiment i Szwabe Sierakowska 4

פארלאג יודיש
ווארשע

פערזאנען:

פיעטרא-קארוזא

מארג׳עריטא — דין טאכטער.

גראף פאבריציא

דאס קול פון דער שכנ׳טע

דאס קול פון הויז — פערוואלטער

דאס קול פון ה׳ קיאנעצע.

די האנדלונג קומט פאר אין נעאפאל.

צייט — געגענווארט.

דאס אויפפיהרונגס-רעכט ווערט געשיצט:
אין רוסלאנד: דורכ׳ן דראמאטישען און מוזי-
קאלישען שריפטשטעלער-פערבאנד אין
פעטערבורג.
אין פוילען: דורכ׳ן יודישען ליטעראטען און
זשורנאליסטען-פעראיין אין לאדז.

דאָס צימער איז אָרים מעבלירט. אין הינטערגרונד אַ גרויסע טיר (אין דער מיט) און אַ פֿענסטער. אויף רעכטס אַ אויוען און אַ קליינע טיר. נעבען אויוען אַ שרייבטיש, אויף וועלכען ס'ליגען אין דער גרעסטער אונאָרדנונג שרייב-געצייג און פערשידענע פּאַפּירען. אויף לינקס אַ קליינע טיר. אַ קרעדענס, אַ אייזענער וואַש-טיש; אויף איהם אַ שיסעל און אַ צינענע קריי. אויף דער וואַנד הענגט אַ האַנטטוך. אין ווינקעל אַ צוברעכענער מאַטראַץ און אַ אייזען בעטעל, — צוזאַמענגעלייגט, מיט ברעטלעך. שפּעט פֿאַר נאַכט. אין פֿערלויף פֿון דער אַקציע ווערט פינסטער.

ערשטער אויפֿטריט.

מארגעריטא — פֿאַבריציאָ.

פֿ אַ ב ר י צ י אָ (זיצט מיט צוזאַמענגעבראָכענע הענד און אַ טרויריגע מינע).

מ א ר ג ע ר י ט אַ (שטעהט נעבען פֿענסטער, שמועסט זיך זעהר הויך פֿונאַנדער מיט דער שכנ'טע): אַ דאַנק, פֿרוי פונקא! (געהט אַוועק און רעדט שטיל צו פֿאַבריציאָ'ן) ענטשולדיג, מיין שכנ'טע פֿרוי פונקאַ, האָט מיך נאָר אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז כ'זאָל צוזאַמענעמען די וועש, וואָס טריקענט זיך דרויסען, וואָרום ס'וועט באַלד אָנהייבען רעגנען. (נעמט אַראָב פֿון אַ שנור, וועלכע איז צוגעבונדען צום פענסטער, צווייגעלעכער און לעגט זיי צוזאַמען, ריידענדיג מיט דער שכנ'טע) ווען איהר וואָלט מיר נישט געזאָגט, וואָלט איך גאָרנישט בעמערקט, אַז ס'מאַכט זיך אַ שטורם; (ס'דונערט און בליצט) אָהאָ, ער איז שוין דאָ!

ש ט י מ ע פֿ ו ן ד ע ר ש כ נ ' ט ע : אייער פֿאַטער איז אין שטוב?

מ א ר ג ע ר י ט א : ניין, פֿרוי פונקאַ. איך בין, אַזוי ווי שטענ-

דיג, אַליין.

די שטימע: איך פֿרעג עס דערפֿאַר ווייל ס'האָט זיך מיר איינטיבע נאַכט גע'חלום'ט אַ וואָלף מיט דריי הערנער און אַ טויטער מיט אַ הויקער אויף די פּלייצעס... כ'האָב דעריבער געוואָלט פֿרעגן דעם הערר פּעטער, וואָס דאָס בעדייט. ער קען זיך אויף אַזעלכע זאַכען.

מאַרגעריטאַ: גוט, אַזוי ווי ער וועט נאָר קומען, וועל איך עס איהם פֿרעגען. אַדיע! (פֿערמאַכט ס'פֿענסטער. צו פֿאַבריציאָ'ן אויפֿקלערענדיג אויפ'ן צוזאַמענגעלעגטען מאַטראַץ די ליילעכער) אָט אַזוי! (אַ ווייל איז שטיל. זי קוקט זיך איין אין פֿאַבריציאָ'ן און דערנענטערענדיג זיך צו איהם, נעמט זי אַרום זיין האַלז און קושט ווייכע האָר).

מאַרגעריטאַ: אַ, יאָ, פֿאַבריציאָ, דאָס פֿריהערדיגע איז נאָר געווען אַ שפּאַס?

פֿאַבריציאָ (בעפֿרייענדיג זיך פֿון דער אומאַרמונג): ניין, מאַרגעריטאַ, ניין, ניין! דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב קיינמאָל מיט דיר נישט געשפּאַסט. איך האָב לאַנג נאָכגעטראַכט ביז כ'בין געקומען צו דעם בעשלוס. איך האָב לאַנג געליטען אויך. איצט אָבער קאָן מען שוין מיין בעשלוס מעהר נישט ענדערען.

מאַרגעריטאַ: וואָס האָב איך דיר דען געטהון?

פֿאַבריציאָ: גאָרנישט.

מאַרגעריטאַ: בין איך דיר צו לאַסט?

פֿאַבריציאָ: ניין.

מאַרגעריטאַ: כ'פֿערביטער דיר דאָס לעבען? כ'שטער דיר דיין אַרבייט? האָב איך דיר אין עפּעס געשטערט?

פֿאַבריציאָ: ניין, ניין! דו דאַרפֿסט עס טאַקע אָננעמען אַלס בעווייז, אַז כ'טהו עס פֿאַר דיין טובה וועגען. וואָרום וואָס וואָלט איך געקאָנט פֿערלירען, ווען כ'וואָלט אוועקגעפֿאָהרען?

מאַרגעריטאַ: כ'ווייס נישט. כ'בין נאָר זיכער, אַז ווערענדיג זיך צו בינדען צו דיר, האָב איך דאָס נישט געדאַרפֿט טהון...

פֿאַבריציאָ (דרעהט זיך אום): דו האָסט אַ טעות!

מאַרגעריטאַ: ניין! כ'האָב נישט געדאַרפֿט טהון דאָס וואָס כ'האָב געטהון. דו מיינסט, אַז איך בין אַזוי נאַאיוו, אַז כ'פֿער-

שטעה דאָס נישט?

פּאַבריציאָ: דו פֿערשטעהסט דעם נישט.

מאַרגעריטאַ: דו האָסט אויסגעפֿיהרט דיין קאַפּריז און איצט...

פּאַבריציאָ: דו הויבסט ווידער אָן מיט'ן קאַפּריז!

מאַרגעריטאַ: אָ, יאָ, אַ קאַפּריז! ווען דאָס וואָלט געווען ליבע...

פּאַבריציאָ: אָבער איך בעט דיך, מיר האָבען דאָך נאָך דערווייל נישט קיין גאַראַנטיע, צי די ליבע איז נישט קיין קאַפּריז, וועלכע דויערט זעהר לאנג, אָדער צי א קאפּריז איז א ליבע, וועלכע דויערט א זעהר קורצע צייט... איך זאָג דיר, אז דו ווערסט מיך נישט פֿערשטעהן. איך פֿיהל היינט צו דיר די זעלבע געפֿיהלען, וועלכע כ'האָב געפֿיהלט צו דיר מיט א חודש צוריק.

מארגעריטא: מ'זעהט עס.

פּאבריציאָ: מ'זעהט עס אפשר טאקע נישט, נאָר אזוי איז עס, ווארום פֿארוואָס זאָל זיין פֿאָרגעקומען א ענדערונג? דו ביזט דורך דער דאָזיגער צייט געוואָרען שענער, נאָך ענטציקענדער, נאָך נאכגיביגער, און די דאָזיגע נאכגיביגקייט דיינע פֿערשאַפֿט מיר זאָרג. דו האָסט זיך מיר איבערגעגעבען, נישט טראכטענדיג וועגען די פֿאָלגען. לאָמיר זיך אלעגפֿאלס בעמיהען זיי צו צושטערען. מ'קאָן עס טהון, און אויסערדעם: ווען מיר וואָלטען געווען נאָך מעהר געבונדען צווישען זיך, וואָלסט דען דו נישט געווען, אומגליקליכער, דער איינציגער קרבן? (פּויזע) וואָס ס'איז צווישען אונז פֿאָרגעקומען — דאַרף נישט בעוואוסט ווערען פאר דער וועלט, נישט דורך מיר און נישט דורך דיר. און מסכּים זייענדיג אויפ'ן קרבן, אז מיר זאָלען זיך שיידען — גלייב מיר מארגעריטא, אז דאָס איז נאר מיר א גרויסער קרבן — וועלען מיר זיך בעפֿרייען אויפ'ן בעסטען אופֿן פֿון דער דאָזיגער אונערטרעגליכער לאגע.

מארגעריטא: מ'וואָלט ווירקליך געקאָנט מיינען, אז דו קענסט מיך נישט, פּאבריציאָ! דיר דאכט זיך זיכער, אז דו רעדסט מיט עפּעס א אנדערע פֿרוי. דו זאָגסט, אז איך וואָלט געווען דער איינציגער קרבן. יאָ, אָבער וועמענס קרבן און צוליב וואָס? איך

חעל קיינמאָל נישט זיין קיין קרבן, אז דו וועסט מיך נישט פערלאָזען; און אין וואָרט דיינס, איין ליבליך וואָרט דיינס, איין קוש דיינער, איין האלבע שעה, וועלכע כ'וועל פערברענגען צוזאַמען מיט דיר וועלען מיר צוהעלפען צו פערגעסען אלע אונאנגענעמליכקייטען, פאר וועלכע דו שרעקסט זיך, אלע פאלגען, וועלכע דו זעהסט פאָר.

פאבריציאָ: בעמיה זיך נישט, ווארום דו וועסט מיך נישט איבערצייגען.

מארגעריטא: איך וועל נישט זיין קיין שטערונג אויף דיין וועג, איך וועל דיך בעשיצען פון אלע אונאנגענעמליכקייטען.

פאבריציאָ: איך האָב אָבער א פליכט אָבצוהיטען דיך דערפון, אַז דיין פעהלער זאָל נישט דערוואוסט ווערען און... קאָן זיין פון פיעלע מאָראַלישע און אַנדערע ליידען, וועלכע דו פיהלסט אַפילו נישט.

מאַרגעריטאַ: אויב איך בין אָבער צוגעגרייט צו אַלעם, פאַרוואָס זאָלסטו טראַכטען וועגען דעם?

פאַבריציאָ: כדי נישט אַריבערצוטראָגען נייע געוויסענסביסע.

מאַרגעריטאַ: אויב דו ווילסט נישט האָבען קיין נייע געוויסענסיסעב, דאַרפסטו נישט דערלאָזען דערצו, אַז כ'זאָל שטאַרבען מיט אַ צובראָכען האַרץ.

די שטימע פון הויז-פערוואַלטער (פון דער נידער, מ'הערט זי קוים, אָבגעריסען): פרייליין מאַרגעריטאַ!... פרייליין מאַרגעריטאַ!...

פאַבריציאָ: אַך, וואָס איז דאָרט ווידער געשעהן?

מאַרגעריטאַ (עפענט אונענטשלאָסען דאָס פענסטער, ס'הערט זיך דאָס קלאַפען פון רעדער, וואַרפט אַרויף אַטוּבעל אויפן קאָפ און בויגט זיך אַראָב דורכ'ן פענסטער): וואָס איז?

די שטימע פון הויז-פערוואַלטער: ה' קיאַנעצי קאָן אַרויפגעהן?

מאַרגעריטאַ: איהר ווייסט נישט, אַז איך בין פערשלאָסען?

פאַבריציאָ: כ'מאַך אייך אויפמערקזאַם, אַז ער

האָט מיך געזעהן דאָ אַרויפֿגעהן.

מ אַ ר ג ע ר י ט אַ (צו פֿאַבריציאָ׳ן): דאָס איז דאָך נישט קיין נייעס — פֿאַרוואָס בעקומט ער דען טרינק-געלד?

ד י ש ט ו מ ע פ ו ן ה ו י ז-פ ע ר ו ו אַ ל ט ע ר : כ׳האָב געמיינט אַז הערר פיעטראַ איז שוין צוריקגעקומען.

מ אַ ר ג ע ר י ט אַ : ניין, ער איז נאָך נישטאָ.

ד י ש ט י מ ע פ ו ן ה ו י ז-פ ע ר ו ו אַ ל ט ע ר : ה׳ קיאַנעצע וויל עפּעס אַ בריעף. וועלכען ה׳ פּיעטראָ האָט איהם צוגעזאָגט, אַזוי ווי אייער פֿאָטער האָט מיר גאָרנישט געגעבען, האָט ער איהם געוויס איבערגעלאָזט אויפֿ׳ן שרייבטיש.

מ אַ ר ג ע ר י ט אַ : כ׳וועל נאָכקוקען. (זוכט אומזיסט אויפ׳ן שרייבטיש, דערנאָך רעדט זי אַרוים דורכ׳ן פענסטער): ס׳ליגט נישט קיין שום בריעף.

ה׳ ק י אַ נ ע צ ע׳ס ש ט י מ ע : אויב אַזוי בעט איך צו זאָגען דעם ה׳ קאַרוזאָ, אַז ער איז אַ שווינדלער, וואָרום ער האָט נישט געהאַלטען וואָרט.

מ אַ ר ג ע ר י ט אַ : אַזעלכע געמיינהייטען וועל איך מיין פֿאָטער נישט זאָגען (פֿערמאַכט שנעל דאָס פענסטער, פויזע).

פ אַ ב ר י צ י אָ : מאַרגעריטאַ, כ׳געה אַוועק. דער פֿאָטער קאָן יעדע ווייל אָנקומען און איך וויל נישט, אַז ער זאָל צום שלים-מזל אונז דאָ טרעפען. אָט האָסטו דעם שליסעל, (נעמט אַרוים פון טאַש דעם שליסעל און לעגט איהם אויפ׳ן טיש) וועלכער איז ליידער געוועזן אונזער מיטשולדיגער; כ׳גיב דיר איהם אָב, כדי ס׳זאָל מיך ווידער נישט אָנכאַפּען דער חשק דיך צו בעזוכען אין געהיים. וואַרף איהם אַוועק אָדער בעהאַלט איהם. איך ווינש דיר, אַז מ׳זאָל איהם שוין קיינמאָל מעהר נישט געברויכען.

מ אַ ר ג ע ר י ט אַ : פאַבריציאָ!

פ אַ ב ר י צ י אָ : מיין טייערע! וואָר אַ נאַרישער און אונפֿערשטענדיגער מענש קאָן מיינען, אַז ער איז דער איינציגער וועלכער איז ווערט אַ פרוי. (פויזע. מאַרגעריטאַ שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ) כ׳וועל שפּעטער צוריקקומען, כדי צו ערלעדיגען מיט׳ן פֿאָטער אייניגע זאַכען. זיינע וואַהל-קאָמבינאַציעס פֿאַר מיר האָבען זיך נישט

איינגעגעבען, אַ פּראַצעס געגען איהם וועל איך אָבער נישט פֿער־פֿיהרען, מיר וועלען שוין זיין ווי ס'איז דורכקומען צווישען זיך... (פּויזע. דערנאָך נעמענדיג דעם הוט) אַלזאָ... בלייב געזונד, מאַרגעריטאַ...

מאַרגעריטאַ: פֿאַבריציאָ! נעם צו דעם שליסעל.

פֿאַבריציאָ: מאַרגעריטאַ, רייץ מיך נישט אויף...

מאַרגעריטאַ: נעם איהם... איך בעט דיך...

פֿאַבריציאָ (נאָך אַקורצען קאַמף) ניין, ניין!... דאָס קאָן נישט זיין!

מאַרגעריטאַ (כאַפּט איהם אָן פאַר'ן אָרעם און פֿערהאַלט איהם אויפ'ן אָרם) פֿאַבריציאָ!, כ'בעט דיך... הער אויס.. נאָר איין וואָרט...

פֿאַבריציאָ: לאָז מיך אָב...! ס'איז שוין שפּעט... מיר וועלען נאָך ריידען וועגען דעם.

מאַרגעריטאַ: ווען? מיר וועלען דאָך שוין נישט האָבען קיין געלעגענהייט.

פֿאַבריציאָ: ס'וועט זיך נאָך אָנזוכען אַ געלעגענהייט... דו דאַרפסט וועגען דעם נישט זאָרגען... (רייסט זיך אַרויס און געהט אָב, פֿערשליסענדיג אונטער זיך די טיר).

מאַרגעריטאַ (וויינענדיג שטיל און דערנאָך הויך): יאָ... יאָ... מיר וועלען נאָך וועגען דעם ריידען... פּוסטע ווערטער... (וויינט שפּעטער נעמט זי דעם שליסעל און בעהאַלט איהם אין טאַש. דערנאָך אויס־ווישענדיג זיך די אויגען געהט זי צו צום קרעדענס, עפֿענט איהם, נעמט אַרויס אַ טישטוך, טעלער, מעסער, לעפֿעל, גאָפּעל א.ד.ג. דעקט צום טיש)

צווייטער אויפטריט.

מאַרגעריטאַ, פּיעטראָ.

פּיעטראָ (נאָך אויף די טרעפּען, זינגט מיט אַ הויכע, אַ ביסעל פֿערבריפעטע שטימע אַ אַריע פֿון „טרובאַדור", מיט אייגינע פּויזען): „ביז'ן לעצטען אָטעם צוג" —

מאַרגעריטאַ (צו זיך): דער פֿאָטער! אַ־!... ער האָט ווי־דער געטרונקען!...

פּיעטראָ (זיין שטימע דערנענטערט זיך):

דו ביזט געווען מיין אַלץ
אָ, לעאָנאַראַ, איז ערהאַבען שעהן
אָ, פערגעס מיך נישט!

(מ'הערט דאָס דרעהען זיך פון שליסעל אין שלאָס. עפענט די טיר, קומט אַריין) „אָ, פערגעס מיך נישט!” (הייבט אָן צו הוסטן. פערמאַכט ווידער די טיר און פעריגלענדיג דעם ריגעל דערנענטערט ער זיך מיט קאָמיש מאַיעסטעטישע טריט. דער קאָלנער פון זיין פאַלטאָ איז אַרויפגעהויבען, פון הוט רינט וואַסער).

מאַרגעריטאַ: גאָט, ווי דו זעהסט אויס!

פיעטראָ: הע?

מאַרגעריטאָ: ביזט דאָך אינגאַנצען דורכגעווייקט, פאָטער?

פיעטראָ: נאַטירליך! דו הערסט נישט ווי ס'גיסט דרויסען? בררר... (אַ קורצער הוסט)

מאַגעריטא: און וואו האָסטו דעם שירם, דעם מאַנטעל?

פיעטראָ: וואַרט-צו! קודם כל פאָדער איך אַ ערקלערונג. (טייזענדיג דעם שליסעל אין האַנד): אַזוי ווי כ'האָב נאָר אַריינגעשטעקט דעם שליסעל אין לאָך האָט זיך די טיר שוין געעפענט. (ערנסט) ווי אַזוי קומט עס?

מאַרגעריטאַ (פערמאַסקירט): ווי אַזוי קומט עס? דו האָסט, געוויס, אַוועקגעהענדיג נישט גוט פערשלאָסען די טיר. דו ביזט שטענדיג אַזוי צושטרייט.

פיעטראָ: הם... ס'קאָן זיין... בררר... אַך, די נאַסיגקייט עסט זיך איין אין די ביינער.

מאַרגעריטאַ: גאָט מיינער!

פיעטראָ: האָסט נישט קיין האָלץ צו מאַכען אַ ביסעל פייער?

מאַרגעריטאַ: כ'וועל זעהן... (אָב אויף רעכטס).

פיעטראָ (שאָקעלט אַראָב דאָס וואַסער פון הוט און פערטראַכט זיך): צושטרייט! ס'קאָן זיין... די צושטרייאונג איז די איינציגע זאַך, וועלכע שיידט אָב אַ מענש — פון אַ חיה

מאַרגעריטאַ (פון אויסווענינג): צום גליק געפונט זיך נאָך אין שטוב האָלץ.

פּ י ע ט ר אָ (ריידענדיג ווייטער צו זיך): איז אַ ציג, אַ שעפּסעל, אַ פערד אָדער אַ אייזעל אַמאָל צושטרייט? ניין... אַלזאָ... (ווישט-אָב דעם הוט מיט אַ טיכעל, לעגט ביידע זאַכען אַוועק אויפ׳ן געזימס פון אויוועו).

מ אַ ר ג ע ר י ט אַ (קומט אַריין מיט האָלץ און מאַכט אַ פייער אין אויוועו).

פּ י ע ט ר אָ (טהוט-אויס דעם פּאַלטאָ): אָ גרויסאַרטיג, גרויסאַרטיג, טאָכטער מיינע!

מ אַ ר ג ע ר י ט אַ: דאָס איז דאָס איבערבלייבעכץ פון דער צובראָכענער באַנק.

פּ י ע ט ר אָ: זאָלען געבענ׳שט זיין די אָרעמס, וועלכע האָבען צובראָכען די דאָזיגע באַנק. (הענגט-אויף דעם פּאַלטאָ אויפ׳ן אָנלעהן פון שטול נישט ווייט פון אויוועו) וואָס פאַר׳ן טייוולישן וועטער!

מ אַ ר ג ע ר י ט אַ (קניהענדיג נאָך ביים אויוועו): זאָג מיר, וואָס האָסטו געמאַכט מיט׳ן מאַנטעל און שירם?

פּ י ע ט ר אָ: דו ביזט זעהר אַמוזירענד. ס׳האָט דען געגענט, ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען? ניין, טאָ, וואָס ווילסטו?

מ אַ ר ג ע ר י ט אַ: ווען דו ביזט אַרויסגעגאַנגען, האָסטו דאָך אָבער געהאַט אַ מאַנטעל און אַ שירם. צו וואָס האָסטו זיי מיטגענומען מיט זיך?

פּ י ע ט ר אָ: צו וואָס (נעמט אַראָב פון הענגער אַ אַלטען, פּאָלשטענדיג צוריסען, געלאַטעוועט מלבוש; אין אַ געזאַנג-טאָן): כ׳האָב פון זיי געהאַט אַ נוצען. (טהוט זיך אָן דאָס מלבוש) אונגליקליך מלבוש פון דיר וועל איך שוין נישט האָבען קיין נוצען! ווען כ׳וואָלט מיט דעם געקומען אין לאָמבאַרד, וואָלטען זיי זיך דאָרט הויך צולאַכט, און זיי וואָלטען דאָך געוועו פאָלשטענדיג גערעכט.

מ אַ ר ג ע ר י ט אַ (שטעלט זיך אויף): וואָס? האָסט עס פערזעצט אין לאָמבאַרד?

פּ י ע ט ר אָ (שטאָלץ, מיט בעטאָנונג): יאָ, דעם מאַנטעל און דעם שירם! כ׳דאָב נישט געהאַט קיין ברירה, ס׳געווען זעהר אַ שלעכטער טאָג...

מ אַ ר ג ע ר י ט אַ (מילד): דו האָסט דאָך צוגעזאָגט צו שאַ

כען עסעס.

פיצטראָ: יאָ, אָבער צום טייוועל!... איך...

מאַרגעריטאַ (מיט אַ לייכטען פאָרוואורף): פּאָטער! פּאָטער! (דעקט צום טיש).

פּיעטראָ (נעמט-אַרויס פון חעסטען-טאַש אַ לולקע און איינינע שטיקלעך נישט אויסגערייכערטע סיגאַר): בייזער זיך נישט, מאַרגעריטאַ, וואָרום... הם... נו, יאָ!... (צושטויבט די סיגאַר און שטופּט דער מיט אָן די לולקע). נישטאָ וואָס צו עסען... דאָס קאָן מען נישט אָבלייקנען! ס'זענען פערהאַן פאַלען, ווען דאָס עסען קומט צו שווימען אַזוי ווי אַ רעגען פון הימעל. נישט שטענדיג... אָבער טיילמאָל... ווער ווייס!... לאָמיר אַלזאָ וואַרטען!

מאַרגעריטאַ (זעצט זיך ביים טיש און לעהנט-אָן דעם קאָפּ אויף דער האַנד).

פיעטראָ (צינדט-אָן די לולקע מיט אַ שטיקעל פּאַפּיער ביים פייער פון אויווען און זעצט זיך אַזעק צוזאַמענגעקאָרטשעטצ ווישען אויווען און שרייבטיש): אַזוי! (ברומט) אַזוי! גוט! (זינגט אונטער'ן נאָז) ביז'ן לעצטען אויגענבליק... דו ביזט געווען מיין אַלץ... אָ, לעאָנאַראַ...

מאַרגעריטאַ (וועלכע האָט ביז איצט מיט מיה דערשטיקט די טרעהרען, ברעכט-אויס אין אַ הויך געוויין):

פיעטראָ: מאַרגעריטאַ! כ'זעה, אַז כ'האָב געטהון אַ פעהלער! כ'לייקען נישט אָב!... מיין פלאַן האָט אָבער געהאַט אונטער זיך אַ יסוד. ווען איך האָב געמאַכט די פינאַנס-אָפּעראַציע אין לאָמבאַרד, האָב איך זיך געטראַכט: אָנשטאָט אויסצוגעבען די איינינע ליר אויף עסען, וועל איך זיי בעסער אַוועקלעגען. טויטער קאַפּיטאַל איז אָבער אַ פערברעכען! דאָס איז מיין פעסטע איבערצייגונג! ווען כ'האָב שוין געוואָלט אויספיהרען מיין פלאַן, האָב איך זיך אָבער דערמאָנט, אַז היינט איז פרייטאג... און איך האָב זיך געגומען ווי געהעריג צוגרייטען געגען דאָזיגען שלום-מזל'דיגען טאָג און זיך געקויפט (נעמט אַרויס פון טאַש אַ שטיק שוואַרצען קרעל) די דאָזיגע קאַמיעה — כדי אָרויסצוטרעטען געגען אַלע שלעכטע גייסטער... און כ'יט דער דאָזיגער קמיעה אין טאַש בין איך — פערשטעהסטו מיך — אַוועקגעגאַנגען...

מאַרגעריטאַ: שפּילען, פּאָטער?

פּיעטראָ: שפּילען!... פֿאַרוואָס זאָגסטו „שפּילען“?... איך זאָג: איך בין אָנועקגעגאַנגען „מאַכען געשעפֿטען“... און איך האָב געפּרובט מ'ין גליק אין געשעפֿט...

מאַרגעריטאַ: און דו האָסט פֿערשפּילט.

פּיעטראָ: יאָ! דו ווייסט אָבער, פֿאַרוואָס?... ווייל כ'האָב נישט געהאַט קיין געלד. די קרעל איז גאַרנישט שולדיג געווען! לחלוטין נישט שולדיג געווען. ווען איך וואָלט ווייטער געשפּילט, ווען איך וואָלט געקאָנט ווייטער שפּילען... (שמעהט שנעל אויף) גלויב מיר, מאַרגעריטאַ, דעמאָלט וואָלט גאָר אַנדערש געווען... (טרייסעלט זיך פֿאַר ליידענשאַפֿט און כעס) איך פֿיהל היינט דאָס גליק אין מיינע הענד, אָט דאָ פֿיהל איך עס, (הייזט אויף די הענד) אָט דאָ, און איך וואָלט ריזיקירט נישט די איינציגע לומפּיגע צעהנדליגע ליר, נאָר הונדערטער טויזענדער, און אַזוי ווי ס'שיינט אַ זון אויפֿ'ן הימעל, ווי איך וואָלט געהאַט הונדערט מאָל אַזויפיל. (אַ גרויסע פּויזע) דאָס וואָס ס'איז נישט געשעהען, קאָן אָבער געשעהען! היינט וועלען מיר זיך מוזען בעגנוגענען מיט'ן דאָזיגען פּיער. אָט דאָס (הייזט אויפֿ'ן פּאַלטאָ) גיט־אונז דעם בעסטען ביישפּיל. (דרעהט איהם איבער אויף דער צווייטער זייט, אַז ער זאָל זיך אויסטריקנען) דו זעהסט, מאַרגעריטאַ, ער איז שטענדיג דער זעלבער. און אַז ער וועט אַפילו פֿערלירען זיין מראה, וועט ער אויך נאָך בלייבען אַ טייערער פּאַלטאָ. און דאָס אַלץ איז דערפֿאַר, ווייל ער האָט נישט קיין שלעכטע געוואוינהייט. (זעצט זיך זיפֿצענדיג) צוליב דעם וועט ער מיך איבערלעבען... זיכער... איך בין איהם אָבער נישט מקנא צוליב דעם... (פּויזע) מאַרגעריטאַ, אָט דאָרט אין דער טיף, אין קרעדענס, שטעהט אַ האַלב פֿלעשעל בראָנפען, ברענג עס מיר אַהער.

מאַרגעריטאַ: (נעמט געדולדיג די פֿלאַש און שטעלט זי אַוועק צוזאַמען מיט אַ גלעזעל פֿאַר איהם אויפֿ'ן שרייבטיש).

פּיעטראָ: און דו וועסט נישט פֿערזוכען?

מאַרגעריטאַ: ניין, פּאָטער. (ציהט זיך צוריק)

פּיעטראָ: (גיסט אָן אַ גלעזעל, טרינקט־אויס מיט איינמאָל און צוהוסט זיך באַלד דערנאָך, ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן אויסרייניגען דעם האַלז) מאַרגעריטאַ, דו ביזט בייז אויף דיין פּאָטער?

מאַרגעריטאַ: קיינמאָל נישט.

פּיעטראָ: קום אַהער, (מאַרגעריטאַ דערנענטערט זיך, ער גלעט זי) מיין נישט, אַז כ'וועל פאַרגעסען אין דיר. איך האָב זיך געשעפטעט אויפ'ן גראַף פּאַבריציאָ. דו ווייסט דאָך, ביי די וואַהלען, אויב ער איז פונדעסטוועגען דורכגעפאַלען, בין איך דערין נישט שולדיג... בעצאָהלען וועט ער אָבער... דער גראַף איז אַ עהרענמאַן... און צוליב דעם וויל איך איהם נישט מאָהנען... פּאָרלויפיג האָב איך זיך גענומען צו אַנדערע געשעפטען, וועלכע מ'קאָן נישט אויסקמאַכען מיט דער האַנד. די פּראָבע מיט די אַ'מנה ווערוזיאָ, דאָס פאַרקויפען סטעפאַנעלי, דאָס איז אַ גאָלדען געשעפט, און אויסערדעם דאָס געשעפט מיט מאַראָצי'ן. הי... הי... הי... פּראַנטשיסקאַ מאַראָטא ווייס וויפיל מ'דאַרף בעצאָהלען, אַז מ'וויל האָבען אַזאַ נ'דות ווי איך... קיין מיליאָנען וועט דערפון נישט זיין, נאָר, אַלענפאַלס אָבער אַזויפיעל, צום ביישפּיעל, אַז כ'זאָל קאָנען (צוציהענדיג מאַרגעריטע'ן צו זיך) קויפען די געשטרייפטע סחורה, וועלכע שטעהט אויסגעשטעלט ביי סימאָנ'ן אין פענסטער... אַך וואָס פאַר'ע סחורה דאָס איז! און דאָס איז נאָך נישט אַלץ! מיר וועלען אויך קויפען דעם גרויסען הוט מיט די זיידענע בענדער.. און גרויסען פעדער, מיט איין וואָרט, אַ פּרעכטיגער הוט, אין וועלכען דו וועסט אויסזעהען ווי אַ פירשטין, און דערנאָך וועלען מיר זיך לאָזען שפּאַצירען און לייט וועלען שטעהען מיט אָפענע מיילער און זאָגען: „וואָס פאַר אַ דאַמע ס'איז געוואָרען פון קאַ־וזאָ'ס טאָכטער!" (אַ פּויזע. מעלאַנכאָליש) דו ווילסט אָבער נישט אַ'ויסגעהן מיט מיר אויפ'ן גאַס. דו שעמט זיך מיט מיר.

מאַרגעריטאַ: פאָטער, ווי אַזוי קאָנסטו אַזעלכעס טראַכטען?

פּיעטראָ: יאָ, יאָ, דו שעמסט זיך מיט מיר! כ'געה אָנגעטהון ווי אַ שלעפּער! ווען איך בין אָבער געווען אַ סטודענט און דעקלאַמירט אויף די גאַסען, האָט מען מיך גערופען „דער פילאָזאָף", איצט רופט מען מיך „דער אַגענט" און אויסערדעם... אויסערדעם... געפעלען דאָך דיר נישט מיינע בעקאַנטשאַפטען... ווען איך וואָלט געווען בעקאַנט מיט אָרענטליכע מענשען, וואָלט מיט מיר געוועזן שלעכט. אָרענטליכע מענשען זענען אייגענטליך איבריג. (מאַרגעריטאַ

מאַכט אַ בעוועגונג) וואָס אינטערעסירט עס דיך?... דו ביזט אַ לייטיש מיידעל, ווייל דו טראַכסט נאר וועגען זיך. אַ מיידעל, וואָס איז נאָר אַ שטוב זיצערין, וועט נישט בעקומען קיין מאַן.

מאַרגעריטאַ: (וועלכע איז דאַדורך אונגעגעהם בעריהרט געוואָרען, דרעהט זיך צו איהם אוים מיט'ן רוקען).

פּיעטראָ: און דו מוזט בעקומען אַ מאַן, דו מוזט! (פויזע). אַך, מארגעריטאַ! איך בין געפאַלען, שטאַרק געפאַלען... וואָס וועסטו אָבער טהון, מארגעריטאַ, ווען איך וועל שוין נישט זיין?

מאַרגעריטאַ: (אָבווישענדיג די טרערען) הער-אויף, פאָטער הערויף!

פּיעטראָ: איך, האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט דיר רעדען וועגען דעם... וואָס וועסטו טהון?... אַרבייטען קאָנסטו נישט... דו האָסט דאָך נישט געלערנט..

מאַרגעריטאַ: וועל איך זיך אויסלערנען.

פּיעטראָ (ענערגיש): איך וויל נישט!...

מאַרגעריטאַ: איך האָב דיך שוין וועגען דעם אַזויפיעל מאָל געבעטען. אַזוי שטאַרק געבעטען! פאָטער, לאָמיך זיך אויסלערנען עפּעס אַ מלאָכה.

פּיעטראָ (אויפרעגענדיג זיך): ניין, קיין מאָל נישט... לערנען זיך?! אָ, איך ווייס שוין ווי אַזוי מ'לערנט זיך! מ'זיצט אַ גאַנצען טאָג אין דער שטוב, אין עפּעס אַ פאַבריק, וואו די מיידלעך לערנען זיך איינער דער אַנדערער, וואו איינע פון זיי, אויב זי איז אַ שלעכטע, איז פאָלשטענדיג גענוג, אַז זי זאָל צושאַנדען מאַכען אַלע אַנדערע. און אין זווענד, ווען מ'געהט אַ היים פון דער אַרבייט, מיד, פערמאַטערט שטעהען אין די עק גאַסען גוטע ברידער, פערעהרער פון די חבר'טאָרינס... און די אַלע אויסוואורפען זענען יעדען אויגענבליק גרייט אויסצוניצען די מיידעלשע אונערפאַרענקייט... און דער נסיון ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער, געפעהרליכער, גרעסער, וואָס אַ מאָל מעכטיגער... און אויף אַזאַ אופן לערנט זיך דאָס מיידעל פון איין זייט אויס צו אַרבייטען און פון דער צווייטער זייט אַלץ גרינגצושעצען, שטרעבען, בעקען, פאָדערן און... פאַלען!... אומגליקליכע בריאים. דער פרייער וועג פון אַרבייט און אונאָבהענגיגקייט ווערט אַזוי לאַנג זיין

פערמאַכט כל זמן מ׳ר, מענער, וועלען געבוי־ען ווערען מיט אינסטינקט אריינצושהון אין דער פרוי אַזוי פיעל גיפט, ביז זי זאָל ווערען נאָכגיביג צו אונזערע נידריגע וואונשען. נעם דאָס גוט אין אַכט, מאַרגעריטאַ! די מענער זענען אויסוואורפען! אויסוואורפען! ניין, דיין פאָטער וויל, אַז דו זאָלסט בלייבען אַזוי ווי דו ביזט. דיין צניעות איז מיין אַלץ דאָס איז מיין רוה, דאָס איז מיין ליכט, — דאָס איז נאָך דער איינציגער פאָדעם, וועלכער בינדט מיך צום לעבען. (הוסט, פויזע) און צוליב דעם מוזטו חתונה האָבען. (מאַרגעריטאַ מאַכט אַ בעוועגונג) לאָמיר רוהיג זיך דורכשמועסען. מיר ווילען נישט מאַכען אַ גרייזע צו זוכען א חתן; גוט. וועלען מיר אַלזאָ וואַרטען, ביז ס׳וועט קומען צו איר אַ מאַן. דאָס מין וועט נישט פעהלען. דו האָסט נישט בעמערקט, ווי ביאַדזיאָ קריכט מיר כסדר נאָך?

מאַרגעריטאַ: דער אַנטיקוואַר?...

פיעטראָ: (נאָכמאַכענדיג ביאַדזיאָ׳ס שטימע אונטער׳ן נאָז) העדר פיעטראָ, רעדט איבער מיט מאַרגעריטאַ׳ן... זאָגט איהר, אַז איך אינטערעסיר זיך זעהר מיט איהר...

מארגעריטא: אַזוי אַזוי...

פיעטראָ: קיין שענער איז ער נישט, קיין יונגער אויך נישט, ער האָט אָבער אַ גרויסע קרעדיטנטור און וואָס ער וויל נאָר, פרקויפט ער אַלס אַלטערטימליכע... בקיצור, ער איז אַ מענש פון אַ גוטער סיטואַציע, זעהר פערשטענדיג און דאַכט זיך מיט אַ גוט הארץ. מיט עטליכע טעג צוריק האָט ער מיר אומבעדינגט געוואָלט באָרגען 5 ליר...

מאַרגעריטאַ: (שנעל) און דו האָסט זיי גענומען?

פיעטראָ: (לעבהאַפט) ניין, ניין, ... טאַקע דערפאַר ווייל כ׳האָב געוואוסט, אַז ער... (פויזע) נו, מאַרגעריטא... (ס׳הערט זיך אַ קלאַפּ אין דער טיר) ווער איז?

דריטער אויפטריט

די פאָריגע, פאַבריציאָ.

פאַבריציאָ (פון דרויסען): דאָס בין איך, ה׳ פיעטרא!

פיעטראָ: (מיט פּרייד) דאַכט זיך, אַז דער ה׳ גראַף!

מאַרגעריטאַ: (פּערדראָגה׳ט) יאָ, דאַכט זיך, אַז ער.

פיעטראָ: טאָ עפּן אויף.

מאַרגעריטאַ: (עפנט-אויף, און ציהט זיך צוריק)

פאַבריציאָ: (אריינשטעקענדיג דעם קאָפּ) מ׳קען אריינגעהן?

פיעטראָ: (געהט איהם אנטקעגען, זעהר פאָרמעל) קומט אריין, קומט אריין, ה׳ גראַף... איהר ווייסט דאָך, ה׳ גראַף, אַז איהר זענט דאָ אַזוי ווי ביי זיך אין דער היים

פאַבריציאָ (אַריינקומענדיג): גוט מאָרגען, ה׳ פיעטראָ... (בעגריסט זיך) גוט מאָרגען, פריילין...

פיעטראָ: אַ מערכה דאָס געוויטער, זענט איהר געקומען

פאַבריציאָ: איהר זענט גערעכט. איך האָב שוין לאַנג געדאַרפט אַריינקומען.

פיעטראָ: אָ, דאָס האָב איך נישט געמיינט.(נעמט איהם אַפּ פון האַנד דעם הוט) מאַרגעריטאַ, גיב אַ שטול.

פאַבריציאָ: כ׳דאַנק, כ׳דאַנק... כ׳קאָן דאָ נישט לאַנג פערבלייבען... כ׳מוז פאָהרען קיין רוים... און אפשר נאָך ווייטער... כ׳האָב בעשלאָסען אָבצופאָהרען נאָך היינט מיט׳ן 5-ער צוג.

מאַרגעריטאַ: (ציטערט-אויף)

פיעטראָ: אַזוי? איהר פאָהרט אַוועק, ה׳ גראַף?

פאַבריציאָ: יאָ, און איך האָב נאָך פיעל זאַכען צו ערלעדיגען.

פיעטראָ: אָבער, ה׳ גראַף, איהר האָט נאָך גענוג צייט... איבריגענס בין איך אייך גרייט צו דינען, ה׳ גראַף, וואָס ווינשט איהר?

פאַבריציאָ: כ׳וויל גאָרנישט, ה׳ פיעטראָ, כ׳וויל נאָר פאַר׳ן אַוועקפאָהרען רעגולירען אונזער רעכנונג.

פיעטראָ: (דערפרעהט, מיט היץ) איהר זענט אַ העכסט אָרנטליכער מענש, אַ גאָלדענער מענש, ה׳ גראַף... איהר זענט אַ אמת׳דיגער מלאך פון גאָט. מאַרגעריטאַ, כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, דערלאַנג אַ שטול... וואָס שטעהסטו ווי אַ גולם?

פאַבריציאָ: מ׳דאַרף נישט... מ׳דאַרף נישט...

מאַרגעריטאַ: (דערגענטערט זיך צו איהם אַ ציטערנדיגע, איהר בליק איז געווענדעט אין אַ אַנדערע ריכטונג, אַז זי זאָל זיך נישט פּעררא־טען, דערלאַנגט איהם אַ שטול):

פאַבריציאַ: כ'דאַנק אייך.

פיעטראָ: (שטעלט אַוועק דעם שטול נעבען שרייב טיש) אָט אַהער! (צווינגענדיג איהם כמעט זיך צו זעצען) זייט אַזוי גוט, ה' גראַף, און זעצט זיך.

פאַבריציאָ: נו, גוט, אָבער לאָמיר נישט פערלירען קיין צייט.

פיעטראָ: אַך, ליבער גאָט! ענטשולדיגט מיר — אַזאַ אי־בעראַשונג... אַזאַ פרייד... איהר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלען, ה' גראַף, ווי איהר זענט געקומען צו דער ריכטיגער צייט. (זעצט זיך אויף דער צווייטער זייט שרייבטיש) אַזוי ווי דער מן אין דער מדבר... און דו, מאַרגעריטאַ, פרעהסט זיך גאָרנישט?

מאַרגעריטאַ: (ב מיהט זיך צו שמייכלען)

פיעטראָ: (צו פאַבריציאַ'ן) זי איז גערידהרט, שעמט זי זיך... זעהט איהר, ה' גראַף, איך שעם זיך נישט אייך צו זאָגען, אַז אָהן אייך וואָלטען מיר — איך און זי — געמוזט היינט געהן שלאָ־פען מיט אַלעדיגען מאָגען.

מאַרגעריטאַ (זעצט זיך נעבען טיש און פערהוסט זיך, ציטערט ווינטער, שמרצליך גערידהרט, הערט זיך אויפמערקזאַם צו)

פאַבריציאָ: אייגענטליך נישט מיט קיין גאַנץ לעדיגען מאָ־גען, וואָרום כ'זעה עפּעס אַלעדיג פלעשעל.

פיעטראָ: (מיט אַ זשעסט) יאָ! זאָל איך אפשר איינגיסען אַ גלעזעל? (גיסט איין)

פאַבריציאָ: אַ דאַנק, ניין.

פיעטראָ: אויף אייער געזונד. (טרונקט אין הוסט)

פאַבריציאָ: טרינקט נישט איצט, ה' פיעטראָ, מיר האָבען צוריידען געשעפטליך.

פיעטראָ: אָ, אַזוי... איך שטעה צו אייער דינסט. (עפענט דאָס דעקעל פון שרייבטיש)

פאַבריציאָ: (נעמט אַרויס פון טאַש אייניגע פאַפּירען, אין דער שטיל) איהר קאָנט אפשר בעטען אייער טאָכטער, אַז זי זאָל אונז

לאָזען אַליין אויף איינציגע מינוט!

פיעטראָ: (הויך) אָ, ביטע זעהר, ה׳ גראַף. זי שטערט אונז נישט.

מאַרגעריטאַ: (שנעל) געוויס, זיכער נישט.

פאַבריציאָ: אַלענפאַלס...

פיעטראָ: דורכאויס נישט. ערלויבט איהר דאָ צו בלייבען.

פאַבריציאָ: (נישט גערנוויליג) ווי איהר ווילט.

פיעטראָ: מיין גאַנצען רעכנונג אויסגאַבען פאַר דער צייט פון די וואַהלען האָב איך אייך צוגעשיקט דיגסטאַג און אויב כ׳האָב נישט קיין טעות, האַלט איהר איהם טאַקע אין האַנד.

פאַבריציאָ: יאָ.

פיעטראָ: איהר וועט דאָך מודה זיין, אַז פון אַלע אייערע מיטאַרבייטער ביי די וואַהלען איז פיעטראָ קאַרוזאָ געווען דער שפּאָרזאַמסטער.

פאַבריציאָ: דער שפּאָרזאַמסטער? יאָ, יאָ... נו, נו...

פיעטראָ: אָ! איך בעדויער זעהר...

פאַבריציאָ: זייט אַזוי גוט און לאָמיר צוטרעטען צו דער זאַך.

פיעטראָ: ביטע זעהר...

פאַבריציאָ: לויט אייערע רעכנונגען האָט איהר פאָלשטענדיג אויסגעגעבען די סומע, וועלכע כ׳האָב אייך געגעבען דעם 7-טען פון פאַריגען חודש.

פיעטראָ: הערר גראַף, די הונדערט שטימען, וועלכע כ׳האָב זיך פערפליכטעט צו צושטעלען, האָט איהר בעקומען?

פאַבריציאָ: יאָ... דאַכט זיך, אַז יאָ...

פיעטראָ: און אויסער דעם האָב איך דאָך נאָך געמוזט בעצאָהלען פאַר די וואַגענס אין וועלכע כ׳האָב געבראַכט צו פיהרען די לאָמע און הינקערדיגע צו די וואַהל קאַסטענס.

פאַבריציאָ: ריכטיג, ה׳ פיעטראָ, ריכטיג...

פיעטראָ: איך האָב דאָך געמוזט לעבעדיג מאַכען אַלטע טויטע, אַז זיי זאָלען שטימען פאַר אייך.

פאַבריציאָ: לאָמיר דאָס לאָזען צו רוה, ה׳ פיעטראָ.

פיעטראָ: גאָט! איך האָב זיך נאָר געוואָלט אויפווייזען...

פ אַ ב ר י צ י אָ: וואָס ווילט איהר מיר אויפווייזען? מיר האָבען דאָך שוין פעסטגעשטעלט, אַז די דאָזיגע סומע איז געוואָרען אויסגעגעבען... טאָ לאָמיר וועגען דעם נישט ריידען... האָט איהר נאָך געהאַט אַנדערע אויסגאַבען, וועלכע איהר האָט צופעליג פערגעסען אויפצוגעבען?

פ י ע ט ר אָ: איהר זענט זעהר איידעל, ה׳ גראַף! ערלויבט מיר דערנעבער אַ ווייל... (בלעטערט דורך די פּאַפּירען פון שרייבטיש, האַלבהויך צו זיך) גראַף, פאַבריציאַ, פאַבריציאַ... גראַף פאַבריציאַ, פאַבריציאַ... (צו פאַבריציאַ׳ן) ניין! אויסערדעם וואָס כ׳האָב איך אויפגעגעבען, האָב איך נישט געהאַט קיין שום אַנדערע אויסגאַבען, ה׳ גראַף! (שטעלט זיך פון טיש אויף) נו, בין איך אַ ערליכער מענש?

פ אַ ב ר י צ י אָ (מאַכענדיג מיט די הענד): בלייבט מיר, אַלזאָ, איבער אייך צו באַלוינען פאַר דעם אַלעם, וואָס איהר האָט פאַר מיר געטון. איך קאָן דאָך אייך נישט באַשולדיגען, וואָס ס׳איז געוועזן אַ אַנדערער רעזולטאַט, ווי איהר האָט ערוואַרט, נאָך מעהר ווי אַלע אַנדערע. פערקעהרט... איך וויל אייך אָרענטליך באַלוינען... זעהר אָרענטליך...

פ י ע ט ר אָ (זעהר דערפרעהט): ה׳ גראַף...

מ אַ ר ג ע ר י ט אַ (בלייך געוואָרען, זיך צוהערענדיג).

פ אַ ב ר י צ י אָ: און טאַקע דערפאַר, ווייל... ווייל כ׳זעה, אַז איהר נויטיגט זיך איצט אַזוי שטאַרק דערין.

פ י ע ט ר אָ: כ׳נויטיג זיך זעהר שטאַרק, ה׳ גראַף, זעהר שטאַרק.

פ אַ ב ר י צ י אָ: און צוליב דעם וואָס איך באַדויער אייך זעהר... וויל איך... (באַטאָנענדיג, כדי מאַרגעריטאַ זאָל איהם פערשטעהן) אַז איהר זאָלט מיך געדענקען צום גוטען... פערלאָזענדיג דאָס דאָזיגע הויז, וואָלט איך אייך געוואָלט איבערלאָזען אין גליק און פרייד... אייך און אייער טאָכטער.

פ י ע ט ר אָ (פערשיכור׳ט פון פרייד): דו הערסט, מאַרגעריטאַ!!

מ אַ ר ג ע ר י ט אַ (מיט אַ שוואַכע שטימע): יאָ פאָטער, כ׳הער.

פ י ע ט ר אָ (צו פאַבריציאָ׳ן): זי איז זעהר גערירט.

פ אַ ב ר י צ י אָ: איך וויל אייך אָבער בעטען אַ געפעליגקייט.

פ י ע ט ר אָ: ביטע זעהר, הערר גראַף.

פאַבריציאַ (זעהר שטיל): איהר האָט, וואַהרשיינליך, נישט פערניכטעט אייניגע בריעף, וועלכע איך האָב אייך געשריבען געשעפטליך... ס׳איז אַפילו אין זיי נישט פאַרהאַן קיין בעזונדערס... פונדעסטוועגען... אויב איהר ווילט מיר זיי צוריקגעבען, וועל איך זיין, אָפען גערעדט, פיעל רוהיגער.

פיעטראַ: איהר בעליידיגט מיך.

פאַבריציאַ: ה׳ פיעטראַ, מיר זענען דאָך אַלטע בעקאַנטע...

פיעטראַ: איך ווייס נישט, וואָס איהר מיינט דערמיט צו זאָגען, אַלענפאַלס... אַזוי ווי איך וויל אייך נישט זיין דאַגעגען... (עפענט אויף אַ שופלאָד פון שרייבטיש און זוכט צווישען די פאַפירען) כ׳וויל ערפילען אייער פערלאַנג... (גיט איהם אָב אַ פעקעל בריעף) אָט זענען אייערע בריעף.

פאַבריציאַ (איבערצעהלענדיג): יאַ, אַלע (שטעהט אויף, פויזע. נעמט אַרויס אַקאָנווערט פון טאַש). דאָס איז פאַר אייך.

מאַרגעריטאַ (וואָס אַמאָל אונרוהיגער, וואַרפט צו איהם אַ בליק).

פיעטראַ (שטעקט נירוג אַרויס די האַנד און וויל נעהמען דעם קאָנווערט).

פאַבריציאַ: איידער איהר נעהמט דעם קאָנווערט, מוזט איהר מיר אבער צוזאָגען, צושווערען, אַז איהר וועט דאָס געלד נישט אויסגעבען אויף אייערע שלעכטע געוועהנהייטען אויף ווילדע זאַכען (מיט הערליכקייט און אָפענהערציגער מ[illegible]קייט), איך רייד צו אייך, ווי אַ פריינד, ה׳ פיעטראַ. געדענקט, אַז איהר האָט אַ טאָכטער און אַלץ וואָס איהר גיט אויס אויף זאַכען אהן נוצען, נעהמט איהר אוועק ביי די, פאַר וועלכע איהר האָט די הייליגסטע פערפליכטונגען.

פיעטראַ (אונטערטעניג): אין אייער שטימע קלינגט אַזויפיעל גוטקייט און ליבע, אַז איך בין גאָרנישט צוגעוועהנט דערצו. איך דאַנק אייך, ה׳ גראַף... און איך גיב אייך מיין עהר... (רייסט איבער, אונאנגענעהם פערלעגען, דערנאָך פערבעסערט ער) און איך שווער אייך ביי דער עהרע פון מיין טאָכטער (מאַרגאַריטאַ׳ס און פאַבריציאַ׳ס בליקען בעגעגנען זיך אינסטינקטיוו) אַז איך וועל דאָס געלד אויפ׳ן בעסטען אופן בעהאַלטען פאַר איהר.

מאַרגעריטאַ (שטעהט אויף אַ ציטערנדע און בלייבע הויך):

ניין... פֿאָטער... קיינמאָל נישט... איך וועל נישט ערלויבען, אַז...

פּיעטראָ: שווייג!... מיר וועלען שוין שפּעטער הערען, וואָס דו ערלויבסט יאָ אָדער נישט.

פֿאַבריציאָ: ביטע, ה׳ פּיעטראָ. (גיט איהם דעם קאָנווערט).

פּיעטראָ (עפֿענט מיט אַ קלאַפּעדיג האַרץ דעם קאָנווערט און זיין פּנים ווערט תיכף אויפֿגעלעבט, זיינע אויגען גלאַנצען פֿון פֿרייד און פֿערוואונדערונג): הערר גראַף!... וואָס טהוט זיך דאָ? חלום איך? יאָ, דאָס איז אַ חלום... אַזוי פֿיל האָב איך זיך נישט פֿערדינט! (ווייזט די באַנקנאָקען מיט אַ אויפֿגעהויבענע האַנד) מאַרגעריטאַ! מאַרגעריטאַ!..

(פּויזע).

מאַרגעריטאַ (האַלט זיך אָן ביים טיש).

פּיעטראָ (ענדערענדיג דעם טאָן): מאַרגעריטאַ!... דו ווערסט בלייך...

מאַרגעריטאַ (שטרענגט זיך איבערמענשליך אָן צו ריידען): פֿאָטער, דו טאָרסט דאָס געלד נישט נעהמען!

פּיעטראָ: איך קאָן נישט נעהמען דאָס געלד?... דו ביזט משוגע געוואָרען?

פֿאַבריציאָ: הערט נישט וואָס זי רעדט, ה׳ פּיעטראָ.

מאַרגעריטאַ (שרייט): דו קאָנסט עס נישט, דו קאָנסט עס נישט נעהמען!

פּיעטראָ (מיט אויסגעגלאָצטע אויגען): איך קאָן עס נישט נעהמען? (אַרומנעמענדיג מיט אַ צווייפֿעל, אויפֿציטערענדיג) פֿאַרוואָס? (שטיל): זאָג, פֿאַרוואָס, קען איך נישט נעהמען דאָס געלד?

מאַרגעריטאַ: אַך! דו האָסט עס נישט פֿערשטאַנען? גוט? וועל איך דיר זאָגען...

פּיעטראָ: זאָג...

מאַרגעריטאַ (מיט פֿייער): ווייל דאָס איז די בעלוינונג פֿאַר מיינע פֿערברעכען...

פּיעטראָ (חאַפּט אַוועק דאָס געלד): ניין!

פֿאַבריציאָ: שווייגט, פֿריילין מאַרגעריטאַ!

מאַרגעריטאַ: ווייל דאָס איז דער לוין פֿאַר מיין זינד...

פּיעטראָ: ניין!

מאַרגעריטאַ: דאָס איז דער פּרייז פאַר מיין אומגליקליכע, אונבערעכענטע ליבע! דערפאַר בעצאָהלט ער! דו פּערשטעהסט? דערפאַר בעצאָהלט ער מיר און דיר! ער וויל זיך קויפען דאָס רעכט אַוועקצוּוואַרפען מיך, ווי מ'וואַרפט אַוועק אַ גאַסען-מיידעל, וועלכעס מ'דאַרף שוין מעהר נישט!

פּיעטראָ (קאָרטשענדיג זיך פאַר שטערן און פּעס): אַוועק! אַרויס פון מיין הויז... געה! געה!... מיך עקעלט פאַר דיר..

מאַרגעריטאַ: פאָטער!

פאַבריציאָ: איך בעט אייך, ה' פּיעטראָ...

פּיעטראָ: איך רייד נישט מיט אייך, ה' גראַף!

(פּויזע, בעת וועלכע אַלע דריי שטעהען זיי אונבוועגליך).

פּיעטראָ (צו מאַרגעריטאַ'ן): געה!

מאַרגעריטא (שטעהט אויף פּאַמעליך, שטאַרק ווייגענדיג, לאָזט זיך אונטערטעניג צו דער טיר).

פּיעטראָ (אין האַסטיגען אויסבּרוך): ניין, וואַרט! (בעטענדיג) וואַרט! (פּויזע) די גאַסען זענען פול מיט געפאַהר... און באַלד... (ציטערט אויף) באַלד ווערט נאַכט... (דערנאָך אין אַ ענטשיידענעם טאָן צו פאַבריציאָ'ן) ה' גראַף, איהר ועט אַזוי נישט אַוועקגעהן פון מיין טאָכטער.

פאַבריציאָ (העפליך): ה' פּיעטראָ, אין איהר אָנוועזענהייט קאָנען מיר נישטריידען פריי.

פּיעטראָ: גוט. (צו מאַרגעריטאַ'ן) דו האָסט געהערט?

מאַרגעריטאַ: יאָ.

פּיעטראָ (נעהמט זי אָן פאַר'ן אָרעם און פיהרט זי צו צו דער לינקער טיר, שעפּטשענדיג איהר אין אויער אַריין): דו האָסט מיר אַלץ מודה געווען?

מאַרגעריטאַ (נאָך אַלץ בלייבענדיג): אַלץ!

פּיעטראָ: מעהר האָסטו שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגען?

מאַרגעריטאַ: ניין, פאָטער.

פּיעטראָ: דו האָסט געהאַט בעציהונגען נאָר מיט איהם אַליין?

מאַרגעריטאַ (שטאָרץ אין אויפריכטיג): יאָ... נאָר מיט איהם אַליין! (אָב).

פֿיערטער אריפֿטריט.

פ י ע ט ר אָ, פֿ אַ ב ר י צ י אָ.

פ י ע ט ר אָ (פֿערמאַכט די טיר, נעהמט די באַנקנאָטען און דער־לאַנגט פֿאַבריציען, אין אַ כמעט בעטענדען טאָן): העדר גראַף, נעהמט דאָס צוריק.

פֿ אַ ב ר י צ י אָ (שאָקעלט גערולדיג מיט'ן קאָפּ און בעהאַלט די באַנקנאָטען).

פ י ע ט ר אָ: איצט וועט איהר קענען ענטפֿערן... איהר וועט אַזוי נישט אַוועקגעהן פֿון מיין טאָכטער...

פֿ אַ ב ר י צ י אָ: איך פֿערשטעה אייך ניט, ה' פּיעטראָ.

פ י ע ט ר אָ (מיט אַ שטאַרק ציטערנדע שטימע): איהר פֿערשטעהט דאָס נישט? ס'איז דאָך אַזוי קלאָר, אַזוי איינפֿאַך.

פֿ אַ ב ר י צ י אָ: איהר זענט צו אויפֿגערעגט. מיר וועלען דאָס בעסער איבערלאָזען אויף אַ אַנדערע רוהיגע צייט.

פ י ע ט ר אָ: דאָ האַנדעלט זיך דאָך אָבער נישט וועגען ער־לעדיגען עפּעס אַ געשעפֿט. דאָ האַנדעלט זיך וועגען איהר! וועגען מיין טאָכטער... און מיר האָבען נישט קיין רעכט צו פֿערלענגערן די מינוטען פֿון איהרע ליידען... לאָמיר איצט, אַלזאָ, ריידען וועגען דעם, ה' גראַף.

פֿ אַ ב ר י צ י אָ (ועצט זיך, רעזיגנירט): ביטע.

פ י ע ט ר אָ: אַלס עהרענמאַן לייקענט איהר נישט אָב (שנעל) קאָנט איהר נישט אָבלייקנען, אַז ווען איהר האָט זיך בעקענט, איז מיין טאָכטער געווען אַ עהרליך מיידעל.

פֿ אַ ב ר י צ י אָ: כ'לייקען נישט אָב.

פ י ע ט ר אָ: איהר קאָנט אויך נישט אָבלייקענען, אַז די ער־קלערונג... אַז די ערקלערונג, וועלכע האָט זיך נאָר־וואָס אַרויס־געריסען פֿון איהר מויל, איז אמת.

פֿ אַ ב ר י צ י אָ: כ'לייקען דאָס אויך נישט אָב.

פ י ע ט ר אָ: ווער איז, אַלזאָ, פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר'ן גע־שעהענעם?

פֿ אַ ב ר י צ י אָ: ביידע! מאַרגעריטאַ איז נישט קיין קינד

און איך בין נישט קיין פערפיהרער און נישט קיין בעטריגער... מיר האָבען זיך געליעבט, מיר זענען זיך געגענזייטיג געפעלען... מיר זענען געווען שוואַך און אונפאָרזיכטיג... איך דאַרף אייגענטליך אַזוי נישט ריידען, איהר צווינגט מיך אָבער דערצו. ביידע דאַרפען ליידען זייער טייל פֿעראַנטוואָרטליכקייט.

פ י ע ט ר אָ : זעהר ריכטיג! (מיט אַ שמערצליכען ענטוזיאַזם) א פערי אַנטוואָרטליכער מאַנספערזאָן, אַ פעראַנטוואָרטליכע פרוי! די מענשליכע נאַטור איז פאַר אַלע גלייך, פונקט אַזוי ווי דאָס געזעץ, נאָר מיט'ן אונטערשייד, אַז די דאָזיגע גלייכהייט ענדיגט זיך דאָרט, וואו ס'הויבט זיך אָן די חרטה. די פעראַנטוואָרטליכקייט איז אַגעמיינזאַמע, די פרוי צאָהלט אָבער איהר גאַנץ לעבען פאַר דער שוואַכקייט מיט שאַנדע, און דער מאַנספערזאָן געהט פון איהר אַוועק, צו-וואַרפענדיג איהר איינציגע באַנקנאָטען, און טיילמאָל בלויז צי-הענדיג מיט די אַקסלען... אָט אַזוי זעהט אויס די גלייכהייט פון דער מענשליכע נאַטור (פויזע). איך בין אַ נידריגער מענש און אַזאַ בין איך שטענדיג געווען, ווייל באַלד פון געבוירען אָן האָב איך גע'ירש'ענט אַ חוץ דאָס ביסעלע מאַלאַנט, אויך אַזעלכע חסרונות, וועלכע ענטוויקלען זיך דערנאָך כסדר, כדי צו ערנידריגען דעם מענש און איהם אונגליקליך צו מאַכען פונדעסטוועגען ווען איך האָב זיך איינמאָל נאָך אַ ברוטאַלען שריט געפונען לגבי אַ אָרים בעשעפעניש, וועלכע האָט נישט געוואוסט פון קיין אַנדערע זינד, אויסער די, צוו עלכע כ'האָב זי געבראַכט, האָב איך דערפיהלט די שטרע-בונג און נויטיגקייט זי צו נעהמען פאַר אַ פרוי (זעהר געריהרט). צוויי יאָהר האָט זי נאָר געלעבט מיט מיר צוזאַמען, אָבער די דאָזיגע צוויי יאָהר זענען געווען די גליקליכסטע אין מיין לעבען... (ענדערנדיג דעם טאָן) צי פיהלט איהר נישט, איהר, א מענש, וועלכער איז גייסטיג און פיזיש געזונד, די זעלבע שטרעבונג, די זעלבע בעדע-פעניש?

פ אַ ב ר י צ י אָ : וואָס האָט דאָס אַלץ מיט דער געגענווערטיגער אנגעלעגענהייט? איך פערשטעה נישט ווי אַזוי איהר, אייגענטליך אַ גאַנץ פערשטענדיגער מענש, קאָנט ערנסט פערלאַנגען פון מיר, אַז איך זאָל חתונה האָבען מיט אייער טאָכטער... איהר פאַלען פערשאַפט מיר מעהר זאָרג, ווי איהר מיינט. איך האָב זי ווירק-

קליך געליעבט און איך ליעב זי נאָך היינט און זי געפעלט מיר זעהר און איך שייד זיך פון איהר אויך נאָר צוליעב דעם, כדי זי צו פער־מיידען ווייטערדיגע אונאַנגענעהמליכקייטען. איך בין גרייט זי צו אַלע פּריוויליגע אָבמאַכען, נאָר חתונה האָבען מיט איהר? חתונה האָבען מיט איהר?...

פּיעטראָ: נישט אַנדערש.

פאַבריציאָ: איך בעט אייך איצט נישט צו שפּאַסען. איך בין נישט בעסער פון אַנדערע מענשען און וויל עס אויך נישט זיין. אויב די געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר לעבען, איז שלעכט, דאַרף איך זי אויסבעסערען?

פּיעטראָ: הערר גראַף, חתונה האָבען מיט אַ מיידעל, וועל־כע האָט זיך אייך איבערגעגעבען מיט לייב און זעעל, הייסט נאָך נישט דאָס זעלבע, וואָס אויסבעסערן די געזעלשאַפט.

פאַבריציאָ: דאָס זעלבע ווי טאַדלען די געזעלשאַפט, און דאָס איז נאָך געפעהרליכער.

פּיעטראָ: איהר וואָלט זי נאָר דאַן געטאַדעלט, ווען איהר וואָלט נישט זיכער געווען אין מיין טאָכטער׳ס אונשולד.

פאַבריציאָ: איך דאַרף דאָך אָבער נישט זיכער זיין אין איהר אונשולד, נאָר אַנדערע...

פּיעטראָ: הערר גראַף, אייער נאָמען איז אַ גאַראַנטיע.

פאַבריציאָ: טאַקע מיין נאָמען פאָדערט, אַז איך זאָל די אַנדערע אָבגעבען אַ רעכנונג וועגען מיין פרוי׳ס אונשולד.

פּיעטראָ: צו וואָס נוצט, אַלזאָ, אַזא נאָמען ווי אייערער, אויב ער קאָן נישט זיין קיין שוץ־מאַרקע, וואָס זאָל גאַראַנטירען פאַר אייער פרוי׳ס אונשולד?

(פּויזע).

פאַבריציאָ: הערר פּיעטראָ, איהר צווינגט מיך, אַז כ׳זאָל אייך זאָגען זעהר האַרבע ווערטער.

פּיעטראָ: ביטע... ביטע...

פאַבריציאָ: איהר כע־געזט, אָדער איהר מאַכט זיך פער־געסען אין דער וויכטיגסטער זאַך.

פּיעטראָ: די וויכטיגסטע זאַך איז דאָס, אַז מיין קינד איז

פֿעראומגליקליכט, אַלץ אַנדערע האָט נישט קיין שום בעדייטונג.

פֿאַבריציאָ: די וויכטיגסטע זאַך, וועלכע פֿאַרניכטעט אַלע האָפֿנונגען און צושטערט אַלע מיינונגען און פֿאַרוואורפֿען, איז דאָס, טייערער ה׳ פּיעטראָ, אַז דאָס מיידעל...

פּיעטראָ: וואָס?

פֿאַבריציאָ: אַז דאָס מיידעל איז אייער טאָכטער.

פּיעטראָ (אַזוי איבערראַשט און נידערגעשלאָגן, אַז ער קאָן נישט אַרויסריידן אַ וואָרט).

פֿאַבריציאָ (אויפשטעהענדיג): אין גרונד גענומען איז עס זעהר גוט, וואָס איהר האָט געהערט די דאָזיגע ביטערע ווערטער (פּויזע). איך פֿרעג אייך נאָר: ווען איך וואָלט אַ נאַר געליעבט מאַרגעריטען ביז צו משוגעת, ווי אַזוי וואָלט איך געקענט צושטערען דאָס אַלץ, וואָס רינגעלט זי אַרום, ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט אויסמעקען אייער גאַנצע פֿערגאַנגענהייט, אייער געגענוואַרט, אייער גאַנץ לעבען, — זיך דעליקאַט אויסדריקענדיג, די גאַנצע דיסקרעדיטירענדע אַטמאָספֿערע, וועלכע לאָקערט אויפֿ׳ן הויז, וואו מאַרגעריטאַ איז געבוירען געוואָרען און געלעבט... מיט ענטוזיאַזם קעמפֿט איהר פֿאַר פֿרויען. איהר האָט אָבער התונה געהאַט דערפֿאַר, ווייל אייער פֿרוי האָט, וואַהרשיינליך, נישט געהאַט אַזאַ פֿאָטער, ווי איהר זענט, און ווייל איהר האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו פֿערלירען און וואָס מקריב צו זיין פֿאַר דער פֿרוי. וואָס האָט איהר אָבער געקאָנט טון פֿאַר אייער טאָכטער?

פּיעטראָ (ציטערענדיג אינגאַנצען, ווי ער וואָלט געוועזן אַרומגענומען מיט שרעק): אום גאָטעס ווילען, שווייגט!

פֿאַבריציאָ: איך האָב מיט פֿערוואונדערונג און ערשטוינונג צוגעקוקט, וואָס ס׳טוט זיך דאָ ביי אייך אין הויז. איך בין געקומען, ווען איך האָב געוואָלט. כ׳האָב געטראָפֿען דאָס מיידעל אַליין שטענדיג אַליין, זיך לאַנגווייליגען און אַריינפֿאַלען אין אַ מעלאַנכאָלישע שטימונג, און שטרעבענדיג אומזיסט צו וועלכע ס׳איז בעשעפֿטיגונג, בלייבענדיג אַליין...

פּיעטראָ (ווי ער וואָלט מיט זיינע אויסגעשטאַרטע אויגען דערזעהן דאָס דאָזיגע טרויריגע בילד): אמת! אמת!

פאַבריציאָ: ...און גרייט צו יעדען קאַמף, צו יעדען אָזאַרד, יאָ, זאָגאַר צו זינד, אַבי זיך אַרויסצורייסען פון דער דאָזיגער געפענגעניש, וואו זי איז פאַר׳משפט גאָרנישט צו טון, קיין שום פּאַטריאָטישע אויפגאַבע, אָדער ליגע, וועלכע זאָל אונז צוריק האַלטען, וועלכע זאָל אונז וואָרנען, האָט נישט איהר און נישט מיר געשטערט אין וועג, און ווען די איינזאַמקייט האָט פערשטאַרקט איהר צווייפעל, איהר געהיימע בענקשאַפט, וואָס האָט איהר דאַן געטון, ה׳ פיעטראָ קאַרוזאָ?... וואו זענט איהר געווען? וואו זענט איהר געווען?

פיעטראָ (צובראָכען, רעדט מיט מיה אַרויס): גענוג, גענוג... איך קאָן אייך שוין מעהר נישט הערען, איהר זענט גערעכט... פאַלשטענדיג גערעכט (פערברעכענדיג די הענד, מיט געוויין). מוטשעט מיך מעהר נישט... לאָזט מיך אַ ביסעל צו רוה... און לאָמיר ענדיגען.

פאַבריציאָ (זעהר העפליך): די ענדע איז די, אַז מאַרגעריטאַ קאָן שטענדיג רעכנען אויף מיר... איך האָב גערעכענט אַז דערמיט וואָס כ׳וועל מיט איהר איבעררייסען אַלע ווייטערדיגע בעציהונגען, וועל איך איהר ברענגען נוצען. צוליעב דעם אָבער וואָס זי וואַרפט אָב מיין פאָרשלאַג, בעט איך נאָר, אַז ס׳זאָל מיר ערלויבט זיין צו בלייבען אויף ווייטער דער, וואָס כ׳בין פאַר איהר ביז איצט, און נעהמען אויף זיך די פליכט זיך פאַלשטענדיג בעמיהען פאַר איהר גוטען און — כ׳האָף — פאַר איהר גליק.

פיעטראָ (ווי איבעררַאשט): דאָס איז אייער פאָרשלאַג?

פאַבריציאָ: יאָ.

פיעטראָ: גוט. (פויזע. ס׳פאַלט איהם איין אַ שרעקליכער געדאַנק).

פאַבריציאָ: אויף ווידערזעהן, ה׳ פיעטראָ (היל אָבגעהן).

פיעטראָ: אין אייניגע מינוט אַרום וועט איהר בעקומען אַ ענטפער.

פאַבריציאָ: ווי איהר ווילט (וויל אָבגעהן).

פיעטראָ: ווילט איהר מיר נישט געבען די האַנד, ה׳ גראַף?

פאַבריציאָ (גיט איהם די האַנד): אָ, פאַרוואָס נישט.

פיעטראָ (כאַפּט די האַנד און דריקט זי געפיהלפול אייניגע סעקונדען): פערגעסט נישט דעם דאָזיגען דרוק.

פֿאַבריציאָ: פֿאַר וואָס?

פּיעטראָ: ווייל... ווען מאַרגעריטאַ וועט זאָגען „יאָ“ אויף אייער פֿאָרשלאַג... וועט פּיעטראָ קאַרוזאָ שוין זיין אויף יענער וועלט.

פֿאַבריציאַ: רעדט נישט קיין נאַרישקייטען.

פּיעטראָ: ביי אייך זעהט עס אויס ווי אַ אַבסורד, אַז אַזאַ מענש, ווי איך, האָט נישט קיין דרייסטקייט... ס'איז אָבער פּאָרט אַזוי (ברומענד). יאָ, ה' גראַף, אַזוי איז עס.

פֿאַבריציאָ: לאָזט צורוה, איהר וועט זעהן, אַלץ וועט נאָך גוט זיין, אַזוי, אַז...

פּיעטראָ: אַז אַלע וועלען זיין צופֿרידען?

פֿאַבריציאָ: זיכער.

פּיעטראָ: גאַנץ מעגליך (אַ קורצע פּויזע).

פֿאַבריציאָ: איצט אַלזאָ: אויף ווידערזעהן, ה' פּיעטראָ.

פּיעטראָ: יאָ, יאָ.

פֿאַבריציאָ (אָב).

פֿינפֿטע סצענע.

פּיעטראָ, מאַרגעריטאַ.

פּיעטראָ (איבערלעגענדיג דער הענד, דריקט זיי צו צו דער ברוסט. אַרומגענומען מיט אַ שרעקליכען וועהטאָג; בעמערקט דאָס פֿלעשעל בראָנפֿען, כאַפּט עס, גאָר טרינקט נישט און וואַרפֿט עס אַוועק, עטעמט אָב) אַך! (הוסט, שטצהט אויף, קוים זיך האַלטענדיג אויף די פיס, געהט צו צום צימער, אין וועלכען מאַרגעריטאַ געפינט זיך און קוקט אַריין דורכ'ן שליסעל-לאָך; עפּענט דערנאָך, ציטערנדיג, דעם שופלאָד פֿון שרייבטיש, נעהמט אַרויס אַ רעוואָלווער, איבערצייגענדיג זיך, אַז ער איז אָנגעלאָדען, בע-האַלט ער איהם אין טאַש פֿון מלבוש, דערנאָך רופֿט ער מיט אַ ווי ווייט מעגליך שטאַרקע שטים): מאַרגעריטאַ! מאַרגעריטאַ!

מאַרגעריטאַ (קומט אַריין, מיט רויטע אויגען פֿון וויינען, נישט דרייסט, זעהר געשפּאַנט).

פּיעטראָ (בעמיהט זיך צו דערשטיקען די שטאַרקע אויפֿרעגונג און רעדט מיט אַ כמעט פֿייערליכע שטימע, וועלכע איז אָבער נאָך שוואַך

און ציטערט א ביסעל אונטער): מאַרגעריטאַ, איך האָב לאַנג גערעדט מיט'ן גראַף פֿאַבריציאָ און מיר האָבען זיך אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס מענער אין אונזער לאַגע קאָנען זיך זאָגען. דער רעזולטאַט פֿון אונזער געשפּרעך איז, אַז חתונה האָבען מיט דיר קאָן ער נישט און ער וועט מיט דיר נישט חתונה האָבען (מאַרגעריטאַ מאַכט אַ בּעוועגונג). וועגען דעם איז נישטאָ וואָס צו ריידען... ער וועט נישט חתונה האָבען מיט פּיעטראָ קאַרוזאָ'ס טאָכטער (פּויזע). ער האָט אָבער געמאַכט אַ אַנדערן פֿאָרשלאַג... אַ אַנדערן פֿאָרשלאַג... גראַף פֿאַבריציאָ לעגט דיר פֿאָר דורך דיין פֿאָטער, אַז דו זאָלסט (מאַרגעריטאַ מאַכט אַ בּעוועגונג) בּלייבען זיין פֿריינדין, אַזוי ווי בּיז איצט; ער וועט דיר העלפֿען וויפֿיעל דו וועסט נאָר דאַרפֿען... דו זעהסט, אַז ס'האָט זיך מיר איינגעגעבען אַרויסצוזאָגען אין וואָס שענערע ווערטער דאָס, וואָס קיין פֿאָטער האָט זיכער נאָך נישט פֿאָרגעלעגט זיין טאָכטער (פּויזע) און איצט, מאַרגעריטאַ, קומט דיין רייהע... דו דאַרפֿסט זאָגען דיין בּעשלוס.

מאַרגערטאַ (וויל ענטפֿערן, זי האָט אָבער נישט די דרייסטקייט צו קוקען אויפֿ'ן פֿאָטער, אָדער איהם צו ענטפֿערן. זי ווערט טויט־בּלייך. פּויזע).

פּיעטראָ (קוקט זי שאַרף אָן, פֿול מיט פּיין און טרויער): ענטפֿער, מאַרגעריטאַ... (פּויזע, כמעט ענערגיש) מאַרגעריטאַ!

מאַרגעריטאַ (לאָזט אַראָב דעם קאָפּ).

פּיעטראָ (ציטערט איינגאַנצען פֿון אויפֿרעגונג, געהט צו איהר צו, קוקט אויף איהר, הויבּט מילד אויף איהר קאָפּ און צווינגט זי, אַז זי זאָל אויף איהם אַ קוק געבּען):

מאַרגעריטאַ: פֿאָטער!...

פּיעטראָ: רעד...

מאַרגעריטאַ (אָנשטענדיג און גלייכצייטיג ענטשלאָסען): איך ליעבּ איהם!

פּיעטראָ (פֿיהלט, אַז ס'האַרץ טוט אהים שטאַרק וועה, קאַן זיך קוים האַלטען אויף די פֿיס, בּעמיהט זיך אָבער זיך צו בּעהערשען): גוט. דו דאַרפֿסט מעהר גאָרנישט צוגעבּען (פּויזע). ער וואַט אויף דיין ענטפֿער. איך וועל דיר דיקטירען, שרייבּ.

מאַרגעריטאַ (פערוואונדערט, שרעקעוודיג און ראַטלאָז).

פיעטראָ (שנעל ברומענד): איך הייס דיך!

מאַרגעריטאַ (זעצט זיך אומאַטאַטיש בעבען שרייבטיש און נעהמט שרייבען).

פיעטראָ (מילד): נאָר איינינע ווערטער. שרייב! (ריקטירט) „איך נעהם אן אייער פּאָרשלאַג“ (פויזע. מיט דעם לעצטען שטראַהל פון האָפנונג): געשריבען!

מאַרגעריטאַ: יאָ.

פיעטראָ (ריקטירט): „איך נעהם איהם אָן, ווייל איך ליעב אייך, און ווייל איך האָב צו אייך אַ אונבעגרענצטען צוטרוי“. אויב דו זאָגסט איהם געוועהנליך „דו“, טאָ בעסער אויס (ריקטירט). איך בעט אייך, אַז איהר זאָלט קומען צו מיר, באַלד דערנאָך ווי איהר וועט דערהאַלטען דעם בריעף. אייער אַנוועזענהייט איז מיר אונבעדינגט נויטיג.“ (מאַרגעריטאַ מאַכט אַ בעוועגונג) געשריבען?

מאַרגעריטאַ: יאָ.

פיעטראָ: גוט. שרייב זיך אונטער און שרייב אָן אַ אַדרעס אויפ'ן קאָנווערט.

מאַרגעריטאַ (מהוט עס, לעגט אוועק דעם בריעף אויפ'ן שרייבטיש).

פיעטראָ (זוכט, ווי פערחלומ'ט): וואו איז מיין הוט?...

מאַרגעריטאַ: געה איצט נישט אַוועק, פאָטער.

פיעטראָ (נעהמט דעם בריעף פון שרייבטיש): פאַבריציאָ'ס פּאַלאַץ איז נישט ווייט. איך וועל צוטראָגען דעם גראַף דיין ענטפער.

מאַרגעריטאַ: ניין... דאָס איז נישט נויטיג! איך וויל נישט! איך וויל נישט!

פיעטראָ (אין די אויגען שפּיגעלט זיך נאָך אַב אַ שטראַהל פון האָפנונג): דו ווילסט נישט?... וואָס — וואָס ווילסטו נישט?

מאַרגעריטאַ: איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט אַליין געהן... דאָס וואָלט געוועזן מגונה, פאָטער. דאָס איז נישט פּאַסיג.

פיעטראָ: אַך, אַזוי! (פויזע. אויפבאַלעגדיג אין פייערדיגען בּרוּ- פען) דו ווילסט עס נישט?... דאָס איז דאָך אָבער דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך קאָן דיר זיין מיט עפּעס נוצליך... ביז איצט האָב איך

דר געטו, נאָר שלעכטס... זעהר פיעל שלעכטס!... איך האָב דיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל עס דיר שוין מעהר קיינמאָל נישט טון... קיינמאָל נישט, קיינמאָל!... כ'האָב ווידער געטרונקען... נאָר גלויב מיר, אַז דער מח איז מיר ריין און מיינע געדאַנקען זיינען קלאָרער, ווי ביז איצט!... (פויזע, דערנעהנטערט זיך צו איהר געריהרט, מיט אַ מילדער צערטליכקייט, הערט מיט אַ אונטערטעניגער אַכטונג) הער, מאַרגעריטאַ! דו ביזט געפאַלען... ווייל דו ביזט מיין טאָכטער.

מאַרגעריטאַ: פאָטער!

פיעטראָ (קניהט, צערטליך): איך בעט דיך פערצייהונג, וואָס איך בין דיין פאָטער.

מאַרגעריטאַ: פאָטער! דו דאַרפסט נישט אַזוי ריידען.

פיעטראָ (שליסט זי מיט געוואַלד אין זיינע אָרעמס און צעוויינט זיך הויך): זאָג מיר, אַז דו ביזט מיר מוחל...

מאַרגעריטאַ (וויינט אויך): איך האָב דיר גאָרנישט וואָס מוחל צו זיין.

פיעטראָ: דיין אומוויסענהייט איז פאַר מיר די שווערסטע שטראָף. זאָג, אַז דו ביזט מיר מוחל... מאַרגעריטאַ, איך בעט דיך.

מאַרגעריטאַ: גוט... איך בין דיר מוחל... יאָ... איך בין דיר מוחל.

פיעטראָ (קושט זי, מיט טרעהרען) איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר... (ווישט אויס די טרעהרען און מאַכט זיך ווי ער וואָלט זיך בערוהיגט) אַיצט... זעהסטו... בין איך רוהיג (מיט אַ שמייכעל) פאָלשטענדיג רוהיג (גלייכט זיך אויס).

מאַרגעריטאַ: דו געהסט אַרויס אין דעם מלבוש?

פיעטראָ: וואָס?! (שטאַרק צומישט, פערהאַקט זיך) אין דעם מלבוש? ניין! (טוט אויס דאָס הויז מלבוש און טוט אָן דעם פאַלטאָ, זוכט אַ געלעגענהייט צו בעזייטיגען מאַרגעריטאַ'ס בליקען: מאַרגעריטאַ, גיב נאָר אַ קוק צי ס'רעגענט.

מאַרגעריטאַ (קוקט אַרויס דורכ'ן פענסטער, דערווייל נעהמט ער אַרויס דעם רעוואָלווער): ניין, פאָטער, ס'רעגענט שוין נישט.

פיעטראָ: גוט.

מאַרגעריטאַ (דערלאַנגט איהם דעם הוט און שטעהט אַזוי װ בעטויבט אויפ'ן אָרט, וואַרפענדיג נאָך איהם פרעגענדע בליקען).

פיעטראָ: איך דאַנק דיר און איצט... (קושט זי. וואַקלענדיג איינינע סעקונדען, פערקנעפּעלט ער זיך דעם פּאַלטאָ). אַדיע... (אָפּגעהענדיג, זינגט ער שטיל, צווינגענדיג זיך דערצו מיט אַ איבערמענשליכער קראַפט)

ביז צום לעצטען אָטעם צוג
ביזטו געווען מיין טרייסט!

(הינטער דער סצענע)

אָ, לעאָנאָרא איז ערהאָבען שען...
אָ, פּע געט מיך נישט...

(זיין שטים פערקלינגט אין דער טיפעניש)

מאַרגעריטאַ (לאָזט אַראָפּ, זיצענדיג ביים טיש, די האַנד, פּרביט און קוקט מיט אַ בערוהיגטען שמייכעל פאַר זיך).

פאָרהאַנג.

הערמאן הייערמאַנס.

אמנעסטיע

דראמאטישער עפּילאָג אין 1 אקט.

פריי איבערזעצט

ז. זילבערצווייג.

פערזאנען:

דער דירעקטאָר פון געפענגניס.

דער אויפזעהער.

ארעסטאנט נומער 7.

די האנדלונג קומט-פאָר אין געפענגניש.

Drukarnia Piment i Szwabe, Warszawa, Sierakowska 4.

* *

*

הערמאן הייערמאנס, דער מחבר פון דאָזיגען איינאקטער, איז א בעקאנטער האָלענדישער דיכטער און דראמאטורג. אליין א יוד, (געבוירען דעם 3 דעצעמבער 1864 אין ראָטערדאם), האָט ער א חוץ זיינע עכט האָלענדישע שטיק „דאָס זיבעטע געבאָט“, „די האָפנונג“ און פיעל אנדערע פיעסען און איינאקטער, אויך צוגעשריבען א יודישע דראמא „געטא“ און א יודישען איינאקטער „אהאסווער“. איןביידע יודישע שטיק זעהט זיך א אסימילאטאָרישע טענדענץ, אזוי ווי ביידע פיעסען זענען אָבער גענומען פון לעבען, קאָן מען ביי זייער אויפפיהרונג נאָר אקצענטירען זייער דראמאטישע אקציע, דורכלאָזענדיג די טענדענץ.

הייערמאנס בעזיצט א אויסגעצייכענטע ביהנען-טעכניק און זיינע דראמאטישע שאפונגען געהן מיט ערפאָלג אויף אלע ביהנעס.

דער איבערזעצער.

די קאנצעלאריע פֿון געפֿענגניש־דירעקטאָר.

(דורך די פֿערגראטעוועטע פֿענסטער איז צו זעהן דעם הויף פֿון געפֿענגניש. אויפֿ'ן פֿענסטער שטעהען בלומען אין בלומען־טעפּלעך. די שאנק איז פֿול מיט דאָקומענטען, איבער דער שאנק הענגט דעם קעניג'ס בילד; אַ קליין שרייב־טישעל און איינ'גע שטיל — דאָס איז די גאנצע מעבלירונג. דורך די פֿערגראטעוועטע פֿענסטער רייסען זיך אריין זונען־שטראלען).

דירעקטאָר, אויפֿזעהער, דערנאָך דער ארעסטאנט

דירעקטאָר (א גרויער זקן, מיליטערישע פיגור, אויף דער ברוסט טראָגט ער א מיליטער־מעדאל, זעהר ערנסטע בעוועגונגען): **וואָס בעדייט דאָס וואס מ'קלינגט נאָך נישט?**

אויפֿזעהער (א יונגער ענערגישער מענש): **מ'וועט געוויס באלד קלינגען** (עפֿענט די טיר, הערט זיך אונטער, דאָס געפֿענגניש־זייגער הויבט אָן צו קלינגען) **פּונקט ווי זיי וואָלטען געהערט וואָס דער הערר דירעקטאָר האָט געזאָגט.** (האָט זיך איינגעקוקט אויפ'ן זייגער) **מיט צוויי מינוט פֿערשפּעטיגט, הערר דירעקטאָר.**

דירעקטאָר: ברענגט מיר אריין דעם נומער 7.

אויפֿזעהער: איצט קומט גראָד אויס די פֿירטעל־שעה פֿון זיין שפּאציר, הערר דירעקטער.

דירעקטאָר: זעהר גוט. דאָס איז זיין לעצטע שפּאציר.

אויפֿזעהער: אלזאָ, ער אויך?...

דירעקטאָר: פֿיהרט איהם אריין, פֿיהרט איהם אריין!

אויפֿזעהער (געהט ארויס דורך דער זייטען טיר).

דירעקטאָר (נעמט ארויס פֿון דער שאנק איינ'גע דאָקומענטען, לעגט זיי אויפ'ן שרייב־טישעל, דערנאָך עפֿענט ער די טיר אויף לינקס,

פון וועלכע ס'הערען זיך איניגע שטימען און רופט): איך בעט זיך צו פערהאלטען רוהיג. מ'דארף מיט מעהר געדולד ווארטען אין דער רייה. פערשטאנען? מ'וועט זיי באלד אריינפיהרען. איך בעט צו זיין שטיל, נישט צו טומלען, אויב נישט וועל איך הייסען צוערשט אריינפיהרען די לעצטע. (פערמאכט די טיר און בעגעגענט זיך מיט'ן גומער 7. וועלכער איז ביים אויבען־דערמאנטען, געשטאנען ביי דער טיר אויף רעכטס, נישט וואגענדיג אריינצוגעהן) קומט אריין. נו, קומט אריין...

(זעצט זיך ביים שרייב־טיש) זעצט זיך דארט אויף א שטול. (זוכט צווישען די דאקומענטען, געפונט עפעס א פאפיר, לעזט און צושמייכעלט זיך) נו, זעצט זיך דאך ענדליך. נעמט זיך א שטול. פערשטאנען?

א ר ע ס ט א נ ט (איינגעקארטשעט. בלייך מיט ווייכע גרויע האר איינגעפאלענע באקען, קליינע אויסגעלאשענע אויגען, א דארען האלז, אונרוהיגע בעוועגונגען, לאזט נישט ארוים דאס היטעל פון האנד): זעצען זיך? איצט איז דאך מיין שפאציר־צייט... איך האב זיך נעכטען מיט גארנישט פערזינדיגט, ביי גאט, גארנישט... איך האב נאר בלויז געלאכט. איז אזוי געשריבען אין ראפארט?

ד י ר ע ק ט א ר (מילד): אין ראפארט שרייבט מען גארנישט. כאטש — אין דער ווירקליכקייט קען זיין — אט איז דער ראפארט...

א ר ע ס ט א נ ט (נערוועז)... דארט איז איינער געזעסען און אזוי גענאסען, אז דער גייסטליכער האט געמוזט איבעררייסען די דרשה. דאס האט מיך געמאכט אזוי לאכען... און דער אויפזעהער דאט מיר געזאגט, אז אויב איך וועל נאך אמאל לאכען, וועט ער... וועט... (רייסט איבער)

ד י ר ע ק ט א ר (דרעהט איהם מיט'ן פינגער): הם... אלזא אזוי... איהר האט אלזא געלאכט אין קלויסטער?... (קוקט נאך אין ראפארט) יא, ווירקליך, אזוי איז ראפארטירט... (דער געפענגניש־גלאק ווערט שטיל) לאכען בעת א הייליגען געבעט? הם! דערפאר מוז מען אייך...

א ר ע ס ט א נ ט: אך! גרויסער גאט! איך האב נישט געלאכט פון גייסטליכען! פאר'ן גייסטליכען וואלט איך געשפרינגען אין פייער אריין, אויב ס'וואלט געווען נויטיג. יענער האט אבער נישט אויפגעהערט צו ניסען, און וואס מעהר ער האט זיך בעמיהט נישט צו ניסען, האט ער מעהר געפישטשעט, אזוי ווי א מויז... כי — כי

— כּי!... אזוי ווי א מויז... כּי — כּי — כי... איך חעל שוין מעהר נישט, הערר דירעקטאָר, כ'בעט אייך. בּייזערט זיך נישט אויף מיר. כ'וועל שוין מעהר נישט...

דירעקטאָר: גוט, גוט...

ארעסטאנט: אויב דער הערר דירעקטאָר וויל מיך דערפאר בעשטראָפען...

דירעקטאָר: דאָס וויל איך נישט; איך וויל נאָר, אז איהר זאָלט זיך צוזעצען אויף א ווייל.

ארעסטאנט: און די פירטעל שעה וואָס איך בעקום אויף א שפּאציר אויף דער פרייער לופט? (חיינענדיג) לאכען מעג מען דאָך אמאָל נישט ווילענדיג אויך. די נערוועו אליין, כאָטש ס'ווילט זיך נישט, קאָנען זיך דאָך אויך אמאָל צולאכען... און די פירטעל שעה פון מיין שפּאציר אויף דער פרייער לופט...

דירעקטאָר (שמייכעלט): היינט וועלען מיר אייך ערלויבען צו שפּאצירען פיעל לענגער. יאָ, יאָ... ווי הייסט איהר? (עפענט א קאָנטערס און זוכט אין די אקטען)

ארעסטאנט: נומער 7.

דירעקטאָר: ניין נישט דאָס מיין איך...

ארעסטאנט: יאָ, יאָ, זיבען. די זיבעטע צעלע אין ערשטען קאָרידאָר.

דירעקטאָר: אָדער ווי הייסט איהר? אייער ווירקליכער נאָמען?...

ארעסטאנט (לאכט נארישעוואטע, נישט פערשטהענדיג וואָס מ'רעדט צו איהם): כּי — כי — כּי! זיבען, באמת זיבען...

דירעקטאָר (בעזט): יאָהאן מילער, געבוירען...

ארעסטאנט (שרייט פּלוצים אוים): זי איז געשטאָרבען!

דירעקטאָר פערוואונדערט): וועֶר?

ארעסטאנט: ... זי איז געשטאָרבען? אויב זי איז געשטאָרבען, בעט איך, אז איהר זאָלט עס מיר באלד זאָגען, אָט דרעדלען, פשוט, באלד מיט איינמאָל, אזוי ווי דעמאָלט מיט פיער — ניין, מיט פינף, יאָהר צוריק...

דירעקטאָר: וואָס? ווער?

ארעסטאנט: נו, מיין טאָכטער! אין שפּיטאָל פאר משוגעים!

דירעקטאָר: ניין, יאָהאן מילער, זי איז נישט געשטאָר-בען, דאָס הייסט אויף וויפיל עס איז אונז בעוואוסט. איבריגענס וועט איהר איצט אליין עס קאָנען זיך באלד איבערצייגען.

אַרעסטאַנט (נישט נאָכטראַכטענדיג): וואָס וועל איך באַלד קאָנען.

דירעקטאָר: זיך וועגען דעם איבערצייגען. איהר ווערט לויט א קעניגליכען בעפעהל בעגנעדיג, אייערע לעצטע-באלד — אייערע לעצטע פיער יאָהר געפענגעניש זענען אייך אלערגנעדיגסט געשאָנקען געוואָרען. אונזער קעניג איז געשטאָרבען מיט דריי וואָכען צוריק און זיין נאָכפאָלגער האָט נעכטען אונטערגעשריבען א אמנעסטיע פאר אייך און פאר עהנליכע פערברעכער... נו, וואָס זאָגט איהר דערצו?

אַרעסטאַנט (לאַכט נארעשטזאאטע): כי — כי — כי... כי — כי — כי... אזוי, אזוי...

דירעקטאָר: יאָ, יאָ... איהר קאָנט געהן, יאָהאן מילער! יאָ, יאָ... איהר קאָנט געהן...

אַרעסטאַנט: איהר רעדט צו מיר, ה׳ דירעקטאָר! צו נומער 7?

דירעקטאָר: פון דער איצטיגער מינוט אן רופט איהר זיך שוין מעהר נישט נומער 7.

אַרעסטאַנט. ניין, ניין?... אלזא, אלזא... בין איך ווירקליך...

דירעקטאָר: יאָ, איהר זענט ווירקליך פון דער איצטיגער מינוט אָן פריי ווי א פויגעל...

אַרעסטאַנט: כי-כי-כי! אזוי ווי א פויגעל, ווי א פויגעל... איך מעג שפּאַצירען א גאנצע פערטעל שעה אונטער׳ן פרייען הימעל אזוי ווי פרייע א פויגעל... און לאכען? יאָ, אמת, כ׳האָב געלאכט... אמת... כ׳לייקען עס גאָרניש. דער הערר אויפזעהער האָט אָבער מיר שוין דערפאר אזוי... (רייסט איבער)

דירעקטאָר: איהר האָט נישט פערשטאנען, וואָס מ׳האָט אייך געזאָגט, יאָהאן מילער?

אַרעסטאַנט: יאָ, יאָ... זי איז נאָך נישט געשטאָרבען; דאָס וועט נאָך לאנג דויערען, זעהר לאנג... מיין פרוי וויים אין איז... מיין זוהן, ווייס איך אויך, נאָר זי, מיין טאָכטער, זעהר א

שטארקע, אפשר נאָך שטארקער פאר מיר... ס'איז א גרויסער וואונדער, וואָס גראָד א משוגע'נער בעזיגט שטענדיג דעם טויט... (פערשראכט זיך)

דירעקטאָר (ערנסט): יאָהאן מילער! (דער ארעסטאנט רופט זיך נישט אָן) מילער! (שטילשווייגען) נומער 7!

ארעסטאנט (גלייכט זיך אויס): דאָ, ה' דירעקטאָר!

דירעקטאָר: נומער 7. דער קעניג האָט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מ'זאָל אייך היינט בעפרייען. פערשטאנען? נאָך היינט בעפרייען!...

ארעסטאנט: גוט, ה' דירעקטאָר... גוט...

דירעקטאָר (מיט'ן טאָן פון א פרעדיגער): יאָהאן מילער! איהר האָט שוין געהאט גענוג צייט און געלעגענהייט נאָכצוטראכטען וועגען פערברעכען וואָס איהר זענט בעגאנגען מיט צוואנציג יאָהר צוריק. אלזאָ, נומער 7? (קוקט נאָך אין די דאָקומענטען) אלס פערברעכער, האָט אייך די געזעלשאפט איבערגעגעבען אונטער אונזער אויפזיכט און אָט געבען מיר אייך נאָך צוואנציג יאָהר צוריק דער זעלבער געזעלשאפט, אלס בירגער, וועלכער איז ניי געבוירען געוואָרען דורך אויפריכטיגע תשובה און חרטה... פערשטאנען? איצט זענט איהר פריי. דאָס וואָז איהר האָט דאָ אין געפענגניש פערדינט דורך אייער ארבייט, וועט איהר באלד בעקומען אויסגעצאָהלט. איהר האָט זיך דאָ זעהר גוט אויפגעפיהרט. איז ראפאָרט ווערט אזוי געזאָגט.

ארעסטאנט: יאָ, דער ראפאָרט! ווירקליך... איך בין געזעסען גאנץ רוהיג און כ'האָב געבעטען צו גאָט אָט אזוי מיט פערלענגטע הענד. דער הערר אויפזעהער אליין קאָן עדות זאָגען, אז כ'זאָג דעם אמת. דער וועכטער אליין האָט עס אויך געוויס געזעהען, און אויב ער וויל נישט מיין עולה, וועט ער זאָגען דעם אמת, אזוי ווי ס'איז געוועזען...

דירעקטאָר (קלינגט): יאָ, יאָ, שוין גוט... (צום אויפזעהער, וואָס איז אריינגעקומען) נומער 7 איז פריי. פיהרט איהם אריין צום אדמיניסטראטאָר.

אויפזעהער: קומט. איהר וועט בעקומען געלד. פיעל

געלד. נו, קומט שוין, נומער 7.

אַרעסטאַנט (טעמפּ): וואָס... וואָס וועט אַלזאָ זיין?...

דירעקטאָר (צום אויפזעהער): מ'קאָן עס איהם נישט ערקלערען. ער פערשטעהט נישט, וואָס מ'רעדט צו איהם.

אויפזעהער: דו וועסט שוין מעהר נישט צוריקקעהרען אין צעלע נומער 7. (לאַכענדיג) מענש איינער, איהר זענט פריי! איהר קאָנט ארויסגעהן אויף דער גאַס.

אַרעסטאַנט (אונבעוועגליך): אויף דער גאַס? — און נישט צוריקקומען? — אהין — אין מיין צעלע? ווער זאָגט עס?

דירעקטאָר (לאַכט): דער נייער קעניג זאָגט עס.

אַרעסטאַנט (הייבט איינצ גוויוז אָן צו פערשטעהן): דער נייער קעניג וויל נישט, אז איך זאָל דאָ ווייטער בלייבען?... ער וויל נישט? וואָס האָב איך דען אזעלכעס געטהון?

דירעקטאָר: איהר האָט גאָרנישט געטהון. פערקעהרט! אין פערלויף פון דער גאַנצער צייט וואָס איך בין דאָ אויפ'ן פּאָסטען, און אויך פון פריהערדיגען דירעקטאָר, האָט איהר זיך, יאָהאַן מילער, אויסגעצייכענט אויפגעפיהרט...

אַרעסטאַנט (ווי ערוואַכט): ...פאַרוואָס רופט איהר מיך נישט: „נומער 7"? פאַרוואָס רופט איהר מיך ביים נאָמען? יאָ, יאָ, אזוי האָב איך אמאָל געהייסען... יאָהאַן... יאָהאַן... מילער...

דירעקטאָר: איך רוף אייך היינט ביים נאָמען, ווארום פון היינטיגען טאָג אָן וועלען אייך שוין אַלע אזוי רופען. ווארום איהר בלייבט שוין דאָ מעהר נישט.

אַרעסטאַנט: ...איך בלייב נישט? איך טאָר דאָ מעהר נישט בלייבען?...

דירעקטאָר: ניין, איהר טאָרט נישט... געהט אוועק פון דאַנען... געהט אוועק מיט'ן הערר אויפזעהער.

אַרעסטאַנט: איך וויל נישט געהן! איך וויל נישט... איך ווייס נישט וואָס ס'טהוט זיך דארט אויף דער וועלט, איך ווייס שוין גאָרנישט... איך האָב שטענדיג געמיינט, אז מ'וועט מיר ערלויבען דאָ רוהיג שטארבען, אזוי ווי דער גייסטליכער האָט מיר אזוי פיעל מאָל צוגעזאָגט. וואָס וועל איך איצט דאָרט טהון, אויף

דער וועלט? וואָס?... וואָס?..,

דירעקטאָר (ווייזט־אָן אויפ׳ן פענסטער): דאָס וועט איהר שוין בעשליסען ווען איהר וועט זיך געפינען אויף דער פרייהייט. אונטער׳ן פרייען הימעל, אונטער דער פרייער זון...

ארעסטאנט (קוקט דורכ׳ן פענסטער): זון... זון... הימעל... הימעל... (שטרענגט זיך אָן צו דערמאָנען זיך) און וואָס פאר׳ע חודש האָבען מיר היינט?

דירעקטאָר (גיט א צייכען דעם אויפזעהער, אז ער זאָל ארויסגעהן דער אויפזעהער געהט תיכף ארויס) יוני...

ארעסטאנט (רעכענט אויף די פינגער): יוני... יוני... יוני, און וועלכער טאָג?

דירעקטאָר: מאָנטאג, דער זיבענצענטער... איצט ווייסט איהר שוין?

ארעסטאנט: מאָנטאָג? מאָנטאָג, יוני? און וואָס פאר׳ע יאָהר האָבען מיר היינט? כי — כי... וואָרום איך ווייס שוין איצט גאָרגישט... גאָרנישט.

דירעקטאָר: 1907. און אין 1889 זענט איהר פער׳משפט געוואָרען פאר א פערגיפטונג.

ארעסטאנט (איבערראשט): יאָ! פאר פערגיפטען א פאָרל... (פאלט אויפ׳ן שטול ציטערנדיג און וויינענדיג) טרייבט מיך נישט ארויס פון דאנען! איך בעט אייך — טרייבט מיך נישט ארויס! וואָס וועל איך איצט דאָרט טהון? וואָס וועל איך איצט!...

דירעקטאָר: בערוהיגט זיך. אפשר האָט איהר עפעס א קרוב?

ארעסטאנט (וויינענדיג): איך האָב קיינעם נישט! קיינעם נישט...

דירעקטאָר: אפשר א פריינד, א בעקאנטען?

ארעסטאנט: קיינעם נישט... קיינעם נישט...

דירעקטאָר: וועט איהר אהיימפאָהרען אין אייער שטאָדט. דער בעאמטער וועט אייך אָבפיהרען אויפ׳ן וואָקזאל און..

ארעסטאנט (פערצווייפעלט) ניין! ניין! ניין!

דירעקטאָר: האָט אייך די לעצטע יאָהרען קיינער נישט בעזוכט?

ארעסטאנט: קיינער נישט.

דירעקטאָר: אפשר וועט איהר געהן צום גייסטליכען?

ארעסטאנט: ניין, ניין... איך האָב דאָך נעכטען געלאכט... ער וועט מיך איצט... ניין, ניין!...

דירעקטאָר: אָבער, יאָהאַן מילער, מיר קאָנען אייך דאָ לענגער נישט האלטען... מיר קאָנען עס בשום אופן נישט...

ארעסטאנט (בעט בעוואוסטלאָז): איך פערזיכער אייך אָבער, אז איך וועל שוין קיינמאָל נישט לאכען. קיינמאָל נישט! איך שווער... וואָס קאָן ארען דעם ניינ'ם קעניג, אז איך וועל דאָ שטארבען, אזוי ווי דער גייסטליכער האָט מיר צוגעזאָגט... ווי אזוי קאָן איך איצט ארויסגעהן אויף דער גאס? ווי אזוי? מ'וועט דאָך מיך בעווארפען מיט בלאָטע, אזוי ווי דעמאָלט, ווען מ'האָט מיך געפיהרט צום געריכט, ווען מ'האָט מיך גע'משפט פאר... פאר...

דירעקטאָר: פאר פער'סמ'ן א פאָרל...

ארעסטאנט: יאָ!... יאָ... איך ווייס, אז מ'טאָר נישט דער הרג'נען... אין די עשרת הדברות ווערט דאָך געזאָגט: „לא תרצח“, איך בין אָבער געריהרט געוועזן אויפ'ן מ"ח אזוי ווי מיין טאָכטער... יאָ... יא... און דאָס געלד פון די... פון די...

דירעקטאָר: אלטע לייט.

ארעסטאנט: ...יאָ! יאָ!... דאָס געלד פון די אלטע לייט האָט מיר אזוי פערדרעהט דעם קאָפּ.. מיין פרוי פלעגט שטענדיג זאָגען: ווען די צוויי אלטע וואָלטען געשטאָרבען, וואָלטען מיר אויפגעהערט צו ליידען נויט... אָך! פארוואָס דערמאָנט איהר מיך דאָס! איך האָב שוין דאָס אלץ פערגעסען! פאָלשטענדיג, אזוי ווי ס'וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געווען... איהר מיינט אז דאָס האָט מיר נישט געעגבערט דעם מח אי'ן פערלויף פון פיעל יאָהרען, אין די לאנגע נעכט ווען איך בין געלעגען אויפ'ן געלעגער, נישט קאָנענדיג איינשלאָפען, אין די שרעקליכע יסורים פון עראינערונגען און תרטה?... צי ווילט איהר, אז מ'זאָל איצט יעדער שרייען אויף מיר אין אלע גאסען; דער פערגיפטער! דער פערגיפטער!...

דירעקטאָר (בערוהיגט איהם): מילער! מילער! פערשטעהט דאָך! וואָס רעדט איהר? קיינער וועט דאָך איצט אין אייך נישט

רע־קענען דעם מענש מיט 20 יאָהר צוריק...

אַרעסטאַנט: ניין! מ׳וועט מיך דערקענען! זיי קענען מיך גוט! אלע קענען מיך! אלע! אלע!...

דירעקטאָר: וואָס רעדט איהר, מילער, אָט הענגט דאָ א שפּיגעל, קוקט זיך אָן אויב איהר גלויבט מיר נישט... פערשטעהט דאָך, מענש... איהר געהט ארויס פון געפענגניש מיט אגעצוג גרויסע סומע געלד, און דער גייסטליכער וועט זיך אויך מיט אייך פעראינטערעסירען.

אַרעסטאַנט (האָט זיך פּאַמעליך אויפגעהויבען, אריינגעקוקט אין שפּיגעל און זיך דערשראָקען): דאָס בין איך? איך בין דאָס דער?...

דירעקטאָר (מילד): נו, איצט רעכענט איהר נאָך, אז ס׳וועט אייך ווער דערקענען?

אַרעסטאַנט (קוקט נאָך אלץ אין שפּיגעל): וויפיעל יאָהר האָב איך זיך שוין נישט אָנגעקוקט?

דירעקטאָר: צוואַנציג יאָהר... (קלאַפּט איהם איבער די פּלייצעס) נו, געהט שוין אריין צום אדמיניסטראַטאָר, און, אז איהר וועט זיך ערלעדיגען, טאָ קומט אריין זיך געזעגנען, איהר פערשטעהט?

אַרעסטאַנט: ניין, ניין, דאָס בין איך שוין נישט איך... (לאַכט בעוואוסטלאָז) דאָס איז גאָר אַנ׳אַנדערער. כי — כי... אַנ׳אַנדערער... כי — כי — כי...

דירעקטאָר (א ביסעל דענערווירט): יאָ... יאָ! (קלינגט, ס׳קומט אריין דער אויפזעהער)

אַרעסטאַנט (פערטראַכט פאַר׳ן שפּיגעל) בין איך געווען א שאַטינער, אָדער — א ברונעט..ר? כי — כי — כי... דאָס איז קאָמיש, כי — כי — כי... דאָס איז אמוזירענד, כ׳האָב אינגאַנצען פערגעסען ווי כ׳האָב אויסגעזעהען... — כי — כי — כי!

דירעקטאָר (פערשטענדיגט זיך מיט׳ן אויפזעהער).

אויפזעהער: איהר זענט גרייט. נומער 7? איך וועל אייך אויסזוכען אַ פּאַסיג מלבוש (הייבט איהם אָן איינציגווייז ארויסצופיהרען)

אַרעסטאַנט: זעהר גוט...

דירעקטאָר: נו, אדיע, יאָהאַן מילער... וואָס? איהר דאַנקט מיר

זאָגאר נישט?

ארעסטאנט (ווידער בעוואוסטלאָז): יאָ, יאָ... ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט... (געפונט קוים ווערטער) אביסעל זיך דורכגעהן אויף דער לופט... אָ דאָרט, אביסעל... אביסעל... און לאכען? ניין! ניין! איך וועל שוין קיינמאָל נישט לאכען. ניין! זאָל מען מיך ארויס־ווארפען פון קירכע אויב איך וועל אפילו אַ שמייכעל טהון...

דירעקטאָר (צום אויפזעהער): איך בעט איהם אריינצופיה־רען צום אדמיניסטראטאָר. און גיט מיר אהער (זוכט אין די אקטען) נומער 82.

אויפזעהער: צו אייער בעפעהל, ה׳ דירעקטאָר.

ארעסטאנט קוקט נאָך אלץ אין שפיגעל):

(דער אויפזעהער לעגט איהם ארויף די האנד אויפ׳ן אָרעם, ער האָט אויפגעטרייסעלט, א ציטער געטהון און קוקט בעטענד אין דער ריכטונג פון דירעקטאָר)

דירעקטאָר: געהט. געהט, איהר זענט בעגנעדיגט... פערשטאנען?

אויפזעהער (פיהרט ארויס דעם ארעסטאנט, וועלכער קוקט אלץ אין דער זייט פון שפיגעל):.

פאָרהאנג.

דאָס אויפפיהרונגס־רעכט ווערט געשיצט:

אין רוסלאנד: דורכ׳ן דראמאטישען און מוזי־קאלישען שריפטשטעלער־פערבאנד אין פעטערבורג.

אין פוילען: דורכ׳ן יודישען ליטעראטען און זשורנאליסטען־פעראיין אין לאָדז.

פערלאג „יודיש“ ווארשא.

15) זכרונות און ארטיקלען. .... ו. מעדעם.

מיט דער ביאגראפיע און בילד פון אויטאר.

(„אזא גלענצענדער שריפטשטעלער, ווי מעדעם, ווערט געליינט נישט גאר ביי זיין אייגען פאלק, נאר אויך ביי אנדערע פעלקער“).

16) די נשמה פון א פרוי .... סאבאטי.

(„די פרוי, איהר בלוט, איהר וועלט, איהר מאכט, איהר ראל — דאס זענען די פעדעם, פון וועלכע עס איז מיט אזויפיל טאלענט אויסגעוועבט געווארען דערדאזיגער מערקווירדיגער ראמאן“.)

17,18,19,20, אלעקסאנדער דער ערשטער .... ד. מערעזשקאווסקי.

(„וויל מען פארשטעהן דאס גרויסע און טראגישע רוסלאנד אין זיין ערשטען קאמף מיט'ן צאריזם, אין זיין ירידה און גלאנץ, אין זיין גוטען און שלעכטען, מוז מען לייענען דאסדאזיגע גראנדיעזע ווערק, וואס איז אן אוצר פון אונשעצבארער קונסט“).

21) די שטרעמונגען אין דער ליטעראטור פון XIX־טען יאהרהונדערט.

(„היינטיגע צייטען איז זיך שווער פארצושטעלען א ליטעראטור, וואס אין איהר זאלען נישט איבערגעזעצט ווערען די טיפע און גלאנצפולע ווערק פון וועלט־בעריהמטען קריטיקער און דענקער“).

22) נאפאלעאן אין רוסלאנד .... היינריך ראס.

(„היינריך ראס געהערט נישט צו יענע שרייבער, וואס האבען געזונגען לויבלידער נאפאלעאנ'ען, נאר ער געהט איהם בעסער נאך טריט ביי טריט און דעקט אויף די אלע טונקעלע זייטען פונ'ם גרויסען קריגפיהרער, אין זיין מלחמה מיט רוסלאנד. דאסדאזיגע בוך איז אונגעהויער אינטערעסאנט און שפאנענדיג פאר יעדען“).

פערלאַג „יודיש“, וואַרשא.

23) אונטער אַ ווייסען פאַרהאַנג ..... דוד קאַסעל.

(„די ברייט-געשילדערטע לאַנדשאַפטען, די בולט'ע בילדער, פאַרבען און געשטאַלטען און דער פיינער פסיכאָלאָגישער אַנאַליז — דאָס אַלץ זענען גאָר נייע טענער אין דער יודישער ליטעראַטור“).

24,25,26) דריי דורות .... יואל מאַסטבוים.

(„דאָס איז אַ גרויס ווערק, וואָס כאַפּט-אַרום אַ שטיק לעבען פון דריי דורות מיט זייערע איבערגאַנגען און טראַגיזם, וואָס מאַכט אַ געוואַל-טיגען רושם אויפ'ן לעזער“).

27,28) מאיר יעזעפּאָוויטש .... ע. אָרזשעסקאָ.

(„מאַנכע האַנדלונגען און טיפּען פון דעמדאָזיגען בוך זענען אַזוי שפּאַנענ-דיג און אַזוי שטאַרק, אַז דער איינדרוק בעהערשט דעם לעזער, ווי עפּיס אַנ'אונגעוועהנליכע מאַכט“).

29,30) פּוילען .... נח פּרילוצקי.

(„דאָס זענען די סאַמע ווילטיגסטע און העכסט-בעלעהרענדיגסטע בילדער וועגען פּוילען, און יעדער יוד, וואָס וויל זיך אָריענטירען אין די פראַגען וועגען פּוילען, מוז אונבעדינגט זיי האָבען אונטער דער האַנד“).

31) דאָס בוך פון דער צייט ...... דוד איינהאָרן.

(„אַ שלייער פון פּאָעזיע ליגט אויף איינהאָרנס פּראָזע און די געדאַנקען לייכטען-אַרויס, ווי גאָלדענע פונקען“). פּרייז 15 מ.

32) בעגייסטערונג .... משה בראָדערזאָן.

(„די יודישע פּאָעזיע ווערט דאָ בעריי כערט מיט נייע קלאַנגען און פאַרבען, וואָס קומען באמת פון ריינער גאָט-געבענשטער בעגייסטערונג“).

פערלאַג „יודיש", ווארשא.

33) טורמע-וואנדערונגען .... וו. קאָראָלענקאָ.

(„דאָס איז דאָס שענסטע און דאָס שטאַרקסטע, וואָס דער גרויסער קינסטלער און קעמפער קאָראָלענקאָ האָט געשאַפען אויפ'ן געביט פון טורמע-פיין און סיבירער וואַנדערונגען").

34) סיבירער דערציילונגען ... וו. קאָראָלענקאָ.

(„קיינער פון די רוסישע קינסטלער האָט אַזוי טיף און ברייט נישט געשילדערט דאס לעבען און די שטרענג-שענע לאַנדשאַפטען פון דער ווייטער סיביר").

35,36) דאָס 93-טע יאהר .... וויקטאָר הוגאָ

(„וויקטאָר הוגאָ געהערט צו די גרעסטע שטערען פון דער וועלט-ליטעראַטור און דאָס „93—טע יאָהר"—צו די שענסטע ווערק, וואָס זענען איבערגעזעצט געוואָרען אין אַלע שפּראַכען").

37) סטרונעס .... ז. סעגאַלאָוויטש.

(„ז. סעגאַלאָוויטש איז איינער פון די שענסטע ליריקער אין יודיש, און זיינע לידער, וואָס קומען אַריין אין דעמדאָזיגען באַנד, זענען ווירקליך קלאַנגען פון צאַרטע סטרונעס, אַמאָל מעלאַנכאָלישע און אַמאָל אָבער שטורמישע, ווי דער ווינד אויפ'ן ים").

38) דאָס טעאַטער-בוך ....

(„אַ זאַמלונג פון די בעסטע איינאַקטערס, וואָס זענען געשאַפען געוואָרען אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען און געשפּילט געוואָרען אויף די גרעסטע בינעס אין אייראָפּא און אַמעריקאַ").

39) רעגינע (פּאָעמע) .... ז. סעגאַלאָוויטש.

(„אויף אַ דורכזיכטיגען ליינעוונט איז דאָ אויסגעמאָלט די פּויליש-יודישע פרוי, מיט צאַרטע פאַרבען איז געשילדערט איהר טביבה און צוזאַמען דערמיט אויך דאָס דיכטערס איבערלעבונגען").

ע. ארזשעשקא און ז. פרזיבילסקי.

דאס איבערגעריסענע ליד

א סצעניש בילד אין 1 אקט.

יודיש דורך זלמן זילבערצווייג.

פערזאָנען:

טעאָפיל וויגריטש.

קלאַרא — זיין טאָכטער.

פרוי דוטקעוויטש — אַ שכנה.

אָסקאַר.

בענעדיקט — אַ קאַמערדינער.

די זאַך קומט פאָר אין אַ קליין שטעדטעל.

Drukarnia Piment i Szwabe, Warszawa, Sierakowska 4.

די סצענע שטעלט פֿאָר אַ גערטענדעל פֿאַר א קליין הייזעל. רעכטס אַ הייזעל, ווייס געמאָלט, מיט אַ באַלקאָן אויף 2 זיילען; אַרום באַ־קאָן און אויף די ווענד פון הייזעל פֿלעכטען זיך אויף שטעקעלעך אַרבעס. נעבען הייזעל שטעהט אַ אַלט בענקעל. אין הינטערגרונד אין דער לענג פֿון דער ביהנע–שטאַכעטען מיט אַ טירעל, נאָך וועלכען ס'ציהט זיך אַ שטעגעל. ביי די שטאַכעטען געפֿינט זיך אַ ביסעל אין אַ זייט אַ אַלטאַנקע; דער אַרויסגאַנג פֿון דער ביהנע איז פֿון דער לינקער זייט אין די קוליסען. אייניגע קלומבעס בלומען א. ד. ג.

ערשטער אויפֿטריט.

קלאַראַ, באַלד דערנאָך אָסקאַר.

קלאַראַ (לויפֿט מונטער אַרויס פון הייזעל מיט אַ קויבערל, אין וועלכען ס'ליגען אַ ביכעל, ווייסע לייוונד, אַ שטיקעל ברויט; זי איז בעשיידען אָנגעטאָן אין אַ סיצען קליידעל; רייסט אַראָב אַ בלום פֿון די אַרבעס און שטעקט זי אַריין צווישען איהרע האָר; מאַכט דאָס אַלץ זינגענדיג פֿרעהליך, דערנאָך לויפֿט זי צו צו דער אַלטאַנקע און צולעגט די לייוונד צום נייהען).

אָסקאַר (קומט פֿון הינטערגרונד נאָך די שטאַכעטען; בעמערקענדיג קלאַרע'ן, שטעלט ער זיך אָב און דערנעהנטערט זיך דערנאָך צו דער אַלטאַנקע, בעגריסענדיג זי מיט'ן הוט): צי קאָן איך אייך פֿרעגען, פֿריילין, ווער ס'וואוינט אין דאָזיגען שענעם הייזעל?

קלאַראַ (אַ ביסעל צומישט): מיר... וואוינען דאָרט. מיין פֿאָטער טעאָפֿיל וויגריטש, איך און אונזער פֿאַמיליע.

אָסקאַר: וואָס פֿאַר אַ אָנגענעהם ווינקעלע. ווער האָט אַ ביים הייזעל פֿערפֿלאַנצט אַ זעלכע שענע פֿלאַנצונגען, וואָס גאַבען עס אַזוי מאַלעריש שען? אויף די קלומבעס זענען אויך פֿאַראַן פֿיל בלומען?

קלאַראַ: ניין, פיל זענען נישטאָ: איך און מיין שוועס־ טער האָבען נישט קיין צייט זיי צו פלעגען.

אָסקאַר: אייער שוועסטער איז, וואַהרשיינליך, עלטער פאַר אייך.

קלאַראַ: ניין, פערקעהרט, מיט 4 יאָהר יונגער פאַר מיר.

אָסקאַר: זי איז, אַלזאָ, אַלט?

קלאַראַ: 15 יאָהר.

אָסקאַר: וואָס טוט איהר, פריילין?

קלאַראַ: איך נעה אַ העמדעל פאַר מיין ברודערל.

אָסקאַר: און אייער מוטער?

קלאַראַ (טרויעריג): איך האָב שוין 4 יאָהר נישט קיין מו־ טער — זי איז געשטאָרבען. און איצט פערטרעט איך איהר אָרט.

אָסקאַר: איך זעה אַ ביכעל אין אייער קויבערל. איהר האָט ליב צו לעזען, פריילין?

קלאַראַ: אָ, איך האָב זעהר ליב צו לעזען.

אָסקאַר (שטרעקט אויס די האַנד צום ביכעל, וועלכעס קלאַראַ דערלאַנגט איהם מיט אַ געוויסער וואַקלונג — עפענט אויף דאָס ביכעל): איהר האָט אונטערגעשטראָכען דידאָזיגע צייליען?

קלאַראַ (אונגדרייסט): יאָ...

אָסקאַר (לגוט שטיל): כ'טראָג אַריבער מיין בענקענדע נשמה אין די וואַלדיגע בערגלעך, צו די גרינע לאָנקעס! איבער דעם ברייטען הימעל, בלויען ניעמאַן, צו די פעלדער, וועלכע זע־ נען בעציהרט מיט פערשידענע תבואות...

קלאַראַ (וועלכע האָט געהערט מיט אַ קענטיגער חירקונג, בעפרייט זיך פון דערדאָזיגער חירקונג — רעדט קאַלט): דער הערר וואוינט ווייט פון דאַנען?

אָסקאַר: זעהר נאָהנט... איך הייס יוליוש פרזשעמסקי, איך וואוין אין דעם גרויסען הויז (ווייזט אָן מיט דער האַנד אויף די קוליסען).

קלאַראַ: איך האָב געמיינט, אַז אין דאָזיגען פאַלאַץ וואוינט קיינער נישט.

אָסקאַר: ביז איצט האָט דאָרט קיינער, אויסער די דינער,

נישט געוואוינט, נאָר יעצטער איז אהערגעקומען אויף אַ געוויסע צייט דער אייגנטימער פון פּאַלאַץ.

קלאַראַ: דער פירשט?!

אָסקאַר: יאָ, איך בין אַ איינגעהער און גלייכצייטיג דער נאָהנטסטער פריינד פון פירשט.

קלאַראַ: דער פירשט איז אַ יונגער?

אָסקאַר: יאָ און ניין — ער איז נאָך גאָרנישט אַלט, אָבער ער האָט שוין פיל דורכגעמאַכט...

קלאַראַ: אָ, יאָ! איך שטעל זיך פאָר, וויפיל גליק און פערגעניגען ער האָט שוין געהאַט.

אָסקאַר: איהר מיינט אַזוי, פרייליין?

קלאַראַ: זעלבסטפערשטענדליך, זייענדיג אַזוי רייך, קען ער דאָך שטענדיג טון, וואָס ס'געפעלט איהם!

אָסקאַר: זיין אומגליק בעשטעהט אָבער אין דעם, וואָס פיל זאַכען האָבען איהם אויפגעהערט צו געפעלען.

קלאַראַ: ס'בלייבען איהם איבער נאָך גענוג אנגענעהמע זאַכען און אַ פירשט, וועלכער קען זיך אַזוי פיל ערלויבען, איז זיכער זעהר גליקליך...

אָסקאַר: וואָס פאַראַ זאַכען?

קלאַראַ (ווייזט אָן אין הינטערגרונד): צום ביישפּיל, אַזאַ גאָרטען. אָ, גאָט, וויפיל מאָל, ווען איך בין דאָ געווען, האָב איך געטראַכט: ווי גליקליך איז מען, ווען מ'זעצט אונטער אַ זעלכע בוימער, מ'קוקט אויף די שענע בוימער: איהר ווייסט, מיין הערר, אין אַפּריל זענען אויפ'ן דאָזיגען פּלאַץ פאַראַן אַזוי פיל פיאַלקעס, אַז דאָס גראָז פערשווינדט פּשוט צווישען זיי און ווערט איינגאַנצען פיאָלעט, און דער ריח דערפון איז אַזאַ שטאַרקער, אַז ער דערגרייכט ביז צו אונזער הייזעל.

אָסקאַר: איהר זענט זעהר עמפּינדליך, פרייליין, אויף שענהייט... איהר פיהלט זיך, אַלזאָ, פאָלשטענדיג גליקליך, זייט איהר וואוינט דאָ?

קלאַראַ: נישט פאָלשטענדיג... ווייל איך בין זעהר שטאַרק בעאונרוהיגט צוליעב מיין פאָטערס געזונד און די צוקונפט פון די קינדער...

אָסקאַר: און וועגן אייער אייגענער צוקונפט?

קלאַראַ (מיט פערוואונדערונג): וועגן מיין צוקונפט? — וואָס קאָן דען מיט מיר ווערן? איך בין דאָך שוין אַ דערוואַקסענע און וועל זיך שוין ווי ס'איז אַ עצה געבען.

אָסקאַר: זענט איהר גליקליכער פון פירשט. ווארום ער קאָן זיך נישט קיין עצה געבען. ער ווייס אַליין נישט, וואָס ער זאָל טון מיט זיין צובראָכען האַרץ, וואָס איז איהם פערוואונדעט מיט די טעג און שעה'ן, וועלכע האָבען נישט פאַר איהם קיין שום צוועק.

קלאַראַ: אומגליקליכער! ס'קאָן זיין, אַז עס איז אפשר צו דרייסט, נאָר ווען איך וואָלט געווען אויף זיין אָרט, וואָלט איך געוואוסט וואָס כ'האָב צו טון מיט'ן האַרץ און מיט'ן לעבען.

אָסקאַר: וואָס וואָלט איהר געטון, פריילין?

קלאַראַ: איך וואָלט אַוועק אויפ'ן שפיץ פון טורם... איהר זעהט, מיין הערר, אָט אויפ'ן דאָזיגען.. אויפ'ן סאַמע שפיץ און וואָלט בעטראַכט דאָס גאַנצע שטעדטעל. איך וואָלט דערזעהן אַ יעדע, וועלכע לעבען דאָ און ליידען... ווען איך וואָלט געווען דער פירשט, וואָלט איך אַזוי ווי גאָט'ס מוטער אַראָבגעלאָזט די הענד איבער די איינוואוינער פון דאָזיגען שטעדטעל און זיי בעגאָסען מיט אַ שטראָם שטראַהלען. אָ, גאָט, ווי גליקליך איך וואָלט דאַן געווען! (אַ וויילע הערשט אַ שטיל-שווייגען).

אָסקאַר: איך בין גליקליך, וואָס דער צופאַל האָט מיך מיט אייך בעקענט, פריילין...

קלאַראַ (לעגט אַוועק די אַרבייט אין קויבערל): איך מוז שוין אַהיים געהן.

אָסקאַר: שוין? איהר וועט אפשר אַזוי גוט זיין און מיר באָרגען אויף אַ אויגענבליק אייער ביכעל (בלעטצרענדיג). „אין דער שווייץ" פון סלאָוואַצקי. איך בין פיל מאָל געווען אין יענעם לאַנד, איך קען אויך דידאָזיגע פּאָעמאַ. מיר דאַכט זיך, אַז איך קען זי און אפשר — אפשר קען איך זי נישט?

קלאַראַ: ביטע, איהר קאָנט זיך זי נעהמען.

אָסקאַר: גיט מיר, פריילין, צום בעזעגנען, אייער האַנד.

(קלאַראַ גיט איהם די האַנד — דערנעהנטערט זיך צום הויז אַ ביסעל פערלעגען און מיט שנעלע טריט, אָסקאַר, עפּענענדיג פּאַמעליך דאָס ביכעל, פערשווינדט אין הינטערגרונד).

צווייטער אויפטריט.

קלאַראַ, באַלד דערנאָך וויגריטש.

קלאַראַ (אַליין): מערקווירדיג... בעגעגענען אַ אונבעקאַנטען הערר, ריידען מיט איהם אַזוי לאַנג און איהם באָרגען אַ ביכעל... אַ מערקווירדיגער פאַל... (נאָך אַ ווייל) כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אַז ס'זאָל ווער אַזוי שען לעזען! וואָס פאַראַ ליבליכער ער איז! וואָס פאַראַ מערקווירדיגע קנייטשען אויפ'ן שטערען, אַזוי טיף, און די אויגען אַזוי ווי העל-בלוי, אָט דרייסטע און פרעה־ליכע און אָט אַזוינע טרויעריגע... ווירקליך, אַ מערקווירדיגער פאַל... (פערטראַכט זיך).

וויגריטש (אַהויבער, דאַרער, אין אַ לאַנגען אַלטען פּאַלטאָ, אַ היטעל מיט א אָבצייכענונג, דאָס פנים דאַר, פערוועלקט, מיט אַ אונצו־פרידענעם אויסדרוק — קומט אַריין אין הויפּטאיינגאַנג, דערנעהנטערט זיך צו קלאַראַ'ן): קלאַראַ...

קלאַראַ (ווי ערוואַכט): אַך, דאָס ביזטו, פאָטער.

וויגריטש: וואָס האָסטו זיך אַזוי איבערגעשראָקען — קינד מיינס, וועגען וואָס טראַכסטו אַזוי?...

קלאַראַ (נערוועז): איך האָב געטראַכט... איך האָב געטראַכט... וועגען די בלומען, וועלכע וואַקסען אַזוי שען נעבען אונזער הויז און בעצירען עס אַזוי שען, אַז עס ציהט צו זיך צו. כ'האָב נאָר וואָס געהאַט אַלענגערן געשמועס מיט'ן פירשט'ס סעקרעטאַר, ה' פרזיעזכקי, און ער האָט זעהר געליבט אונזער הייזעל.

וויגריטש (אונצופרידען): דער פירשט איז, אַלזאָ, צוריקגע־קומען?...

קלאַראַ: יאָ, צוריקגעקומען. דו קענסט איהם, פאָטער?

וויגריטש (ווי פריהער): כ'האָב איהם אַמאָל געזעהען... שוין לאַנג... שוין איינינגע יאָהר ווי ער האָט זיך דאָ נישט געווי־זען. ער איז אַזוי מעכטיג, ער האָט אַזאַ נאָמען, אַז ווען ער וואָלט

געווען צווישען אונז, אַז ווען ער וואָלט אונז געקאָנט, ווען ער וואָלט זיך פֿעראינטערעסירט מיט אונזער לאַגע, וואָלט דאָך יעדעס וואָרט זיינס געקאָנט זיין אַ שטיצע פֿאַר אונז, אַ ליכט, יעדע מינוט אַ וואוילטאַט... דער פֿירשט וויל אָבער בעסער פֿערברענגען אין דער וועלט...

קלאַראַ: ליבער פֿאָטער, מיר דאַכט זיך, אַז מיר דאַרפֿען נישט אורטיילען אַזוי שטרענג וועגען מענשען, וועלכע זענען אַזוי אַנדערש פֿון אונז, אַזוי פֿאָלשטענדיג אַנדערש.

וויגריטש: וואָס הייסט אַנדערש?... וואָס פֿאַר אַ אַנדערש? פֿאַרוואָס אַנדערש? וואָס רעדסטו, וואָס? אונז אלע האָט בעשאַפֿען איין גאָט און איין ערד טראָגט אונז אַלע זינדיגען, ליידען און מוזען שטאַרבען, און דאָס איז אַ גרויסע איינהייטליכקייט, אַ געוואַלדיגע איינהייטליכקייט... נאָכ'ן טויט איז פֿאַר אַלע איין גע-זעץ און איין געריכט: אַ קייזער אָדער אַ ציגיינער (קושט זי הערצליך אין שטערן). דו פֿערשטעהסט דאָך אָבער דאָס אַלץ נאָך נישט. די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען און באַלד וועלען די שטערן אָנהויבען צו לייכטען, איך פֿיהל דיך היינט זעהר אָנגעמאַטערט. צרות אין הימעל, צרות אין דער לופֿט, צרות אויף דער ערד. ס'פֿעהלט נאָך גענוג, אַז ס'זאָל איבעראַל און אַלעמען גוט זיין (געהט הוסטענד אַריין אין הייזעל).

דריטער אויפֿטריט.

קלאַראַ, אָסקאַר.

אָסקאַר (וועלכער האָט צוריק מיט אַ וויל זיך בעוויזען אין הינטער-גרונד, קוסט פֿאַמעליך אַריין דורכ'ן טירעל, וועלכעס געפֿינט זיך צווישען די שטאַכעטען, מיט אַ שמייכעל): איך בין שוין ווידער דאָ.

קלאַראַ (פֿערוואונדערט): ווי אַזוי זענט איהר אַריינגעקומען?

אָסקאַר (ווי פֿריהער): דורכ'ן פֿעלד — דורכ'ן טויערל אין די שטאַכעטען. פֿאַ בייגעהענדיג דורכ'ן גאָרטען, האָב איך אייך בעמערקט, פֿריילין, אויפֿ'ן באַלקאָן. מיט וועמען האָט איהר גע-שמועסט?

קלאַראַ: דאָס איז געווען מיין פאָטער. ער איז היינט שוין ניט געזונד.

אָסקאַר: וואָס איז איהם, פריילין?

קלאַראַ: די לונגען...

אָסקאַר: דאָס איז טרויעריג. ווייל איהר האָט אַזוי ליב בלו-מען, האָב איך אייך געבראַכט.

קלאַראַ (מיט פרייד): פון פירשט'ס גאָרטען? ער וואָלט זיך געבייזערט, ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז איהר האָט זיי אָבגעריסען פאַר מיר.

אָסקאַר: לאָמיר איצט פערגעסען וועגען אַלע זאָרגען פון דער שטוב און אויסער דער שטוב, וועגען אַלעם שלעכטען, וועגען אַלעם קליינליכען, וואָס טוט וועה און לאָמיר אַריין אין אַ בע-סערע וועלט. איך האָב אויסגעזוכט אין דער ביבליאָטעק אַ בוך פאַר אייך, פריילין ערלויבט איהר מיר, אַז איך זאָל עס פאָרלעזען?

קלאַראַ (שטיל): ס'הויבט שוין אָן צו ווערען פינסטער...

(זעצט זיך אויף דער באַנק, אָסקאַר נעבען איהר).

אָסקאַר: אָך, לעזען קאָן מען נאָך זעהט גוט... (לעזט).

די ווייַלען, ווען די לבנה צושימערט,
ווען די נאַכטיגאַלען פערשטומען,
די בלעטער הויבען זיך און זשומען,
שטיל מורמעלט דער שטראָם און פערשוואומען,
אָך, אָט די ווייַלען, ווען צוויי הערצער בענקען —
דאַרף מען זיך שענקען — בעשענקען
דאַרפסט וואָס דערמאָנען — דערמאָן איהם,
די נאַכטיגאַל יאָמערט, די וואַסערן רינען —
אויף אַ טויט אַ גיכען בעט איך אָהן זינען.

(יודיש דורך הערשעלע).

אָסקאַר (קוקט אויף קלאַראַ, וועלכע האָט פ-עהרען אין די אויגען): ווי עמפינדליך איהר זענט...

קלאַראַ (וויל אויפשטעהן): איך געה שוין אַהיים...

אָסקאַר: געהט נאָך נישט אַוועק — איך בעט אייך — בעהט נאָך נישט אַוועק...

קלאַראַ (שטיל): ס'איז דאָך שוין שפּעט — ס'ווערט שוין פינסטער (הינטער דער ביהנע הערט זיך דאָס שפּילען פון אַ פּיאַנאָ). וואָס איז דאָס? ווער שפּילט עס אין פּאַלאַץ?

אָסקאַר: דאָס איז דער פּרינץ. ער ליבט שטאַרק מוזיק און מיר שפּילען אָפט צוזאַמען. איך שפּיל וויאָלאָנטשעל. איהר ליבט מוזיק?

קלאַראַ: ווען איך הער מוזיק, בעקום איך עפּעס אַזאַ געפיהל...

אָסקאַר: איהר הערט אָפט שפּילען?

קלאַראַ: זייט דעם טויט פון מיין מוטער, וועלכע פלעגט אין אָוועגד שפּילען פאַר מיין פאָטער, האָב איך 2 מאָל געהערט מוזיק.

אָסקאַר: ווי איז דאָס מעגליך, אַז אַ מענש זאָל הערען מוזיק 2 מאָל דורך 4 יאָהר.

קלאַראַ: וואָס איז, אַז איך האָב נישט דאָסדאָזיגע פערגניגען!

אָסקאַר: וואָס איז דאָ נישט צו האָבען קיין פערגעניגען אין לעבען, איבערהויפּט אין דאָזיגען עלטער?!...

קלאַראַ: יאָ איך בין שוין לאַנג דערוואַקסען.

אָסקאַר: איהר ווייסט, ווער היינע איז געווען?

קלאַראַ: איך ווייס: אַ דייטשער דיכטער. איך האָב דאָך געלערנט אין פּענסיאָן. איך האָב זי נישט געענדיגט, וואָרום נאָך מיין מוטערס טויט בין איך געוואָרען אונבעדינגט נויטיג אין שטוב פאַר'ן פאָטער און פאַר די קינדער.

אָסקאַר: כדי צו זיין פאַר זיי אַ טרייסטענדער מלאך און זיי העלפען. איך דערמאָן זיך איינס פון היינעס לידער, וועלכעס איך וויל אייך נאָך איבערגעבען (רעקלאַמירט):

דו ביזט ווי אַ בלום
דופטיג, לויטער און הערליך.
דערזעה איך דיך נאָר פערקלערט,
די ברוסט איז דאָך אַזוי שווערליך,
ווי גערן וועגד איך מיין בליק
צום הימעל בעטענד מיט טרערען,

*

אַז דערהאַלטען זאָל דיך גאָט
אַזוי דופּטיג, לויטער און הערליך.
(יודיש דורך הערשעלע).

(א ווייל הערשט אַ שטילשווייגען. די מוזיק הערט זיך ווייטער).

קלאַראַ (רעדט מיט אַגעריהרטע שטימע): ס'איז ווירקליך שוין שפּעט (שטעהט אויף).

אָסקאַר (שטיל): שטערען פאַלען.

קלאַראַ: אויגוסט-צייט פאַלען שטענדיג אַראָב פיל שטערען. מ'זאָגט, אַז די שטערען פאַלען, דאַרף מען זיי, פאַרן אויסלעשען זיך, זאָגען וואָס מ'וויל, ווערט עס ערפילט.

אָסקאַר: וואָס וואָלט איהר געבעטען די פאַלענדע שטערען?

קלאַראַ: ווען כ'וואָלט געגלויבט, אַז די אַראָבפאַלענדע שטערען וועלען ערפילען די מענשליכע פערלאַנגען, וואָלט איך זיי געבעטען: זאָל מיין פאָטער געזונד ווערען, זאָלען די קינדער זיך גוט לערנען און זיין גוטע.

אָסקאַר: און פאַר זיך?

קלאַראַ: וואָס הייסט? איך וואָלט דאָך געבעטען הויפּטזעכליך דאָס, וואָס כ'וויל אַממעהרסטען, וואָלט איך דאָך געבעטען פאַר זיך.

אָסקאַר (מיט אַ שמייכעל): אַ שרעקליכער עגאָאיזם. אָבער צו וואָלט איהר ווירקליך נישט געוואָלט, אַז די גאָלדענע שטערען זאָלען אייך ברענגען עפּעס אַ גליק, אַזאַ גרויס, אַז דאָס האַרץ זאָל פערוואַנדעלט ווערען אין אַ לייכטענדער שטערען, העכער איבער אַלץ, וואָס אויף דער ערד.

קלאַראַ (בעמיהט זיך צו זיין פרעהליך): אויב כ'וואָלט שוין אונבעדינגט עפּעס געבעטען פאַר זיך אַליין, וואָלט איך געבעטען, אַז כ'זאָל נאָך היינטיגען זומער זיין הינטער דער שטאָדט און יעדען טאָג קאָנען פערברענגען אַ האַלבען טאָג אין וואַלד. איך האָב זעהר ליב דעם וואַלד. און וואָס וואָלט איהר אַממעהרסטען געבעטען דעם פאַלענדען שטערען?

אָסקאַר: איך? איך וואָלט געבעטען, אַז כ'זאָל קענען גלויבען, אַז ס'זענען פאַראַן אויף דער ערד גוטע, ריינע און טרייע

הערצער און אַז איינס אַזאַ האַרץ זאָל מיר געהערען. איך וואָלט אַזוי געבעטען: טייערע שטערענדלעך, מאַכט מיך פערגעסען אין די פיל פינסטערע חלומות, וועלכע כ'האָב ביז איצט געחלומ'ט (נאָך אַ ווײלע, פרעהליכער). איהר ווייסט, פריילין, אַז אין פערלויף פון די איניגע מינוט, וועלכע מיר האָבען פערבראַכט צוזאַמען, האָב איך זיך פון אייך פיל אויסגעלערנט.

קלאַראַ: איהר? פון מיר? אָ, גאָט! וואָס קאָן איך אַזוינס אויסלערנען? בלויז מיין ברודערל, וואָס איך האָב איהם אויסגעלערנט לעזען און שרייבען.

אָסקאַר: שפעטער וועל איך אייך אפשר זאָגען, וואָס איהר האָט מיך אויסגעלערנט. איצט קאָן איך אייך נאָר זאָגען, אַז, אַ דאַנק אייך, האָב איך זיך איבערגעצייגט, אַז אונזער ליטעראַטור איז שען; איך האָב דעם גרעסטען טייל פון מיין לעבען פערבראַכט אין אויסלאַנד, אין דער געזעלשאַפט פון אויסלענדישע פּאָעטען. סלאָוואַצקי'ס פּאָעזיע „שווייך" האָב איך ערשט היינט דערקענט און די האָט מיך ענטציקט (ווידערהאָלט פון זכרון):

אַך, אָט די ווײלען, ווען צוויי הערצער בענקען,
דאַרף מען זיך שענקען — בעשענקען.
דאַרפסט וואָס דערמאָנען — דערמאָן איהם.

(פון הינטער דער ביהנע הערט זיך רופען: קלאַרא, קלאַרא!)

קלאַראַ (ווי זי וואָלט ערוואַכט פון שלאָף): אַ גוטע נאַכט.

אָסקאַר: ווי שפעט ענדיגט איהר אַלע אייערע הויז־אַר־בייטען?

קלאַראַ: באַלד. מיין ברודערל און די שוועסטער געהען נאָך פריהער שלאָפען.

אָסקאַר: ווען זיי וועלען איינשלאָפען, קומט אַרויס צום גאָרטען, וועט איהר הערען מוזיק. איך און מיין פריינד וועלען שפּילען פאַר אייך. גוט?

קלאַראַ: גוט. איך דאַנק אייך. אַ גוטע נאַכט.

אָסקאַר (אַנגעהמענדיג זי בײ בײדע הענד, קוקט אויף איהר): ווען כ'וועל שפּילען, וועל איך טראַכטען, אַז איהר שטעהט ערגעץ דאָ נעבען די שטאַכעטען און הערט מיין שפּילען. אונזערע נשמות

וועלען דאַן זיין צוזאַמען. (האָט שנעל צוגעטראָגען איהרע האַנד צו זיין מויל און זיי געקושט. געהט פּאַמעלעך אַוועק).

פערטער אויפטריט.

קלאַרא (אַליין).

קלאַרא (ווידערהאָלט אונבעוואוסטזיניג): אונזערע נשמות וועלען דאַן זיין צוזאַמען. אָ, גאָט! וואָס טוט זיך היינט דאָ מיט מיר — ווי גליקליך איך פיהל זיך. מיין האַרץ איז פערטרונקען אין אַ אויסערגעוועהנליכער זיסיגקייט, פון וועלכע כ'האָב ביז איצט נישט געהאַט קיין אַהנונג (ווידערהאָלענדיג). איך און מיין פריינד וועלען שפּילען, פאַר איך... פאַר מיר... פאַר מיר וועלען זיי שפּילען... (ווידערהאָלט):

ווי גערן ווענד איך מיין בליק
צום הימעל בעטענד מיט טרעהרלעך,
אַז דערהאַלטען זאָל דיך גאָט
אַזוי דופטיג, לויטער און הערליך.

פינפטער אויפטריט.

קלאַרא, וויגריטש, דוטקעוויטש.

(די לעצטע צוויי קומען אַרוים פון הויז: דוטקעוויטש איז אַ נידריגע, אַ פעסט-געבויטע, אָנגעטון שוואַרץ, די האָר זענען פאָלשטענדיג גרוי, אויפ'ן קאָפּ אַ שוואַרץ שפּיצען-טיכעל).

דוטקעוויטש: זייט געזונד, טייערער ה' וויגריטש... אַ גוטע נאַכט, א גוטע נאַכט.

קלאַרא (צולויפענדיג צו איהר): אַך, דאָס זענט איהר, פרוי דוטקעוויטש, איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איהר זענט ביי אונז.

דוטקעוויטש: כ'בין נאָר אַהער געקומען אויף אַ מינוט, בעטען, אַז דו זאָלסט אונבעדינגט מאָרגען אין דער פריה קומען צו מיר. מיר מוזען געהן קויפען שיך; אָהן דיר וועל איך נישט קויפען, וואָרום זיי וועלען מיך אָבנאַרען.

קלאַרא: גוט, כ'וועל קומען.

דוטקעוויטש: זייט געזונד (הינטער דער ביהנע הערט מען מוזיק — אַ פּיאַנאָ און וויאָלענטשעל). איהר הערט?

ווי גריטש: ווער שפּילט דאָס אויף וויאָ׳ענטשעל און פּיאַ־נאָ. אַ פּרעכטיגע מעלאָדיע.

דוטקעוויטש: כ׳האָב שוין לאַנג נישט געהערט אַזאַ מו־זיק. זאָלסט נאָר נישט פאַרגעסען, קלאַרא־לעבען, מאָרגען וועגען מיינע שיך...

וויגריטש (רעדט אַ ביסעל פאַרקלערט און מיט הערצליכען גע־פיהל צו קלאַראַ׳ן): דיין מוטער האָט אויך אַזוי שען געשפּילט! — דו געדענקסט?

קלאַראַ (שטיל): כ׳געדענק, פאָטער!

וויגריטש (ווי פריהער): דאָ האָב איך גוטע זכרונות און אויף יענער וועלט האָב איך מיין הייליגקייט, מיט וועלכער כ׳וואָלט זיך געוואָלט וואָס שנעלער פאַראייניגען, ווען נישט די קינדער (טוליעט קלאַרע׳ן צום האַרץ). זי האָט אָבער מיך אויך איבערגעלאָזט און דעריבער בין איך צוגעבונדען צו דער וועלט.

קלאַראַ: וואָס רעדסטו, פאָטער! דו וועסט נאָך געזונד ווע־רען.

דוטקעוויטש: איך גיה שוין — אַ גוטע נאַכט, טייערער ה׳ וויגריטש — אַ גוטע נאַכט — און דו, קלאַראַ, אַזוי ווי דו וועסט נאָר אַרויסשיקען דיין ברודערל אין שולע, קום באַלד אַרויף צו מיר (ווי זי וואָלט ז׳ך עפּעס דערמאָנט, שטיל צו קלאַראַ׳ן) יאָ, כ׳וועל דיר מאָרגען געבען פאַר איהם געלד איינצוצאָהלען — ס׳איז שוין צייט — נו, זייט געזונד (אַרויסגעהענדיג אין די קוליסען). און פאַרגעס נישט וועגען מיינע שיך — ווארום באָרפעס קאָן איך דאָך נישט געהן (ס׳הערט זיך בלויז די פּיאַנאָ).

וויגריטש (ווענדענדיג זיך צו דער טיר): און דו געהסט נישט מיט אַריין?

קלאַראַ: כ׳בלייב נאָך אַ ביסעל דאָ.

וויגריטש: פאַרגעס נור נישט צו פאַרמאַכען די טיר... (געהט אַריין אין הייזעל).

ז קסטער אויפטריט.

קלאַראַ, באַלד דערנאָך אָסקאַר, בענעדיקט, וויגריטש.

קלאַראַ (קוקט אַ ווייל, ביז דער פֿאָטער איז אַוועקגעגאַנגען, דער־נאָך גייט זי פּאַמעליך צו צו די שטאַלעטן, לענט זיך אויף זיי אָן און קוקט מיט עקסטאַז אין דער זייט פֿון פּאַלאַץ; אין דעם זעלבן מאָמענט קומט אָסקאַר אָן): איהר...

אָסקאַר (אָננעהמענדיג איהרע הענד, רעדט שעפּטשענד): כ'האָב איך געמוזט נאָך היינט זעהן. ווען איך האָב געשפּילט, האָב איך נאָר געטראַכט: איך וועל געהן צו איהר. איך האָב אויפֿגע־הערט צו שפּילען און בין געקומען. כ'האָב געזאָגט צו מיין פֿריינד: שפּיל ווייטער, שפּיל, וואָרום כ'האָב געוואָלט מיט דיר ריידען אונ־טער דער בעגלייטונג פֿון דער מוזיק. האָב איך גוט געטון, וואָס כ'בין געקומען? איך האָב אייך געוואָלט זעהן און זיך געזעגענען מיט אייך אויפֿ'ן גאַנצען מאָרגענדיגען טאָג. האָב איך גוט געטון, וואָס איך בין נאָך היינט אַ ביסעל געקומען?

קלאַראַ: יאָ.

אָסקאַר: איך וועל אַריינגעהן אין אייער גערטענדעל... מיר וועלען זיך צוזאַמען אַוועקזעצען... גוט?

קלאַראַ (בעטענד): ניין... בעט מיך דאָס נישט, אָ, בעט מיך דאָס נישט, וואָרום איך וועל אַוועגעהן... (וויל אַוועקגעהן).

אָסקאַר (צוציהענדיג זי צו זיך): געה נישט. זאָלען אונז אָט די שטאַלעטן פֿונאַנדערטיילען איינער פֿון אַנדערן. בויג נישט אַוועק דיין קאָפּ. קום אַהער, בויג זיך צו, אָט אַזוי, טייערע מיינע (קלאַראַ בויגט צו דעם קאָפּ צו זיין ברוסט). דו ליבסט מיך?

קלאַראַ: יאָ, איך ליב... (אַ ווייל שטילשווייגען).

בענעדיקט (איז אַריינגעקומען און, בעמערקענדיג אָסקאַר'ן, רעדט ער מיט דער גרעסטער הכנעה): דורכלויכטענדער פֿירשט...

אָסקאַר (בייז): וואָס איז?

בענעדיקט: דורכלויכטענדער פֿירשט, אייער פֿעטער איז געקומען צו פֿאָהרען און געהייסען אויפֿזוכען אייער דורכלויכט...

אָסקאַר (שטרענג): אַוועק! (צו קלאַראַ'ן, וועלכע איז געוואָרען װי פֿערשטיינערט) דאָס געהיימניס איז ענטדעקט, נאָר בייזער זיך נישט, וואָרום כ'האָב דאָס געטון פֿאַר שרעק, אַז...

קלאַראַ (רייסט איבער כמעט ווי פֿערשטיינערט): איהר זענט

דער פירשט! איהר זענט דער פירשט!

אָסקאַר: י—אָ, טאָ איז וואָס? צי צוליב דעם!...

קלאַרא (ווי פריהער): איהר זענט דער פירשט! (ווי זי וואָלט פערשטאַנען די גאַנצע סיטואַציע, לויפט אַוועק פון די שטאַפּעטען, געהט צום דעם קאָפּ מיט ביידע הענד און לויפט צו מיט אַ געשריי. אַזוי ווי משוגע, צו דער טיר). פּאָטער, פּאָטער, פּאָטער!

ויגריטש (בעווייזט זיך אין דער טיר): וואָס איז? וואָס איז געשעהן?

קלאַרא (וואַרפט זיך צום פאָטערס קניה): פּאָטער, לאָמיר פון דאַנען אַנטלויפען! לאָמיר וואָס שנעלער אַנטלויפען, נאָך היינט, נאָך היינט... איך טאָר דאָ מעהר קיין מינוט נישט בלייבען... איך קאָן נישט!

פאָרהאַנג.

דאָס אויפפיהרונגס-רעכט ווערט געשיצט:
אין רוסלאַנד: דורכ'ן דראַמאַטישען און מוזי-קאַלישען שריפטשטע"ער-פערבאַנד אין פּעטערבורג.
אין פּוילען: דורכ'ן יודישען ליטעראַטען און זשורנאַליסטען-פעראיין אין לאָדז.

וויקטאר רישקאוו

דער 30-סטער פעווראל

א אייביגע טראגעדיע אין 1 אקט.

יידיש — נתן זילבערצווייג

פערזאנען:

דער נאטשאלניק

פאַוועל פיאָטראָוויטש — זיין געהילף.

אַרטישקאָוו עספּיער עספּיעראָוויטש — בעאַמטער פאַר בעזונדערע ענינים.

יעגאָר סטעפּאַנאָוויטש — פערוואַלטער איבער'ן אַרכיוו.

פּאָדשיווקין — זיין געהילף.

איוואַן סעמיאָנאָוויטש — דינשור-בעאַמטער

א קוריער.

אָרט — פּעטערבורג.

צייט — די טעג. *)

Drukarnia Piment i Szwabe, Warszawa, Sierakowska 4.

די סצענע.

רעכטס אין הינטערגרונד — דעם נאַטשאַלניק'ס קאַבינעט. ער זיצט אויף אַ הויכען בעקוועמען שטול ביי אַ גרויסען שרייבטיש, רויכערט אַ ציגאַר און שרייבט אונטער פּאַפּירען.

די מיטעל-סצענע שטעלט פאָר אַ אויפנאַם-צימער, 4 טירען. די 2 טירען, וועלכע פיהרען אין פּאַוועל פּעטראָמיטשעס און נאַטשאַלניק'ס קאַבינעט, זענען פערמאַכט, די אַנדערע 2 טירען, וועלכע פיהרען אין דער קאַנצעלאַריע און אַרכיוו, זענען אָפען. ביי דער טיר פון נאַטשאַלניק'ס קאַבינעט שטעהט אַ קוריער. ביי די ווענט צווישען פּאַוועל פּעטראָוויטש'ס קאַבינעט און די קאַנצעלאַריע שטעהט אַ קליינער קאַנצעלאַריע-טיש, ביי וועלכען ס'זיצט דער דיזשור-בעאַמטער, איוואַן סעמיאָנאָוויטש, וועלכער האַלט נישט פון אָבוואַשען זיך, אַ פּחדן, טראָגט אַ אָבגעגאַנגענע מוזשורקע און שרייבט.

לינקס, אַוואַנסצענע — אַרכיוו-קאַבינעט. אויף די שענק און פּאָליצעס ליגען ביכער איבערצויגען מיט בלוי פּאַפּיר. צוויי קאַנצעלאַריע-טישען: איינער אַ גרעסערער, דער צווייטער אַ קלענערער. ביים ערשטען זיצט יעגאָר סטעפּאַנאָוויטש, אַ אַלטער בעאַמטער מיט אַ קרייץ אויפ'ן ברוסט און שרייבט. ביים צווייטען זיצט פּאָדווישקין — אַ דערשראָקענער פּאַרשוין אין אַ אַלטע מוזשורקע, נייט צוזאַמען די פּאַפּירען.

נאָך אַ קליינער פּויזע קלינגט דער טעלעפאָן אויפ'ן נאַטשאַלניק'ס טיש.

נ אַ ט ש אַ ל נ י ק: (נעהמט פּאַוואָליע די טעלעפאָן-רעהר, רעדט פּויל און מיט חוצפּה) נו, נו... ווער רעדט?... (הערענדיג דעם ענטפער, לעגט

ער אַוועק דעם ציגאַר, גלייכט זיך אויס, ס'פּנים ווינס דריקט אויס דרך־ארץ, רעדט שוין גאָר מיט אַ אַנדערן טאָן). טאַק טאָטשנאָ, אייער סיאַ־טעלסטוואָ... כ'האָב די עהרע אייך צו בעגריסען... וואָס פערלאַנגט איהר?... (הערט זיך צו) טאַק טאָטשנאָ... (נעמט אַ בלאָק און פער־שרייבט זיך, צוהערענדיג צום טעלעפאָן) אין אַ פערטעל שעה אַרום וועלען די פּאַפּירען צוגעשטעלט ווערען צו אייער סייאַטעלסטוואָ. (הערט זיך צו) טאַק טאָטשנאָ... פערשריבען... אַלע... טאַק טאָטשנאָ, אייער סייאַטעלסטוואָ... (לעגט אַוועק די רעהר און דריקט אין עלעק־טרישען קנאָפּ).

קוריער (עפענט מאָמענטאַל די טיר, נעהט אַריין אין קאַבינעט)

נאַטשאַלניק: אַרטישקאָוו'ן... שנעלער!

קוריער: צו בעפעהל, אייער וויסאָקאָפּרעוואָסכאָדיטעל־סטוואָ... (לויפט אַרויס און לויפט אַריין אין דער קאַנצעלאַריע).

נאַטשאַלניק: (פערשרייבט אויפ'ן זעלבען בלאָק אַ וואָרט פון פיר אותיות מיט פיר פערשידען־פאַרביגע בלייען).

אַרטישקאָוו (אַ יונגער, זעהר רירעוודיג, לויפט אַרויס פון דער קאַנצעלאַריע און לויפט אַריין אין נאַטשאַלניקס קאַבינעט): צום בע־פעהל, אייער וויסאָקאָפּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ...

נאַטשאַלניק: (רייסט אָב דעם ערשטען בלאַט פון בלאָק און גיט איהם אַרטישקאָוו'ן) אין אַרכיוו... שנעל... תיכף אויסזוכען די פּאַפּירען און זיי מיר אַהערברענגען... זיין סייאַטעלסטוואָ איז אַ בי־סעל אויפגערעגט און די קלענסטע אונאַנגענעהמליכקייט איז ניט געוואונשען...

אַרטישקאָוו (נעהמענדיג ס'פּאַפּיר): צום בעפעהל, אייער ווי־סאָקאָפּר. (פערשווינדט פון קאַבינעט, לויפט אַריין אין אַרכיוו).

נאַטשאַלניק (שרייבט ווייטער אונטער די פּאַפּירען).

אַרטישקאָוו (וואַרפט דעם בעפעהל אויף יעגאָר סטעפאַנאָוויטשעס טיש): אַ גוט מאָרגען... זיין וויסאָקאָפּר. האָט בעפוילען וואָס שנעלער אויסצוזוכען די פּאַפּירען פאַר זיין סייאַטעלסטוואָ...

יעגער סטעפאַנאָוויטש (אויפשטעהענדיג): צום בעפעהל.

פּאָדווישקין (שטעהט אויף און בלייבט שטעהן).

אַרטישקאָוו: איילט זיך צו... מ'זאָגט, אַז זיין סייאַטעל־

סנוואָ איז היינט זעהר שלעכט געשטימט... און ס׳איז ניט געוואוג־שען די קלענסטע אונאנגענעהמליכקייט...

יעגאָר סטעפּ.: צום בעפעהל... די מינוט...

אַרטישקאָוו (אָבגעהענדיג): כ׳וועל צולויפען... אין צעהן מינוט אַרום... (אין דער טיר) איילט צו! (אָב אין דער קאַנצעלאַריע).

יעגאָר סטעפּ.: פּאָדווישקין! גיט אַ זוך, נאָר שנעל...

פּאָדווישקין: די מינוט... (געהט צו צו יעגאָר סטעפּ. טיש, ערלויבט אייגענטליך צו זעהן וואָס פאַר׳ע פּאַפּירען...

יעגאָר סטעפּ.: (איבערקוקענדיג דעם בעפעהל) זאָפּאָרט... פון יאָהר 1910... יאָ... די צווייטע שאַנק... אויף דער פערטער פּאָליצע אין דער הויך... (ניט איהם איבער דעם בעפעהל) שנעלער... איהר האָט געהערט? אין זעהר אַ שלעכטער הומאָר... איהר געדענקט נאָך מסתמא, וואָס מיר האָבען דעמאָלט געהאַט...

פּאָדווישקין: אָבגעהיטען זאָל מען ווערען! (קוקענדיג איפ׳ן בעפעהל, זוכט שנעל אין דער צווייטער שאַנק). איהר האָט בע־מערקט, יעגאָר סטעפּ., ווען זיין וויסאָקאָפּר. שיקט אַ שנעלען בע־פעהל, איז דאָס וואָרט שנעל געשריבען מיט פירערליי בלייען. יע־דעס אות אין אַ אַנדערע פאַרב...

יעגאָר סטעפּ.: נו, טאָ איז וואָס?

פּאָדווישקין: איך מיין אָבער, אַז דערויף געהט אַוועק צייט און שטעהן שטעהט געשריבען „שנעל“.

יעגאָר סטעפּ.: כ׳ווייס ניט... כ׳ווייס ניט... נאָר איבער־הויפּט האַלט איך פאַר איבריג אַריינצוקלערען אין די מעשים פון זיין וויסאָקאָפּר. כ׳פערשטעה, אַז אויב ער טוט אַזוי, דאַרף אַזוי זיין און ניט אַנדערש... נו, זוכט, זוכט־זשע שנעלער...

פּאָדווישקין: איך געפין די מינוט... ביי אונז איז אַלץ אין אָרדנונג... אַלץ אויפ׳ן אָרט... (בעקוקט רוהיג די פּאַפּירען פון דער פערטער פּאָליצע, האָט ניט געפונען וואָס ער זוכט, בעקוקט נאָך אַ־מאָל דעם בעפעהל, און שוין אַ ביסעל אויפגערעגט קוקט ער נאָך אַמאָל איבער די פּאַפּירען פון דער פערטער פּאָליצע).

יעגאָר סטעפּ.: זוכט זשע, זוכט...

פּאָדווישקין: די מינוט, יעגאָר סטעפּ... כ׳געפין באַלד...

איבערקוקענדיג אויף גיך די פּאַפּירען פון דער דריטער און פערטער פּאָלי־צע, נעהמט אַראָב די פּאַפּירען פון דער פערטער פּאָליצע, וועלכע ער האָט שוין צוויי מאָל איבערגעקוקט, לעגט זיי אַרויף אויף זיין טיש און איבער־קוקט זיי אַ דריט מאָל. ער האָט ניט געפונען, שטעהט פערטראַכט, ווישט זיך דעם שוויים פון האַלז און פּנים).

יעגאָר סטעפּ. (נישט אָפּרייסענדיג זיך פון זיין אַרבייט) נו, פּאָדווישקין, געפונען?

פּאָדווישקין: ניין, יעגאָר סטעפּ.!... כ'פערשטעה נישט... אַזעלכע נאָמירען זענען גאָר נישט פאַרהאַן...

יעגאָר סטעפּ. וואָס הייסט, נישט פאַרהאַן?

פּאָדווישקין (פערצווייפעלט): דאָס הייסט פאַרהאַן זענען זיי זיכער... נאָר כ'קאָן זיי נישט געפינען... יעגאָר סטעפּאַנ. אום גאָטעס ווילען, העלפט מיר זוכען!

יעגאָר סטעפּ. (שטעהט אויף): דער טייוועל ווייס עס!... און איהר האַלט אַלץ שטענדיג אין איין טענה'ן „ביי אונז איז אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג, אַלץ אויף זיין אָרט"... (געהט שנעל צו צו פּאָדשיווקינ'ס טיש).

פּאָדשיווקין: כ'שווער ביי גאָט, אַלץ איז אויפ'ן אָרט... נאָר דאָ... כ'ווייס, אפשר זענען זיי פערלאָרען געגאַנגען...

יעגאָר סטעפּ.: אַ דאָקומענט, וואָס איז מיר געגעבען געוואָרען פון דער נאַטשאַלסטווע, אַז כ'זאָל איהם היטען, קאָן נישט פערלוירען געהן!... וואו איז דער בעפעהל פון זיין וויסאָקאָפר.?

פּאָדשיווקין (גיט עס איהם): אָט אָ דאָ!...

יעגאָר סטעפּ. (אַריינקוקענדיג): נו, וואָס?... פאַרוואָס קאָנט איהר עס נישט געפונען?.. זוכט אויפ'ן ערגסטען פאַל אויף דער פינפטער פּאָליצע, און איך וועל דערווייל די איבערקוקען... (קוקט פאַרזיכטיג אַדורך די פּאַפּירען און די דורכגעזעהענע וואַרפט ער אַראָב אויפ'ן פּאָל).

פּאָדשיווקין (קוקט איבער די פּאַפּירען פון דער פינפטער פּאָליצע און די דורכגעזעהענע וואַרפט ער אויך אַראָב אויפ'ן פּאָל. ביידע ענדיגענדיג איבערקוקען, לאָזען זיך אַראָב אויפ'ן פּאָל, בלייבען זיצען אויף די קניה, שטיל און נערוועזיש כאַפּען די דיזעלבע פּאַפּירען און קוקען

די נאַכאַמאָל איבער. דער טעלעפאָן אויפ'ן נאַטשאַלניק'ס טיש קלינגט).

נאַטשאַלניק (האָרכט זיך צו): ענטשולדיגט, אייער סייאַ־טעלסטוואָ!... כ'וועל עס באַלד אין אָרדנונג ברענגען... די מינוט שיק איך עס אַהין... (דריקט דעם עלעקט. קנאָפּ).

קוריער (עפנט די טיר און גייט אַריין אינ'ם קאַבינעט).

נאַטשאַלניק (אין טעלעפאָן אַריין): כ'וועל עס צושיקן צו אייער סייאַטיעלסטוואָ... מיט אַרטישקאָו'ן די מינוט... (לעגט אַוועק די רעהר, צום קוריער) וואָס איז דאָס, צום טייוועל? כ'האָב דאָך בעפעלט „שנעל" און די חמורים... אַרטישקאָוו!... גיכער!...

אַרטישק. (קוקט אין דעם אַרכיוו).

קוריער: צום בעפעהל, אייער וויסאָקאָפר. (גייט אָב פון קאַבינעט, לויפט אַריין אין דער קאַנצעל.)

אַרטישקאָוו: (צו יעגאָר סטעפ.) נו? געפונען?

יעגאָר סטעפ. (טרויריג): כ'פערשטעה נישט, וואָס דאָ קאָן זיין, עספער עספעראָוויטש...

אַרטישקאָוו: וואָס איז דען?

יעגאָר סטעפ.: אַלע פּאַפּירען זענען אויפ'ן אָרט, נאָר די...

אַרטישקאָוו: וואָס? איהר האָט זי נאָך נישט געפונען?

יעגאָר סטעפ.: מיר געפינען עס באַלד, עספער עספעראָוויטש... די מינוט...

אַרטישקאָוו: ווען־זשע וועט דאָס זיין?... ווען? פאַר־וואָס קאָנט איהר נישט געפינען?... ווייזט נאָר אַהער דעם בעפעהל פון זיין וויסאָקאָפר.

יעגאָר סטעפ. (דערלאַנגט איהם דאָס פּאַפּיר).

אַרטישקאָוו (נעהמט און וויל אַריינקוקען).

קוריער (אַרויסלויפענדיג פון דער קאַנצעל, לויפט אַריין אין אַרכיוו): עספער עספעראָוויטש!... זיין וויסאָקאָפר. פאָדערט, אַז איהר זאָלט די מינוט צו איהם אַריינגעהן! ער איז זעהר אויפגערעגט...

אַרטישקאָוו (וואַרפט יעגאָר סטעפ. דאָס פּאַפּיר און לויפט אַרויס): איהר הערט?.. איך וועל נישט זיין פאַר אייך פעראַנטוואָרט־ליך... כ'וועל צו־וויסען געבען, אַז איהר קאָנט נישט געפינען די פּאַפּירען, וועלכע מ'האָט אייך געגעבען צו בעהאַלטען... (לויפט

אַרוים, גערט אַריין אין נאַטשאַלניק׳ס קאַבינעט)

קוריער (לויפט נאָך איהם, שטעלט זיך אָב פאַר דער טיר פון נאַטשאַלניק׳ס קאַבינעט. יענער טעט, און פאַרשיווקין זעצען זיך אויף דער ערד, און וואָס פאַר אַ פאַפיער ס׳קומט זיי אַריין אין דער האַנד, בע־קוקען זיי געריוועאיש).

נאַטשאַלניק (צו אַרטישקאָוו): נו, ענדליך געפונען?

אַרטישקאָוו: ניקאַק ניעט, אייער וויזאָקאָפר.

נאַטשאַלניק: פאַר—וואָס?

אַרטישקאָוו: מ׳זוכט, אייער וויסאָקאָפר.

נאַטשאַלניק: שוין צוויי שעה און זיי האָבען נאָך אַלץ נישט געפונען אַ דאָקומענט, וואָס איז די איבערגעגעבען געוואָרען צוהיטען אינ׳ם אַ־כיוו. וואָס זאָל דאָס בעדייטען?!... רופט מיר אַריין פּאַוועל פּעטראָוויטש׳ן.

אַרטישקאָוו: צום בעפעהל, אייער וויסאָקאָפר!... (גערט אָב, פערשווינדט אין פּאַוועל פּעטראָוויטשעס צימער).

נאַטשאַלניק (שרייבט ווייטער אונטער די פּאַפּירען).

איוואַן סעמ. (צום קוריער, קוקט אַריין דורך דער טיר): איצט, דוכט זיך, איז ער בייז!...

קוריער: אָבער נאָך אַ מין! דאָס פנים איז אַזש גרין...

איוואַן סעמ.: פון וואַנען ווייסטו דאָס?

קוריער: ביז איצט זענען די פּאַפּירען נאָך נישט געפו־נען געוואָרען.

איוואַן סעמ.: אַהאַ...

קוריער: און דעריבער איז ער אַזוי בייז, און וואָלט גע־וואָלט מענשען אויפעסען.

פּאַוועל פּעטר. (אַן׳אַלטער בעאַמטער אין אַ וויצע-מונדיר מיט אַ גרויסען צלם אויפ׳ן האַלז, לויפט אויפגערעגט אַרויס פון זיין קאַבינעט אין אויפנאַם-צימער).

אַרטישקאָוו (לויפט איהם נאָך): שרעקליך!... דאָס איז שרעקליך!...

איוואַן סעמ. (שטעהט אויף און שטעהט).

פּאַוועל פּעטר.: באַלד... באַלד וועלען מיר געפינען...

פם קוריער, אָנהייזענדיג אין נאַטשאַלניק׳ס קאַבינעט) קיינער נישטאָ?...

קוריער (צופּנעדיג די טיר): קיינער נישט, אייער פּרע־וואָסכאָדיטעלסטוואָ!

פּאַוועל פּעטר. (געהט אַריין אין נאַטשאַלניק׳ס קאַבינעט).

קוריער (מאַכט נאָך איהם צו די טיר).

איוואַן סעמ. (זעצט זיך).

אַרטישקאָוו (לויפט אַריין אין אַרכיוו, אָבשטעלענדיג זיך, קוועטשט ער מיט די פּלייצעס, און מיט אַ בליק פול פערצווייפלונג געהט ער אָב אין דער קאַנצעל.).

פּאַוועל פּעטר. (צום נאַטשאַלניק): צום בעפעהל, אייער וויסאָקאָפּר.

נאַטשאַלניק: פּאַוועל פּעטר.!... שוין אַ גאַנצע שעה און די חמורים קאָנען די פּאַפּירען נישט געפינען... זיין סיאַטעלסטוואָ האָט שוין צוויי מאָל טעלעפאָנירט!... צוויי מאָל!... ביז איצט האָט מען איהם נאָך נישט צוגעשטעלט די אויסצייכנונגס־ליסטע, ער איז אַזוי אויפגערעגט און מיר פערדרעהען איהם נאָך דעם קאָפּ מיט די פּאַפּירען. זייט אַזוי גוט, מאַכט עס אין אָרדנונג!...

פּאַוועל פּעטר.: די מינוט, אייער וויסאָקאָפּר.... איהר מעגט רוהיג זיין... מיר וועלען עס באַלד געפינען און עס אָבשיקען.

נאַטשאַלניק: ניאָ... שיקט מיט אַרטישקאָוו׳ן... דער טייוועל זאָל עס נעהמען!...

אַרטישקאָוו: (פון דער קאַנצעל. קומט אַריין אינ׳ם אַרכיוו).

פּאַוועל פּעטר (קומט אַריין אין אַרכיוו).

איוואַן סעמ. (איז אויפגעשטאַנען און שטעהט).

אַרטישקאָוו (שטעלט זיך אָב אויף אַ אויגענבליק, קוועטשט מיט די פּלייצעס און געהט אָב אין אויפנאַם־צימער, טרעפט זיך אָן מיט פּאַוועל פּעטראָוויטש׳ן).

פּאַוועל פּעטר: ענדליך געפונען?

אַרטישקאָוו: נאָך נישט... שרעקליך!... שרעקליך!...

פּאַוועל פּעטר: צום טייוועל... נו, איך וועל זיי באַלד ווייזען, ווי אַזוי מ׳דאַרף זוכען, ווען זיין סיאַטעלסטוואָ בייזערט זיך דורכ׳ן טעלעפאָן... שוין צוויי מאָל טעלעפאָנירט!... צוויי מאָל!...

אַרטישקאָוו: צווי?... דאָס איז שרעקליך!...

פּאַוועל פּעטר.: און אונזערער שרייט און מאַכט גע-האַלדען... (אָב אינ'ם אַרכיוו).

אַרטישקאָוו (אַריינגעהענדיג אין קאַנצעל. צום קוריער): קיינעם נישט אַריינלאָזען... דער גענעראַל איז אויפגערעגט... (צו איוואַן סעמיאָנאָוויטש'ן) און איהר גיט נישט אָב קיין ראַפּאָרט... פון קיינעם נישט... זאָלען זיי וואַרטען... אַלע... (פערשווינדט).

פּאַוועל פּעטר. (אַריינקומענדיג אין אַרכיוו): נו, שוין לאַטש געפונען?

יעגאָר סטעפּ: ניקאַק ניעט, אייער פּרעוואָסכ.!

פּאַוועל פּעטר.: דער טייוועל זאָל אייך אַלעמען נעמען!... ווי ס'זעהט אויס, ווילט איהר, אַז מ'זאָל אַך ווי די הינט פון דאַנען אַרויסטרייבען! אייך אויך... אייך אויך... וואָס פּאַרע פּאַפּירען?... וועגען וואָס?...

יעגאָר סטעפּ. (דערלאַנגט דעם בעפעהל): אָט איז!...

פּאַוועל פּעטר.: (אַריינקוקענדיג) נו?... טאָ איז וואָס?...
פאַרוואָס קאָנט איהר נישט געפינען?... אַ דאָקומענט, וואָס איז אייך איבערגעגעבען געוואָרען, קאָן נישט פערפאַלען ווערען, פערשטאַנען?

יעגאָר סטעפּ.: טאַק טאָטשנאָ, אייער פּרעוואָסכ.!

פּאַוועל פּעטר.: אויב איהר זענט פערוואַלטער פון אַרכיוו, מוזט איהר תיכף געפינען יעדעס פּאַפּיר... אַפילו אין מיטען דער נאַכט... אין דער פינסטער... אַפילו אין שלאָף... פערשטאַנען?...

יעגאָר סטעפּ.: טאַק טאָטשנאָ, אייער פּרעוואָסכ.!

פּאַוועל פּעטר.: זוכט-זשע, זוכט!... (לאָזט זיך אַראָב אויפ'ן פּאָל, אָנגעוואָרפענע זאַכען ליגען ביז צום האלז, ער קוקט זיי דורך) אַלץ אויסגעמישט... דאָ וועט דער טייוועל אַליין גאָרנישט געפינען... אַ שענע אָרדנונג, מ'קאָן נישט זאָגען!...

אַרטישקאָוו (קומט פון דער קאַנצעל. אַריין אין אַרכיוו): נאָך נישט געפונען?... דאָס איז שרעקליך!... (בעמערקענדיג פּאַוועל פּעטר. אויף דער ערד) אייער פּרעוואָסכ. אַליין! לאָזט זיך אַראָב געבען איהם אויף דער ערד) ערלויבט... איך וועל אויך צוהעלפען... (צו פּאָרשיוו-קינע'ן) וואָס פּאַר'ע פּאַפּירען? וועגען וואָס?

פאָדשיוקין: (רוקט זיך צו אויף די קניה און ווייזט איהם שטיל דאָס פּאַפּיער).

אַרטישקאָוו (אַריינקוקענדיג): נו, איז וואָס? די סאַמע געוועהנליכסטע פּאַפּירען... פאַרוואָס קאָנט איהר זיי נישט געפינען?... (טוכט).

איוואַן סעמ. (צום קוריער): יעצט קען מען פערראויכערן... (פערראויכערט).

קוריער: איוואַן סעמיאָנאָוויטש, רויכערט נישט! זיי האָבען פיינד, אַז אונזער־ע פּאַפּיראָסען טוען זיך אויסמישען מיט זייערע ציגאַרען...

איוואַן סעמיאָנ.: ס'מאַכט נישט אויס... די טיר איז פערמאַכט...

קוריער: זיי וועלען דורך דער טיר דערשמעקען... (ביים נאַטשאַלניק'ס טיש קלנגט דער טעלעפאָן).

נאַטשאַלניק (נעמט די רעהר): נאָך נישט צוגעשטעלט? נאָך אַלץ נישט?... ווינאָוואַט, אייער סייאַטעלסטוואָ!... ערלויבט... איך וועל אַליין צוגעהן!... (הערט) צום בעפעהל... (הענגט אויף די רעהר, שטעהט אויף).

קוריער (לעגט צו אַ אויער צו דער טיר, הערט זיך איין דעם טעלעפאָן-געשפּרעך).

נאַטשאַלניק (עפענט אויף די טיר).

קוריער (שפּרינגט אָב).

איוואַן סעמ. (לעגט געשווינד אַריין דעם פּאַפּיראָס צווישען די פּאַפּירען, וואָס ליגען נעבען איהם, שטעלט זיך גלייך).

נאַטשאַלניק (שטעלט זיך אָב, צום קוריער): וואָס האָסטו זיך צולעגט אויף דער טיר? איינגעשלאָפען?... אונטערגעהערט זיך! הייס, מ'זאָל דיך שטראָפירען... (מאַכט צוויי טריט, שטעלט זיך אָב, צו איוואַן סעמיאָניטש) געראויכערט?... שוין ווידער?... ווער?... איהר?... הייסט, מ'זאָל אייך פון דאַנען ווי אַ הונד אַרויסטרייבען!... (געהט שנעל אָב אין אַרכיוו).

(איוואַן סעמ. און דער קוריער קריגען זיך איינער מיט'ן אַנדערן, פאַרוואָס זיי האָבען דערבייזערט דעם נאַטשאַלניק).

נאַטשאַלניק (אַריינקומענדיג אין אַרכיוו, דערזעהט אַלעמען קניהען אויפ'ן פּאָל): וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

פּאַוועל פּעטר. (טרויריג): מיר זוכען, אייער וויסאָקאָפר.!...

נאַטשאַלניק: נאָך אַלץ נישט געפונען?...

פּאַוועל פּעטר.: מיר געפינען עס די מינוט, אייער וויסאָקאָפר.!

אַרטישקאָוו: (קוקט נאָך אַמאָל אויפ'ן פּאַפּיר, ווייזט עס פּאַוועל פּעטראָוויטש'ן, און איינרוימענדיג איהם עפּעס, שטעהט ער אויף).

פּאַוועל פּעטר. (ווייזט דאָס פּאַפּיר פּאָדשיווקינען און שטעהט אויף).

פּאָדווישקין: (אָנקוקענדיג, שטעהט אויף).

נאַטשאַלניק (צו יעגאָר סטעפּ.): נו... איהר זענט דאָך עפּעס דער הערר פּערוואַלטער איבער'ן אַרכיוו, זייט-זשע אַזוי גוט און קומט אַהער!... פאַרוואָס קאָנט איהר נישט געפינען... האַ? פאַרוואָס?

יעגאָר סטעפּ. (זעהר טרויריג): זאָל מיר זיין וויסאָקאָפּר. ערלויבען צו ערקלערען...

נאַטשאַלניק: נו?...

יעגאָר סטעפּ.: די פּאַפּירען צו זוכען איז אַ אומזין...

נאַטשאַלניק: אַ אומזין?... פאַר-וואָס–?...

יעגאָר סטעפּ.: ערלויבט צו ערקלערען... אַזאַ דאַטום... אַזאַ דאַטום גיט איבערהויבט נישט...

נאַטשאַלניק (אָבטרעטענד): ווי?... ס'איז ניטאָ קיין דאַטום?... וואָס הייסט, ס'גיט נישט קיין דאַטום?...

יעגאָר סטעפּ.: סאַק טאָטשנאָ, אייער וויסאָקאָפר... ערלויבט מיר צו ערקלערען...

נאַטשאַלניק: נו, אַרויס מיט'ן לשון, גיכער!... נו... כ'ערלויב... ערקלערט!...

יעגאָר סטעפּ.: דאָס יאָהר 1910, זאָל מיר ענטשולדיגען, זיין וויסאָקאָפר., איז נישט קיין עבור-יאָהר... אַזוי אַז קיין 29 פעוורואַל קאָן נישט זיין... און דער 30 פעוורואַל, ערלויבט מיר צו ערקלערען, גיט איבערהויפּט נישט!...

נאַטשאַלניק (טרעט נאָך אַביסעל אָב, קוקט מיט חשד אויף אַלעמען): דער 30 פעווראַל!... וואָס זאָל דאָס בעדייטען?...

יעגאָר סטעפּ.: איהר האָט ערלויבט צו בעפעהלען אויס־צוזוכען די פּאַפּירען פון 29 און 30 פעווראַל פון יאָהר 1910... און, נאַטירליך, האָבען מיר...

נאַטשאַלניק: פון 30טען פעווראַל?... איך?...

יעגאָר סטעפּ.: טאַק טאַטענאָ, אייער וויסאָקאָפר!

פּאַוועל פעטר.: זיין וויסאָקאָפר. האָט ערלויבט צו מאַ־כען אַ פעהלער אין דאַטום... און זיי...

נאַטשאַלניק: ווייזט אַהער מיין בעפעהל!

אַרטישקאָוו (דערלאַנגט פּאַוועל פעטראָוויטש'ן).

פּאַוועל פעטר. (דערלאַנגט דעם נאַטשאַלניק).

נאַטשאַלניק (איבערלייענדיג, צורייסט ער זי, בעהאַלט עס אין דער הינטערשטער טאַש פון זיין וויץ-מונדיר): זאָן איהר... איהר האָט אַלע די גאַנצע שעה געזוכט דעם 30-טען פעווראַל?

(דער טעלעפאָן ביים נאַטש לגיקס טיש קלינגט).

קוריער (לויפט אַריין אין קאַבינעט, נעמט די רעהר הערט זיך צו) דער קוריער, אייער סיאַטעלסטוואָ!... (לעגט אַוועק די רעהר לויפט אַריין אינ'ם אַרכיוו).

נאַטשאַלניק: וואָס זאָל איך יעצט ערקלערען זיין סייאַ־טעלסטוואָ? אַז אַ גאַנצע שעה האָבען מיינע בעאַמטע געזוכט דעם 30-טען פעווראַל? יאָ?... יאָ?... (ווייזט אָן פּאַוועל פעטראָוויטש. אויף יע־גאָר סטעפּ.) ביי איהם נעמט צו די אויסצייכנונגען... (אָנווייזענדיג אויף פּאַדשיווקינ'ען) און דעם וואַרפט אַרויס!

קוריער (קומט אַריין אינ'ם אַרכיוו): אייער וויסאָקאָבּר! זיין סייאַטעלסטוואָ רופט אייך צום טעלעפאָן...

נאַטשאַלניק: הם... הם... איך וועל אייך ווייזען אַ 30-טען פעווראַל!... (געהט שנעל אָפּ אין זיין קאַבינעט, נעמט די רעהר צום אויער).

קוריער (געהט נאָך איהם, שטעלט זיך ביים טיער).

פּאַוועל פעטר. און אַרטישקאָוו (געהען נאָך איהם און וואַרטען, רעדען שטיל אין אויפנאַמס-צימער).

י ע ג אָ ר ס ט ע פּ. און פּ אָ ד ו י ש ק י ן (זעצען זיך פאַרטראַכט אויף זייערע ערטער).

א י ו ואַ ן ס ע מ. (שטעהט גלייך).

נ אַ ט ש אַ ל נ י ק (אין טעלעפאָן): דאָס בין איך... אייער סייאַטעל־סטוואָ, (הערט זיך צו) נו, דאַנקען גאָט!... זעהר אָנגענעהם... מיר?... כ׳דאַנק הערצליך, אייער סייאַטעלסטוואָ! געוויס, נאָר אייך בין איך דאָס שולדיג... כ׳דאַנק פון טיפסטען האַרצען — די פּאַפּירען, וואָס איהר האָט בעפוילען צוזשטעלען, זענען שוין גרייט... זיי זענען דאָ ביי מיר אויפ׳ן טיש... איך וועל יערענפאַלס צושיקען פון יאַנואַר, פעווראַל און מאַרט... וואָס? נאָר פון מאַרט?... צום בעפעהל! די מינוט שיק איך... כ׳דאַנק נאָכאַמאָל זיין סייאַטעלסטוואָ!... כ׳האָב די עהרע אייך צודאַנקען... (לעגט אַוועק די רעהר, קלינגט גאָב׳ן קוריער) הם...

ק ו ר י ע ר (ערשיינט).

נ אַ ט ש אַ ל נ י ק (מילד): רופ אַריין אַרטישקאָוו׳ן.

ק ו ר י ע ר: צום בעפעהל, אייער וויסאָקאָפּר.!

נ אַ ט ש אַ ל נ י ק: יאָ, אַלטער! כ׳בין דיר מוחל... זאָג, מ׳זאָל דיך ניט שטראַפירען...

ק ו ר י ע ר: כ׳דאַנק הערצליך, אייער וויסאָקאָפּר.!

נ אַ ט ש אַ ל נ י ק: נו... נו... פערשלאָפען דער אַלטער טייוועל ביים טיר... נו, פּאָשאָל! גיכער!...

ק ו ר י ע ר (לויפט אַריין אַ דערפרעהטער אין אויפנאַם־צימער): עס־פּער... עספּער... מ׳רופט אייך... ביטע... (עפענט די טיר, לאָזט אַריין און שטעלט זיך אַוועק).

אַ ר ט י ש ק אָ ו: צום בעפעהל, אייער וויסאָקאָפּר.

נ אַ ט ש אַ ל נ י ק: נעמהט שוין פונ׳ם אַרכיוו די פּאַפּירען פון 29 און 30־טען מאַרט און טראָגט זיי אַהין צו זיין סייאַטעלסטוואָ..

אַ ר ט י ש ק אָ ו: צום בעפעהל, אייער וויסאָקאָפּר. (לויפט אַריין אין אויפנאַם־צימער, פרעהליך און לעבעדיג, צו פּאַוועל פּעטר.) מאַרט האָט זיך אַרויסגעוויזען, מאַרט!... ר׳האָט בעפוילען אַהינצוטראָגען צו זיין סייאַטעלסטוואָ פון חודש מאַרט (אָב אין אַרכיוו). מאַרט! מאַרט! גיב אַהער שנעלער! די מינוט טראָג איך אַ

היין צו זיין סיאַטעלסטוואָ! לעבעדיגער!

יעגאָר סטעפּ. און פּאָדשיווקין (וואַרפֿן זיך צו די צעוואָרפֿענע פּאַפּירן אויף'ן פּאָל, נעמען באַלד די גוטינקע פּאַפּירן און גיבן זיי איבער אַרטישקאָוו'ן).

אַרטישקאָוו (כאַפּט די פּאַפּירן, לויפֿט אַריין אין אויפֿנאַם-צימער, זיך נישט אָבשטעלנדיק צו פּאַוועל פּעטראָוו.) געפֿונען... כ'פֿיר שוין אַהין... (אָב אין דער קאַנצעל.)

יעגאָר סטעפּ. און פּאָדוישקין (קלייבן צונויף פֿון פּאָל די פּאַפּירן און לעגן זיי לאַנגזאַם אין אָרדנונג אויף דער פּערטער און פֿינפֿטער פּאָליצע).

נאַטשאַלניק (קלינגט צום קוריער).

קוריער (ערשיינט).

נאַטשאַלניק: פּאַוועל פּעטראָוויטש'ן...

קוריער: צום בעפֿעהל, אייער וויסאָקאָפּר.!... (אָב אין אויפֿנאַם-צימער) אייער פּרעוואָסכאָד.! זיין וויסאָקאָפּר... רופֿט אייך צו זיך.

פּאַוועל פּעטר. (קומט אַריין אין קאַבינעט): צום בעפֿעהל, אייער וויסאָקאָפּר.!

נאַטשאַלניק (אין בעסטן הומאָר): יאָ, מיין טייערער.. האַ? דעם 30-טען פֿעוראַל!... זיי האָבן אָבגעלאַכט'.. זייט זיי שוין דאָס מאָל מוחל צוליב'ן 30-טען פֿעוראַל! (לאַכט) כאַ כאַ-כאַ!

פּאַוועל פּעטר.: צום בעפֿעהל, אייער וויסאָקאָפּר. כע-כע!

נאַטשאַלניק: דעם... עלטערן... גיט אַ קליינע הוספה צו נייאָהר... ער דינט שוין לאַנג...

פּאַוועל פּעטר.: זעדר לאַנג, אייער וויסאָקאָפּר.!

נאַטשאַלניק: און דעם קליינעם... טרייבט נישט אַרויס... אַ דערשראָקענער... כמעט אַנ'אידיאָט... און דערצו... שוין פֿאַר יום-טוב...

פּאַוועל פּעטר.: צום בעפֿעהל, אייער וויסאָקאָפּר.!

נאַטשאַלניק: יאָ!... און דעם דעזשורנעם, וואָס האָט געדרוקט... כאַפּט איהם דער טייוועל... זייט אויך איהם מוחל צוליב'ן 30-טען פֿעוראַל... כאַ! כאַ! כאַ! ע... יאָ! אַ געלעכטער! וועל נאָך שטענדיג געדענקען... דעם 30-טען פֿעוראַל... כאַ-כאַ כאַ

פּאַוועל פּעטר.: די ליסטע איז שוין צוריק געקומען, אייער וויסאָקאָבר.!

נאַטשאַלניק: יאָ, צוריקגעקומען! און אַדורכגעגאַנגען... אײנגאַנצען...

פּאַוועל פּעטר.: כ'האָב די עהרע צו גראַטולירען אייער וויסאָקאָבר.!

נאַטשאַלניק: כ'דאַנק אייך, מיין פריינד... און איך (נעמט דעם פּאָרטפּעל, אָבגעהענד אין אויפנאַם-צימער) דעם 30-טען פעוו-ראַל]... כאַ-כאַ-כאַ!

פּאַוועל פּעטר. (נעהט איהם נאָך, לאַכט): כע-כע-כע!

נאַטשאַלניק (זיך געזעגענדיג אין אויפ. צים. מיט פּאַוו. פּעטר.): אַ געהאָרזאַם פאָלק, אונזערע בעאַמטע...

פּאַוועל פּעטר.: זעהר געהאָרזאַם, אייער וויסאָקאָ-פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ!...

פאָרהאַנג.

דאָס אויפפיהרונגס-רעכט ווערט געשיצט:
אין רוסלאַנד: דורכ'ן דראַמאַטישען און מוזי-קאַלישען שריפטשטעלער-פערבאַנד אין פּעטערבורג.
אין פוילען: דורכ'ן יודישען ליטעראַטען און זשורנאַליסטען-פעראיין אין לאָדז.

געארג פרעשעל.

קאמעדיאנט.

קאמעדיע אין 1 אקט.

יודיש דורך זלמן זילבערצווייג.

פארלאג
ידיש
ווארשע

פערזאנען:

עריך — שוישפּילער.

פריץ — זיין פריינד.

האנס סילדא.

פרוי בירק.

א רעפּאָרטער.

Drukarnia Piment i Sawabe, Warszawa, Sierakowska 4.

א שען מעבלירט צימער. די ווענד זענען בעהאנ-גען מיט קרענץ. לינקס א בילד פון א יונגער פרוי, די ראם איז בעהאנגען מיט א שווארצען באנד.

ערשטער אויפטריט.

פ ר י ץ און ע ר י ך (קומען אריין,ביידע שווארץ געקליידט).

— ע ר י ך שוישפילערישע מאניערען, ניט קוקענדיג אויף דער יוגענד, האט אין ראזירט געזיכט סימנים פון גרים. מאכט א איינדרוק ווי א פערשלאגענער. אין יעדער בעוועגונג פיהלט זיך דער שוישפילער. קיין שום גאטירליכעס, געקינסטעלטע זשעסטען).

— פ ר י ץ א יונגערמאן, געווענליך אויסזעהן.

פ ר י ץ: אט זענען מיר ווידער דא. דו רעכענסט דא צו בלייבען אדער אוועקצופאהרען?

ע ר י ך (פערשלאגען): כ'ווייס ניט. כ'האב נאך וועגען דעם ניט געטראכט.

פ ר י ץ: איך מיין, אז ס'וואלט געווען בעסער, ווען דו פאהרסט אוועק פון דאנען. דער סעזאן ענדיגט זיך סיי ווי באלד. אנדערש וואו וועסטו לייכטער פערגעסען.

ע ר י ך (טראגיש): פערגעסען? קאן איך דען פערגעסען?

פ ר י ץ: נו, אויב ניט פערגעסען, איז כאטש אבגעוועהנען זיך...

ע ר י ך (מיט בענקשאפט): אבגעוועהנען זיך? קאנסט זיך אבגעוועהנען פון עפעס?

פ ר י ץ: דא העלפט נישט קיין סאפיסטיק. דו דארפסט פוני-דעסטוועגען וועגען דעם א טראכט טון.

ע ר י ך (ווי פריהער): אָ, יאָ, אויב ס'איז נויטיג...

פ ר י ק (פריינדליך): הער אויס, עריך, לאָמיר זיך רוהיג דורכ־ריידען, דו דאַרפסט זיך ניט אַזוי אָבשרעקען צוליב'ן ווייטען וועג. צום בעדויערן איז עס אַ פערלוסט, וועלכער וועט שוין ניט צוריק קומען. דו דאַרפסט זיך מיט וואָס ס'איז פערגעהמען, דו טאָרסט ניט אַזוי פערצווייפלען, דו דאַרפסט עפּעס טוּן. קוק אַדורך אַ נייע ראָל אָדער עפּעס אַנדערש. דו דאַרפסט אַרבייטען.

ע ר י ך (טראַגיש): קאָן איך דען אַרבייטען?

פ ר י ק: דו דאַרפסט זיך בערוהיגען, אַז ניט, וואָס וועט זיין פון דיר, מיט דיין קונסט?

ע ר י ך (געפּיהללאָז): פון מיר קאָן שוין גאָרנישט זיין. פאַר מיר האָט זיך אַלץ געענדיגט.

פ ר י ק: דו דאַרפסט אַזוי ניט ריידען. דער קלאַפּ האָט דיך געמאַכט טרויריג, זעהר טרויריג, דו ביזט דאָך אָבער אַזאַ יונ־גער, אַזאַ טאַלענטירטער שוישפּילער, דו טאָרסט ניט זיין אַזוי פער'מרה־שחורה'ט...

ע ר י ך כ'מוז... (פאַלט אַריין אין נעוויין, כמעט ווי אין היסטעריקע: „אָסוואַלד" פון די „גייסטער"). כ'קאָן ניט, כ'קאָן נישט... רייד ניט מיט מיר! וואָס ווילסטו פון מיר? לאָז מיך געהן...

פ ר י ק (טיף גערירט): אָבער, עריך, אין גאָטס נאָמען... וואָס וועט פון דיר ווערען? דו דאַרפסט אַ ביסעל צו זיך קומען, דו טאָרסט ניט זיין אַזוי שוואַך, דו הערסט?

ע ר י ך (הערט איהם ניט, פערטיפענדיג די אויגען אין דער הייט־קייט): ווי מיינסטו, האָט זי מיך שטאַרק געליבט?

פ ר י ק (איינבויגענדיג זיך ביז צו די אַקסלען): טראַכט ניט וועגען דעם... טראַכט בעסער וועגען עפּעס אַנדערש.

ע ר י ך (פערצווייפעלט): כ'קאָן ניט טראַכטען וועגען עפּעס אַנ־דערש... שרעקליך, שרעקליך... ניט טראַכטען...

פ ר י ק: בערוהיג זיך, עריך, הערסט? דו מוזט דיך בערוהי־גען. וועסט דאָך דערמיט דיר גאָרניט העלפען.

ע ר י ך (ווי ער האַלט זיך אונטערגעגעבען דעם שיקזאַל: קאַרל מאָר פון „די רויבער"): אָ, ווי שרעקליך דאָס איז, וואָס איך קען זיך ניט

העלפֿען. אָט דער שרעקלעכער, ורעקנדער „אַלץ אומזיסט“ וועט מיך משוגע מאַכֿען.

פ ר י ץ: בערוהיג זיך שוין אַמאָל... ס'שטאַרבען דאָך פֿרויען ביי אַנדערע מענער אויך.

ע ר י ך (געטרייסט): כ'ווייס... כ'ווייס... אָ, אַנדערע פֿרויען... אַנדערע פֿרויען... גוט... (שרייט) אַזאַ פֿרוי אָבער האָט ניט געדאַרפֿט שטאַרבען... דו הערסט, אַזאַ האָט ניט געדאַרפֿט...

פ ר י ץ: עריך, כ'דערקען דיך ניט, דו האָסט דאָך פֿריהער... דו האָסט דאָך זי פֿריהער איבערהויפט ניט...

ע ר י ך: ניט געליבט? יאָ, דו ביזט גערעכֿט, איך האָב זי ניט געליבט... און, אַז זי האָט דערפֿיהלט, אַז איך ליב זי ניט, וואָס האָט זי געטון? (מיט מיה) זי איז געשטאָרבען צוליב מיר! דו הערסט? זי איז געשטאָרבען צוליב מיר! (פֿאַלט אויף אַ שטול, פויזע—„ראַזמערם האָלם“).

פ ר י ץ: אָבער דאָס בעוואוסטזיין, אַז אַזאַ שען, שטאַרק געפֿיהל...

ע ר י ך (שטרענג: פֿערדינאַנד פֿון „אינטריגע און ליבע“): שווייג!...

פ ר י ץ (ווייטער ריידענדיג): אָט די איינע זאַך. אַז מ'שטאַרבט צוליב דיר, דאַרף דיך בערוהיגען, פֿערלייכטערן דיינע ליידען און געבען דיר מוט צו קעמפֿען מיט דער פערצווייפלונג.

ע ר י ך (ווידער „אָסוואַלד“): הער אויף... כ'קאָן ניט פֿערטראָגען דיין שטימע... געה אַוועק... געה אַוועק... פֿאַרוואָס געהסטו ניט אַוועק?

פ ר י ץ: כ'קאָן דיך ניט איבערלאָזען איינעם אַליין.

ע ר י ך (טראַגיש): דו קאָנסט געהן, קאָנסט דיר רוהיג געהן... כ'קאָן ניט בעגעהן קיין זעלבסטמאָרד...

פ ר י ץ: יאָ, עריך, יאָ, דו טאָרסט ניט שטאַרבען, דו דאַרפֿסט לעבען.

ע ר י ך (פֿערבענקט): ליידען... אַלס שטראָף... כ'וואָלט זיך שוין לאַנג דער'הרג'עט, ווען כ'וואָלט ניט געוואָלט אַלס שטראָף טראָגען אַ טרויער אויפ'ן גאַנצען לעבען.

פ ר י ץ: אַלס שטראָף?... איך פֿערשטעה דיך ניט...

ע ר י ך (טרויעריג): זיי צופֿרידען דערפֿון, וואָס דו פֿערשטעהסט

מיך ניט... אָ, ווען דו וואָלסט בעוואוסט, װען דו װאָלסט געוואוסט...

פריץ: וואָס איז דען?

עריך (מיט אַ מערדערישער איראָניע — „האַמלעט"): דאָ איז גאָרניט צו וויסען, גאָרניט צו פֿערשטעהן.

פריץ: איך... איך פֿערשטעה איבערהויפּט...

עריך: שווייג... רייד ניט... (פּויזע) וואָס בין איך? (בייז) איך בין אַ אויסוואורף... איך בין אַ געמיינער נידערטרעכטיגער אויסװאורף... (פֿאַלט אויף אַ שטול).

פריץ: נו, עריך, הער זיך אויף אויפֿצורעגען... טרינק אויס אַ גלאָז וואַסער... בערוהיג זיך...

עריך (פֿערמאַכענדיג די אויגען, מיט אַ ציטערדיגע שטימע): וואָס האָב איך געזאָגט?

פריץ: גאָרניט, כ'בעט דיך...

עריך (בייז): איך האָב געזאָגט, אַז כ'בין אַ אויסוואורף? איך האָב דאָס געזאָגט, יאָ?

פריץ: יאָ, אָבער דו ביזט דאָך אַזוי אויפֿגערעגט, אַז ס'איז טאַקע...

עריך (טרויעריג און שאַרף): איך בין פֿאָלשטענדיג רוהיג, כ'בין ניט אויפֿגערעגט, דו הערסט, פֿריץ, איך בין טאַקי אַ אויסװאורף.

פריץ: עריך, דו הויבסט שוין ווידער אָן... פֿאַרוואָס רעדסטו אַזוי?

עריך: ווייל דאָס איז אמת... אמת...

פריץ: דו רעדסט נאַרישקייטען, ווייל דו ביזט אויפֿגערעגט...

עריך: ניין, איך בין ניט אויפֿגערעגט, איך ווייס וואָס כ'רייד... הער, פֿריץ, דיר וועל איך זאָגען, פֿאַרוואָס כ'בין אַ אויסװאורף. יאָ, גאַנץ געוועהנליך אַ אויסוואורף! דיר וועל איך עס ערקלערען. (האַלוציגירענד — „ראָזמערס האָלם") מיין פֿרוי איז געפֿאָהרען צוזאַמען מיט אַ רעטונגס-אָבטיילונג, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז איך געפֿין זיך אויף דער שיף, וואָס האָט זיך צושעדיגט אָן אַ פֿעלז. יאָ, יאָ, אַזוי איז עס: איך האָב זי געזעהן אויף אַ שיפֿעל, דאָס שיפֿעל האָט זיך איבערגעדרעהט און זי איז דערטרונקען געוואָ-

רען... איצט ווייסטו שוין אַלץ. איצט איז דיר שוין אַלץ קלאָר. דו ווייסט אָבער נאָך ניט, וואָס איך האָב דאַן געטון אויפ'ן שיף טאָ זיי־זשע וויסען... איך בין דאָרט געווען מיט מיין געליבטע... איך האָב זיך געראַטעוועט, אַלע האָבען זיך געראַטעוועט, נאָר זי... זי... איז אומגעקומען — און איך בין דאַן געוועזען צוזאַמען מיט אַ געליבטע... (פויזע... פייערליך) און דעריבער בין איך אַ אויסוואָרף...

פ ר י ץ (טיף גערירט): דו... איך... איך רעכען, אַז דו נעהמסט דיר די זאַך צופיל צום האַרץ... ווייל... פיל מענער האָבען געליבטע, און דעריבער...

ע ר י ך (פערבענקט): און זי איז געשטאָרבען...

פ ר י ץ: יאָ, דאָס איז שרעקליך... ס'קאָן אָבער זיין, אַז דאָס איז נאָר אַ צופאַל. זי איז צוליב נייגעריגקייט געפאָהרען מיט דער רעטונגס־אָבטיילונג. זי האָט דאָך גאָרנישט געקאָנט וויסען, אַז דו ביסט אויף דער „בריטאַניאַ"...

ע ר י ך: זי האָט געוואוסט, איך האָב איהר טעלעגראַפירט...

פ ר י ץ: אויב אַזוי, איז עס פיל שרעקליכער, ווי כ'האָב געמיינט, נאָר ס'איז פאָרט אַ צופאַל, אַ שרעקליכער צופאַל...

ע ר י ך (טראַגיש, אָנווייזענדיג מיט'ן פינגער אין דער הויך): דאָס איז מעהר ווי אַ צופאַל... דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט...

פ ר י ץ: דו דאַרפסט זיך אָבער ניט אַזוי פיל בעשולדיגען...

ע ר י ך: ניין, איך בעשולדיג מיך ניט, דער טויט בעשולדיגט מיך, אָבער... (מ'קלאַפט) אַריין...

צווייטער אויפטריט.

די זעלבע און מאַדאַם בירק (אַ דיקע, עלטערע פרוי).

ב י ר ק (אין טיר): ה' סילדא איז נעקומען און אָט איז אַ טעלעגראַמע...

ע ר י ך: זאָל ער צו־וואַרטען...

ב י ר ק: און די טעלעגראַמע?

ע ר י ך: אַ, די טעלעגראַמע, גיט אַהער (שרייבט זיך אונטער. מאַדאַם בירק אָב) זיכער אַ מיסגעפיהל־טעלעגראַמע... לעז. איבער...

דריטער אויפטריט.

די זעלבע אָהן מאַדאַם בירק.

פריץ (רייסט אויף די טעלעגראַמע, לעזט): „דעם 15-טען זעפּ־נען די דראָטען געווען איבערגעריסען. צוליב דעם האָט די טע־לעגראַמע № 179 ניט געקאָנט צוגעשטעלט ווערען אין דער צייט. די הויפּטפערוואַלטונג פון טעלעגראַף" — „כ'קום צופאָהרען אויף דער בריטאַניע. עריך".

עריך (שפּריננט אויף, אַ ווילע פּערגעסט ער, אַז ער איז אַ שוי־שפּילער, נעהט אָבער באַלד צוריק אַריין אין דער ראָל): וואָס? וואָס?

פריץ (לעזט נאָך אַ מאָל דורך): „כ'קום צופאָהרען אויף דער בריטאַניע. עריך".

עריך (צוטומעלט): דאָס איז דאָך מיין טעלעגראַמע. ווייז אַהער (לעזט) דראָטען צובראָכען... נישט צוגעשטעלט... כ'קום צו־פאָהרען אויף דער בריטאַניע... ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט זיין? טאָ פון וואַנען האָט זי געוואוסט?

פריץ: דאָס איז ווירקליך דיין טעלעגראַמע?

עריך: יאָ, די טעלעגראַמע, וועלכע כ'האָב געשיקט צו מיין פרוי.

פריץ: און וועלכע מ'האָט איהר גאָרניט צוגעשטעלט...

עריך: אָבער, אין גאָט'ס נאָמען, פון וואַנען האָט זי גע־וואוסט, אַז איך בין אויף דער בריטאַניע?

פריץ: דאָס איז זעהר מערקווירדיג...

עריך: פאַרוואָס איז זי גראָד געפאָהרען מיט דער רע־טונגס-אָבטיילונג? פאַרוואָס?

פריץ: ס'קאָן זיין, אַז זי האָט צופעליג געוואוסט, אַז דו ביזט אויף דער שיף?

עריך: ניין, אויס נאַגיריגקייט ריזיקירט מען ניט מיט'ן לעבען (ווידער מיט פּאַטאָס) גאָט מיינער... גאָט... פאַרוואָס איז זי געפאָהרען? פאַרוואָס?

פריץ: ס'קאָן גאָר זיין...

ג. פרעשעל.

ע ר י ך: ניין, דאָ מוז זיין אַ סבה... (שטעהט אויף) ס'קאָן זיין... דו ווייסט, ווען אַ פרוי רייזיקירט מיט'ן לעבען און פאָהרט אויף אַ אונטערגעהענדע שיף... אָ, מיר דאַכט זיך... מאַדאַם בירק, וואו זענט איהר?

פערטער אויפטריט.

די זעלבע און מאַדאַם בירק.

ב י ר ק: דאָ בין איך, וואָס ווילט איהר?

ע ר י ך: קומט אַריין!...

ב י ר ק: כ'בין אָבער נישט רעכט אָנגעטון...

ע ר י ך: איהר קאָנט אַריינגעהן (בעהערשט זיין צאָרן). איך וועל אייך פ'עגען... צי קאָנט איהר מיר דערצעהלען פון מיין פרוי'ס לעצטען טאָג... געדענקט איהר דעם טאָג?

ב י ר ק: דינסטאָג?!

ע ר י ך: יאָ, יאָ, דינסטאָג.

ב י ר ק: יאָ, פערשטעהט זיך, אַז כ'געדענק אַלץ ביז די לעצטע קלייניגקייט. יאָ, דינסטאָג אין דער פריה איז גאָרניט געווען. די מאַדאַם איז אויפגעשטאַנען אַרום אַכט, געפרישטיגט ווי געוועהנליך...

ע ר י ך: ריכטיג, ריכטיג... ווייטער...

ב י ר ק: דערנאָך איז זי אַוועק אַ ביסעל שפּאַצירען, נאָר אַזוי ווי דער הימעל האָט זיך בעדעקט מיט וואָלקענס און ס'איז געוואָרען פינסטער, איז זי באַלד צוריקגעקומען. אַזוי ווי זי איז נאָר אַריינגעקומען, האָט זיך אַראָבגעלאָזט אַ רעגען און ס'איז געוואָרען אַזוי פינסטער ווי ביינאַכט.

ע ר י ך: זי איז געווען אויפגערעגט?

ב י ר ק: אין אָנהויב ניט, נאָר ווען זי האָט אַרום דריי בעקומען די טעלעגראַמע.

ע ר י ך (זעהר פערוואונדערט): די טעלעגראַמע?

פ ר י ק (צוזאַמען מיט עריכ'ן): אַרום דריי אַ זייגער?

ב י ר ק: נו, יאָ, די טעלעגראַמע...

ע ר י ך (שפּרינגט אויף הייטער, ניפּטיג): וואָס פאַר אַ טעלעגראַמע

בירק: פון אייך...

עריך (קאלט): וואו איז די טעלעגראמע?

בירק: כ'ווייס ניט... די מאדאם האט זי געוויס בעהאל-טען...

עריך: וואו?

בירק: כ'ווייס ניט...

עריך: גיט א קוק... אט זענען די שליסלען...

בירק: באלד (אב).

עריך: פריץ, פריץ, וואס איך וועל זיך באלד דערוויסען!

פריץ: מיר וועלען באלד אלץ וויסען.

עריך: ווען, האט זי געזאגט, איז געקומען די טעלעגראמע?

פריץ: דריי א זייגער...

עריך: דעמאלט זענען די דראטען נאך ניט געווען אי-בערגעריסען.

בירק (קומט צוריק): אט איז די טעלעגראמע...

עריך (נעהמט זי): גוט... ר'קאנט געהן! (מאדאם בירק אב).

פינפטער אויפטריט.

עריך, פריץ

עריך (לעזט די טעלעגראמע): א פערראט... א פערראט...

פריץ: וואס איז דען?

עריך: כ'וועל איהם דעם מח צושפאלטען... אזא אויסוואורף...

פריץ: ועמען, עריך?

עריך (מיט א שרעקליך געלעכטער): אך, איך נאר... נאר... צוליב מיר איז זי געשטארבען...

פריץ: וואס?

עריך (מיט א געלעכטער): שווייג... לעז... מיין שאץ, כ'קום היינט צופאהרען אויף דער בריטאניע, האנס סילדא... און איך האב געמיינט, אז צוליב מיר... איך וועל איהם אויספאטשען... איך...

פריץ: בערוהיג זיך...

עריך (ווי א פשוט'ער טיף בעליידיגטער בשר ודם): בערוהיג זיך... איך זאל זיך בערוהיגען... ניט קוקען אויפ'ן פערראט... קיי-

נער אין דער גאַנצער וועלט איז ניט אַזוי אָבגעַנאַרט געוואָרען. די איז אַהערגעקומען צוליב איהר געליבטען, און איך האָב גע־מיינט, אַז צוליב מיר... וואָס פאַר אַ ציניזם.

פריץ: אָבער, עריך...

עריך: צוליב מיר... איך האָב געמיינט, אַז זי איז צוליב מיר אַהערגעקומען און כ׳האָב זיך געפיהלט ווי אַ שילער־יונגעל, און זי איז גאָר געלאָפען צו איהר געליבטען... אַזאַ...

פריץ: אָבער בערוהיג זיך, דו ביזט דאָך נישט דער ער־שטער, וועמען מ׳נאַרט אָב.

עריך: ניט דער ערשטער... איך... איך... איך בין אָבגע־נאַרט געוואָרען... מ׳האָט מיך אָבגענאַרט...

פריץ: דו האָסט דאָך אָבער אויך...

עריך (דראָהענד): וואָס?

פריץ (הייך): איך האָב געוואָלט זאָגען: דו האָסט דאָך אויך געהאַט אַ געליבטע...

עריך (בייז): ווער וועט מיך דאָס בעשולדיגען, אַז איך האָב אָבגענאַרט מיין פרוי? ווער?!

פריץ: דו ביזט דאָך אַליין...

עריך (ניט הערענדיג איהם): איך וועל אָט דעם פרעכען...

פריץ: דו האָזט דאָך פריהער געזאָגט...

עריך (מיט דער נאַטירליכער שטימע): נו? (האַרט) די וואָג־שאָלען זענען אָבער ניט קיין גלייכע... אַ מאַן דאַרף האָבען אַ געליבטע און אַ פרוי טאָר קיינמאָל ניט האָבען קיין געליבטען...

פריץ: איך פערשטעה דאָס ניט...

עריך (ערנסט): דאָס איז אַ נאַטור־געזעץ... (טרויריג) און דערפאַר וועל איך סילדאַ׳ן ערמאָרדען.

פריץ (נאַאיוו): ווי אַזוי?

עריך: „און אין דער מינוט האָט ער זיך געוואָרפען אויף איהם און איהם ערמאָרדעט"... (אַ לאַנגער זשעסט)

זעקסטער אויפטריט.

דיזעלבע, בירק.

בירק (אין דער טיר): דער הערר סילדאַ זאָגט, אַז ס'האָט זיך איהם שוין צוגעגעסען צו וואַרטען.

עריך (מיט אַ דונערנדע שטימע): ווער?

בירק (דערשראָקען): הערר סילדאַ...

עריך (צו פריצ'ן): דו הערסט?... זיין צייט איז געקומען...

(רוהיג: „קעניג פיליפ") זאָל ער אַריינקומען... (בירק אָב).

פריץ (ציטערט פאַ- אויפרעגונג): דו ווילסט אָט שוין?...

עריך: ניין, זאָל ער צוערשט פּהלען מיין טיפע פעראַכטונג צו איהם... ביזט גרייט צו זיין מיין סעקונדאַנט?

פריץ (ציטערנדיג): יאָ... (מ'קלאַפּט).

זיבעטער אויפטריט.

עריך, פריץ און סילדאַ.

עריך: אַריין... (ווי סילדאַ קומט נאָר אַריין, חערט ער אַ ביסעל מעלאַנכאָליש — ראָל „אָטעלאָ") אַ, דאָס זענט איהר, ה' סילדאַ?

סילדאַ (אַ זעהר עלעגאַנטער הערר. אין זיין ריידען פיהלט זיך איראָניע): כ'דריק אייך אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל... דריקט איהם די האַנד) אייער פערלוסט איז אַ גרויסער קלאַפּ...

עריך (צובראָכען): אַ קלאַפּ, וואָס כ'וועל קיינמאָל ניט פערגעסען...

סילדאַ: נו, מיט דער צייט געהט דאָך אַלץ אַריבער... (בעמערקט פריצ'ן) אַ, איהר זענט אויך דאָ?... וואָס פאַר אַ צופאַל...

פריץ: איך בין געקומען בערוהיגען מיין פריינד...

סילדאַ: די צייט וועט איהם בערוהיגען. אַ מענש וועלכער שטייגט פון איין טריאומף צום אַנדערן, קאָן ניט לאַנג געדענקען אין אַ פערלוסט...

עריך (ווי פריהער): דעם פערלוסט וועל איך שטענדיג געדענקען.

סילדאַ: איהר דאַרפט זיך בערוהיגען, איהר טאָרט ניט קלערען וועגען דעם. וואָרום אויב ניט, טאָ ווי אַזוי וועט איהר אויף דער נייער וואָך קאָנען שפּילען ראָמעאָ?

ע ר י ך (פלוצלונג זעהר ליבליך): איהר מיינט, אַז דאָס קאָן מיר שאַדען?

ס י ל ד אַ: געוויס, יעדע אויפרעגונג שטערט, איהר דאַרפט פערגעסען אין אייער אומגליק.

ע ר י ך: איהר זענט גערעכט... (שטעלט זיך אַוועק אין אַ פּאָזע): די קונסט איז פריהער פאַר אַלעם. כ'וועל פּרובען פערגעסען...

ס י ל ד אַ: אויסגעצייכענט, אַט דאָס געפעלט מיר! איהר מעט אַלזאָ שפּילען...

ע ר י ך (ערנסט): יאָ, ווי האָב איך געזאָגט: די קונסט איז פריהער פאַר אַלעם... איך בין ניט קיין-בעל-הבית איבער זיך, איך געהער צו דער געזעלשאַפט. כ'וועל שפּילען...

ס י ל ד אַ: גרויסאַרטיג... כ'בין ניט קיין בעל-הבית איבער זיך, כ'געהער צו דער געזעלשאַפט... אַט די פראַזע וואָלט געדאַרפט בעוואוסט ווערען אין דער גאַנצער וועלט.

ע ר י ך; כ'בעט אייך זי ניט צו פערשרייבען...

ס י ל ד אַ: נייָן? אַ שאָד... כ'זעה זיך גראָד היינט מיט'ן רעדאַקטאָר.

ע ר י ך: אַך, אַזוי, פערשטעהט זיך... נאָר איך בעשווער אייך, אַז איהר זאָלט ניט דערמאַנען מיין נאָמען...

ס י ל ד אַ: איהר קאָנט זיך אויף מיר פערלאָזען... וואו איז אייער פרוי געשטאָרבען?

ע ר י ך (דערשלאָגען): זי איז געשטאָרבען צוליב מיר...

ס י ל ד אַ: אַט דער פאַל איז זעהר טראַגיש...

ע ר י ך: איז עס שוין געדרוקט אין די צייטונגען?

ס י ל ד אַ: אַלע צייטונגען זענען שוין דערמיט פול...

ע ר י ך (דעקלאַמירט): אָ, די צייטונגען... דאָס גרעסטע, הייליגסטע ראַכען זיי פאַר אַ קאָמעדיע...

ס י ל ד אַ: דאָס איז טאַקע זעהר טראַגיש... איהר ווייסט אָבער דאָס וואונדערבאַרסטע אין דער דאָזיגער געשיכטע? איך בין צוזאַמען מיט אייך געפאָהרען אויף דער בריטאַניע... און האָב גאָרניט בעזעהן...

ע ר י ך (איבערראַשט): איהר זענט אויך געווען?

ע ר י ך (רוהיג): איהר האָט אויך געליטען פון דער שיף־קאַטאַסטראָפע?

ס י ל ד אַ: יאָ, ס'איז געווען אַ שרעקליכער מאָמענט, ניט אמת? איך האָב זיך געראַטעוועט דער לעצטער, כדי צו צוקוקען די גאַנצע סצענע ביז צום סוף.

ע ר י ך (ווידער פערבענקט): די סצענע, וואָס האָט מיר צוגערויבט מיין גליק, מיין טייערסטע...

ס י ל ד אַ: אומגליקליכער...

ע ר י ך: איהר האָט געקענט מיין פרוי?

ס י ל ד אַ: געוויס... זעהר גוט... מיר האָבען זיך בעקענט אין אסטענדע... אַ ליבע, שענע פרוי...

פ ר י ץ (ווי פריהער): עריך...

ע ר י ך (קאַלט): וואָס איז דיר?

פ ר י ץ (בעטריבט): גאָרנישט, גאָרנישט...

ע ר י ך: אָט איז איהר פאָטאָגראַפיע (מיט אַ טיפען זיפץ) אָ, גאָט, איך האָב נאָר די פאָטאָגראַפיע, אַליין אָבער ליגט זי אין קאַלטען קבר.

ס י ל ד אַ: בערוהיגט אייך, קומט צו זיך... איהר האָט דאָך אַ בעפרידיגונג, וואָס זי איז געשטאָרבען צוליב אייך...

ע ר י ך: וואָס קאָן מיך בערוהיגען? וואָס! אָ, די בענקשאַפט, וואָס פערקלעמט מיר דאָס האַרץ...

ס י ל ד אַ: בערוהיגט אייך. מיין פעטער, דער דירעקטאָר פון קעניגליכען טעאַטער, זאָגט...

ע ר י ך (אויפגעלעבט): אָט דער בעריהמטער מענש איז אייער פעטער? דאָס הער איך צום ערשטען מאָל... דאָס איז אינטערעסאַנט... אויב אַזוי, איז, ווען איהר ווילט...

ס י ל ד אַ: כ'בין שטענדיג גרייט אייך צו דינען...

ע ר י ך (זעהר ליבליך): אויב ס'איז אייך ניט שווער צו בעקומען פאַר מיר אַ אַנגאַזשמענט... כ'בין זעהר ניט צופרידען פון מיין טעאַטער...

ס י ל ד אַ: אייער איצטיגער פאָסטען געפעלט אייך ניט?

ע ר י ך : ניין, כ׳זוך שוין לאנג...

ס י ל ד אַ : נו, געווים, איך וועל אייך אַ ביסעל צו העלפען.

ע ר י ך : דאָס וואָלט געווען גרויסאַרטיג... יאָ, מיר וואָלטען בעקאַנט... איהר וועט אפשר פרישטיקען מיט מיר?

ס י ל ד אַ : אָבער...

ע ר י ך : ניין, ניין, איהר מוזט כאָטש טרינקען אַ גלאָז ויין... (רופט): מאַדאַם בירק...

אַכטער אויפטריט.

די זעלבע, מ אַ ד אַ ם ב י ר ק.

מ אַ ד אַ ם ב י ר ק (אין טיר): איהר ווילט?

ע ר י ך : ווײן און דריי גלעזער.

ב י ר ק : זאָפאָרט (ברענגט).

ע ר י ך : אַלזאָ, איז דער דירעקטאָר טאַקע אייער פעטער? אַ זעלטענער צופאַל... נו, כ׳בעט אייך, טרינקט... און איהר האָט אויף איהם אַ איינפלוס אויך? אויב אַזוי, קאָנט איהר מיר טון אַ גרויסע טובה.

ס י ל ד אַ : כ׳זעל טון אַלץ, וואָס ס׳וועט מיר נאָר מעג-ליך זיין.

ע ר י ך (טרינקט): לחיים, נאָך אַ גלעזעל...

ס י ל ד אַ : ניין, אַ דאַנק, כ׳מוז געהן. כ׳דאַרף זיך נאָך איבערטון צו דער יאַגד...

ע ר י ך : איהר זענט אַ שיסער? וואהרשיינליך אַ גוטער שיסער?

ס י ל ד אַ : אין ניצא האָב איך בעקומען צוויי פּריזען... נו, כ׳מוז שוין געהן... כ׳האָב אייך שוין אַזוי אויך געשמערט...

ע ר י ך : וואָס רעדט איהר...

ס י ל ד אַ : ניין, ניין, כ׳געה... (קיאַסט עריכ׳ען איבער דער פלייצע) אַלזאָ, זייט אַ ביסעל מונטערער, מ׳טאָר ניט קלערען וועגען דעם, וואָס מ׳קאָן שוין אַנדערש ניט מאַכען... אויף ווידערזעהן, מיינע הערען... אַדיע!

פ ר י ך : אַדיע... (ע ר י ך בעגלייט ס י ל ד אַ ׳ן ביז צו דער טיר. מ׳הערט איינצעלנע הערטער: פ ע ט ע ר, ד י ר ע ק ט אָ ר, ר ע ק אָ מ ע נ-

נייגטער אויפטריט.

פריץ און עריך.

עריך (קומט צוריק): נו, וואס זאגסטו? איז דאס ניט גרויסארטיג?

פריץ (קאיט): וואס?

עריך: וואס דער דירעקטאר איז זיין פעטער?

פריץ: וואס וואלסטו געהאט דערפון, ווען זיין פעטער איז אגאר א סולטאן?

עריך: ס׳איז ניט אזוי ווי דו מיינסט! גלויב, ער וועט מיך פראטעזשירען און איך וועל אנקומען אין קעניגליכען טעאטער...

פריץ: איך פערשטעה דיך ניט... (רוהיג) דו דארפסט דאך איהם דער׳הרג׳נען...

עריך: פארוואס זאל איך איהם דער׳הרג׳ענען?

פריץ: ער איז דאך געווען דיין פרויס געליבטער.

עריך (פלוצלונג הידער „אטעלא"): ווער איז מיין פרויס געליבטער

פריץ: ער...

עריך: (שרייט) דו ליידיגגעהער! ער? דעם דירעקטאר׳ס שוועסטערקינד?

פריץ: כ׳רעכען, די בעווייזען זענען קלאר...

עריך (ווילד): בעווייזען?... וואס פאר א בעווייזען?

פריץ: ער האט דאך אליין געזאגט, אז ער קען דיין פרוי און אז ער איז געפאהרען אויף דער בריטאניע...

עריך: אט דאס הייסט ביי דיר בעווייזען? דאס הייסט בעווייזען?

פריץ: און זיין טעלעראמע צו דיין פרוי?

עריך: איך ווייס ניט פון קיין שום טעלעגראמע... וואו איז די טעלעגראמע?

פריץ (גיט זי איהם): אט איז זי...

עריך (צורייסט זי, ווילד): אט דאס איז א טעלעגראמע? דאס זענען שטיקלעך פאפיר... (הייזט אויפ׳ן פרוי׳ס בילד) ווער וועט זיך ערלויבען זי צו בעליידיגען, אט דעם מלאך (פאלט הייעגדיג אויף

די קניה), וואָס איז געשטאָרבען צוליב מיר.

פ ר י ץ: דו ביזט אַ נאַר...

ע ר י ך: שווייג, אויסוואורף...

פ ר י ץ: ס'איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז זי האָט דיך גענאַרט...

ע ר י ך: איב דו רעדסט נאָך איין וואָרט, צורייס איך דיך אויף שטיקער... דו ערלויבסט זיך צו בעליידיגען מיין פרוי?... דו ערלויבסט דיר זי חושד זיין?

פ ר י ץ: אָבער...

ע ר י ך: אַרויס, יונגעל... אַרויס, אויסוואורף... (באַפּט איהם אַן פאַר'ן קאָלנער און וואַרפט איהם אַרויס, געהט אַרום איבער'ן צימער מיט גרויסע שריט).

צעהנטער אויפטריט.

ע ר י ך, ב י ר ק, דערנאָך ר ע פ אָ ר ט ע ר.

ב י ר ק (אין דער טיר): אַ רעפּאָרטער איז געקומען צו אייך...

ע ר י ך: גוט... זאָל ער אַריינקומען... אָדער ניין, וואַרט צו... ניין, זאָל ער אַריינקומען... (שטעלט זיך אויף די קניה פאַר'ן בילד) כ'בעט דיך, הייליגע, טייערע, וואָס דו ביזט צוליב מיר געשטאָרבען...

ר ע פ אָ ר ט ע ר (קומט אַריין און פערצייכענט שנעל).

פאָרהאַנג.

דאָס אויפפיהרונגס־רעכט ווערט געשיצט:
אין רוסלאַנד: דורכ'ן דראַמאַטישען און מוזיקאַלישען שריפטשטעלער־פערבאַנד אין פעטערבורג.
אין פוילען: דורכ'ן יודישען ליטעראַטען און זשורנאַליסטען־פעראיין אין לאָדז.

פערלאַג „יודיש״, ווארשא.

33) טורמע - וואַנדערונגען .... וו. קאָראָלענקאָ.

(„דאָס איז דאָס שענסטע און דאָס שטאַרקסטע, וואָס דער גרויסער קינסטלער און קעמפער קאָראָלענקאָ האָט געשאַפען אויפ'ן געביט פון טורמע-פיין און סיבירער וואַנדערונגען״).

34) סיבירער דערצעהלונגען ... וו. קאָראָלענקאָ.

(„קיינער פון די רוסישע קינסטלער האָט אַזוי טיף און ברייט בישט געשילדערט דאס לעבען און די שטרענג-שענע לאַנדשאַפטען פון דער ווייטער סיביר״).

35,36) דאָס 93-טע יאהר .... וויקטאָר הוגאָ

(„וויקטאָר הוגאָ געהערט צו די גרעסטע שטערען פון דער וועלט-ליטעראַטור און דאָס „93—טע יאָהר״—צו די שענסטע ווערק, וואָס זענען איבערגעזעצט געוואָרען אין אַלע שפראַכען״).

37) סטרונעס . . . . ז. סעגאַלאָוויטש.

(„ז. סעגאַלאָוויטש איז איינער פון די שענסטע ליריקער אין יודיש, און זיינע לידער, וואָס קומען-אריין אין דעמדאָזיגען באַנד, זענען ווירקליך קלאַנגען פון צאַרטע סטרונעס, אמאָל מעלאַנכאָלישע און אמאָל אָבער שטורמישע, ווי דער ווינד אויפ'ן ים״).

38) דאָס טעאַטער-בוך ....

(„אַ זאמלונג פון די בעסטע איינאַקטערס, וואָס זענען געשאַפען געוואָרען אין אַלע אייראָפּעאישע שפראַכען און געשפּילט געוואָרען אויף די גרעסטע ביהנעס אין אייראָפּא און אַמעריקאַ״).

39) רעגינע (פּאָעמע) .... ז. סעגאַלאָוויטש.

(„אויף אַ דורכזיכטיגען לייוועגט איז דאָ אויסגעמאָלט די פּויליש-יודישע פרוי. מיט צאַרטע פאַרבען איז געשילדערט אהר סביבה און צוזאַמען דערמיט אויך דעם דיכטערס איבערלעבונגען״).

אָקטאַוו מירבאָ.

דער טייסטער

קאָמעדיע אין 1 אקט.

יודיש דורך זלמן זילבערצווייג.

תר"פ

1919.

פערזאנען:

זשאַן געניל.

פאליציי-קאמיסאר.

זשעראָם מאַלטעניו — געהיים-אגענט.

1-טער פאליציאנט.

2-טער פאליציאנט.

פלארא טאמבור.

די האַנדלונג קומט פאָר אין פאַריז אין ביורא פון פאַליציי-קאַמיסאר, אין אונזער צייט.

Drukarnia Piment i Szwabe, Warszawa, Sierakowska 4.

דאָס ביוראָ פֿון אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, איז די ביהנע לעדיג. די האַלב אַ־אָבגעדרעהטע נאַז־לאָמפּ באַלייכט דאָס פינסטערע צימער, וואָס איז בעשלאָגען מיט גרינע טאַפּעטען. די געוועהנליכע מעבלירונג פֿון אַ פּאָליציי־ביוראָ... אויף די ווענד — אַפישען, בעקאַנטמאַכונגען, בעפֿעהלען. לינקס אַ אַלטע זאָפֿע... פֿון הינטער די קוליסען הערט זיך ווי איינער געהט איבער'ן צימער אויף און אָבּ גראָבּע שטימען.

ערשטער אויפֿטריט.

פּאָליציי־קאָמיסאַר, זשעראָם מאַלטעניו, געהיים־אַגענט.

קאָמיסאַר (קומט אַריין פֿון רעכטס אין דער בעגלייטונג פֿון זשעראָם מאַלטעניו; דער לעצטער דרעהט אונטערטעניג און אייַלענדיג אַרויף די לאָמפּ און פערגרעסערט דעם פלאַם.

קאָמיסאַר (אין צילינדער, אין פּאַלטאָ מיט אַ פוטערנעם קראַגען, אויפ'ן האַלז אַ שאַל): אַ שרעקליך וועטער.. און אויסערדעם, קיין נייעס, מאַלטעניו?

מאַלטעניו: קיין נייעס, ה' קאָמיסאַר.

קאָמיסאַר: אָבער, אַלענפאַלס?...

מאַלטעניו: אַך, גאָט!.. די זשורנאַליסטען זענען געקומען וועגען ידיעות.

קאָמיסאַר: אין דער אַ געלעגענהייט לע־פראַנשער?... זענט איהר געווען ליבענסווירדיג?

מאַלטעניו: אַזוי ליבענסווירדיג, אַז ס'האָט זיי אַוש געעקעלט, ה' קאָמיסאַר.

קאָמיסאַר: און וואָס נאָך?...

מאַלטעניו: ווי געוועהנליך, איינעגע טאַשען־גנבים..

אונבעווייטענדע געשלעגערייען... אייניגע פֿאַלען פֿון גנבות...

קאָמיסאַר: גוט.

מאַלטעניו: בכלל ווייניג לעבען...

קאָמיסאַר: אויסגעצייכענט.

מאַלטעניו: פֿאַריז געניסט איצט פֿון דער גרעסטער רוהיגקייט...

קאָמיסאַר: אַ אויסערליכע רוהיגקייט. מאַלטעניז... איינוועניג רוישען וואולקאַנען... ס'האָט קיינער נישט געפֿרעגט אויף מיר!

מאַלטעניו: קיינער נישט... (פּויזע, בעת וועלכער דער קאָמיסאַר לעגט אַוועק זיין שטעקען און שאַל אויפֿ'ן טיש) ס'איז וועהר שנעל אַדורך.

קאָמיסאַר: וואָס?

מאַלטעניו: די נייע זאַך אין וואָדעוויל.

קאָמיסאַר: הם!... מ'קאָן נישט זאָגען, אַ שענער זאַל... אַ שענער זאַל... שיינע פֿרויען-קרעפּטען... נאָר אַלץ די זעלבע... דער בעלגישער קעניג!...

מאַלטעניו (מיט ענטוזיאַזם, אויפֿהייבענדיג די אויגען צום באַלקען): אַך! טעאַטער!...

קאָמיסאַר: פּכע!... (טוט אויס דעם פּאַלטאַ, הענגט איהם אויף אויפ'ן הענגער און בלייבט שטעהן אין אָווענד-קאָסטיום). דאָס טעאַטער איז אַ אָבגעאַרענדע זאַך... איך האַלט, ה' זשעראָם מאַלטעניו, אַז דאָס טעאַטער ציהט זיין עקזיסטענץ פֿון מעשיות, וועלכע מאַכען מיד, נאַרישע באַנאַליטעטען... מ'בעאַרבייט דאָרט נישט גענוגענד דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם, דער טייוועל זאָל עס נעהמען!...

מאַלטעניו: אַך! ווען מיר, אַ שטייגער, וואָלטען געשריבען פֿאַר'ן טעאַטער... מיר. וועלכע לעבען מיט דער סאָציאַלער פּראַגע... שטענדיג!...

קאָמיסאַר: מ'קאָן אַפֿילו זאָגען, אַז מיר לעבען מיט דער סאָציאַלער פּראַגע אַזוי ווי מאַן און ווייב... עך, מאַ!... (לעגט אַוועק זיין הוט אויפ'ן שרייב-טיש, זעצט זיך נעבען איהם, רעדט די גאַנצע צייט, פֿונאַנדערקלייבענדיג די פּאַפּירען) געפֿיהלען... אינטימע מעשיות... אַ הויז-פֿריינד... איך פֿערגעסער דיך... נעהם מיך... גיב אַהער דיינע

ליפען... דאָס—האָבען מיר געגנ ג... רעפאָרמען... אידעען... קיינמאָל נישט...

מאַלטעניו: דאָס טעאַטער מאַכט ניט דענקען...

קאָמיסאַר: ניין... ס'מאַכט יאָ... (מאַלטעניו מאַכט אַ שיממערדיגע בעוועגונג) טאַקע דאָס!... (רייבט זיך די הענד) ס'וואָלט נישט געווען קיין צושויער־זאַל... די ווייבער אין צושויער־זאַל... זאָגט וואָס איהר ווילט, מאַלטעניו, מ'דאַרף זיין פערשטענדיג... אַז ס'איז נישטאָ קיין פיש, איז אַ הערינג אויך אַ פיש... (לאַכט).

מאַלטעניו (לאַכט אויך): גוט געזאָגט.

קאָמיסאַר (קוקענדיג אויפ'ן זייגער, וואָס שטעהט אויפ'ן אויוען): דריי פערטעל איינס... יאָ!... איהר, מאַלטעניו, זענט מיר היינט נישט נויטיג... איך דאַרף אַרבייטען... אַלזאָ, אַ גוטע נאַכט...

מאַלטעניו: אויף ווידערזעהן, ה' קאָמיסאַר... (געהט צו דער טיר, קומט צוריק) ה' קאָמיסאַר!... (דער קאָמיסאַר הויבט אויף דעם קאָפּ) און וואָס איז מיט מיין אַרטיקעל?

קאָמיסאַר: אייער אַרטיקעל?... זעהט איהר, איך האָב גאָר פערגעסען... איך האָב זיך געזעהען מיט'ן רעדאַקטאָר פון דער „בעוועגונג"...

מאַלטעניו: נו, און וואָס?...

קאָמיסאַר: יאָ, דאַכט זיך, אַז ער וועט נישט געהן... ער וועט נישט זיין געדרוקט.. ס'פעהלט אין איהם עלעגאַנטישקייט. ער האָט נישט, אייער אַרטיקעל, מאַלטעניו, דאָס... (פערענדיגט די פראַגע מיט אַ זשעסט) איהר פערשטעהט?.. מ'דאַרף האָבען לייכטקייט, בויגזאַמקייט... צו... (די זעלבע בעוועגונג) נו, מיט איין וואָרט, אַ ביסעל מעהר פאַריזעריש..

מאַלטעניו (מיט אַ נעטווישטען בליק): ס'איז דאָך אָבער אַ זעהר ערנסטער בעטראַכטונג... אַ זעהר ערנסטע פאָרשונג... וועגען דער פּאַטאַגאָנישע פּאָליציי... (איראָניש) און דאָס קאָן דאָך נישט זיין אינגאַנצען פאַריזעריש...

קאָמיסאַר (אָפּגייענד): ווער זשע איז שולדיג? איך?!

מאַלטעניו: אייך, אַלענפאַלס, דאַנק איך, ה' קאָמיסאַר... (פערבייטערט) און מ'בעקלאָגט זיך נאָך אויפ'ן נידריגען שטאַנד...

אויף דער ירידה פון דער פּראָווינציעלער פּרעסע!...

קאָמיסאַר: אַלץ פאַלש, מאַלטעניו, די פּרעסע... טעאַטער... דער געשמאַק פון דער געזעלשאַפט... די פּאָליציי פאַלט אויך... און פּאַטאָגאָניע אויך... מיר לעבען אין אַ עפּאָכע פון פאַלען... מ'קאָן דאָ גאָרנישט מאַכען... דאָס איז פאַר אונז נישט קיין נייעס... נו, גוט, אויף ווידערזעהן!...

מאַלטעניו: אַלענפאַלס אָבער איז עס טרויעריג... זעהר טרויעריג... אויף ווידערזעהן, ה' קאָמיסאַר (מאַלטעניו נעהט אַוועק מיט פערצווייפעלטע בעוועגונגען).

צווייטער אויפטריט.

דער קאָמיסאַר, דערנאָך פלאָראַ טאַמבור, ערשטער און צווייטער פּאָליציאַנט.

קאָמיסאַר (האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט, אַרבייטענדיג, פּייפט ער זיך אונטער. פּלוצלונג הערט זיך אונטער ביהנע ווי אַ טומעל פון אַ מחלוקה, גראָבע מענער-שטימען, נאָך וועלכע ס'הערט זיך פון צייט צו צייט נאָך אַ העכערע דורכדרינגענדע פרויען-שטימע. דער קאָמיסאַר הויבט אויף דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פון וואַנען ס'הערט זיך דער טומעל, גלעט די האָר, פערדרעהט די וואָנסען, גלייכט זיך אויס די מאַנזשעטען, נעהמט אָן אַ זיגערישע אויסזעהן. דער טומעל דערנעהנטערט זיך און די טיר עפענט זיך. ס'קומען אַריין צוויי פּאָליציאַנטען, וועלכע שלעפּען גראָב פלאָרע טאַמבור, וואָס בעמיהט זיך אַרויסצורייסען פון זיי. פלאָראַ געהט אָנגעטון ווי אַ גאַסען-פרוי, זי איז שטאַרק געפּודערט, טראָגט אַ גרויסען, שרייענדען הוט מיט רויטע פעדערען, אַ חעל קלייד אונטער אַ מאַנטעל מיט אַ פוטערן אונטערשלאַק).

פלאָראַ (וועהרענדיג זיך): ווילדע מענשען... בהמות... ווי שעמט איהר זיך נישט אַזוי צו בעגעהן מיט אַ פרויענצימער?... לאָזט מיך ענדליך אָב... בהמות!

קאָמיסאַר: וואָס איז דאָ? וואָס איז דאָ?... (קוקענדיג אויף פלאָראַ'ן, מיט אַ האַרטע שטימע): וואָס? שוין ווידער איהר?...

1-טער פּאָליציאַנט: יאָ, ה' קאָמיסאַר... מיר האָבען זי ווידער פערנומען; זי דרעהט זיך דאָ... אויפ'ן טראָטואַר...

פאַר'ן קאָמיסאַריאַט...

קאָמיסאַר (אויפגערעגט): פאַר'ן קאָמיסאַריאַט?... אָ!...

פלאָראַ: דאָס איז נישט אמת... איהר, ווילדע מענשען...

קאָמיסאַר: שווייגט!... וואָס זיצט עפּעס אַ רוח אין אַיער קערפּער?... אין אַזאַ צייט און אין אַזאַ הוט?... מ'ברענגט אַייך שוין דאָ אַהער, דאַלט זיך, דאָס צוואַנציגסטע מאָל?

1-טער פּאָליציאַנט (צו פלאָראַ'ן): איך בעט אייך, האַלט זיך רוהיגער...

2-טער פּאָליציאַנט: מעהר, ה' קאָמיסאַר... מעהר ווי דרייסיג מאָל.

פלאָראַ: אַך!... סאָ איז וואָס?...

קאָמיסאַר: זעהט, ווי איהר זענט דאַנקבאַר פאַר מיין גוטקייט... מיינע בעמיהונגען... מיין שוואַכקייט...

פלאָראַ: לאָזט מיך אָפּ!... ס'טוט מיר וועה... איהר וועט מיך אפשר נאָך איינזעצען אין טורמע?...

1-טער פּאָליציאַנט (לאַכט גראָב): כע... כע... פייגעלע...

2-טער פּאָליציאַנט (אויך אַזוי): קום...

פלאָראַ: חזרים!

קאָמיסאַר: שווייגט!... פערערגערט נישט אייער פערברעכען... ער איז אַזוי אויך גענוג ערנסט...

פלאָראַ: אָבער ה' קאָמיסאַר... איך בין נישט שולדיג... דאָס האָבען אָט די ווילדע...

קאָמיסאַר: שווייגט!... (צום פּאָליציאַנט) און איהר לאָזט מיך אַליין מיט דער פערברעכערין... (אַלס ענטפער אויף דער בעוועגונג פון די פּאָליציאַנטען, זעהר שטאָלץ) איך האָב נישט קיין מורא. (צו פלאָראַ'ן, מיט אַ העכערע שטים) איך וועל איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכען אַ סוף צו אייערע מעשים... פאַר'ן קאָמיסאַריאַט!... אַ שאַנדע... דאָס איז אַ פערברעכען, דאָס איז געמיין!

פלאָראַ: אַך, ניין... לאָזט מיך...

קאָמיסאַר: אַ פערברעכען, פעראייניגט מיט אַ אָנגריף אויף דער זיטליכקייט... אויף דער זיטליכקייט פון די ערליכע פאָלי-

ביאַנטען.

פלאָראַ (מיט אַ שטאַרקע, פאַראַנדערטן טאָן): אָך!

קאָמיסאַר: גוט... (צום פּאָליציאַנט) איהר קענט געהן... (אין מאָמענט, ווען די פּאָליציאַנטען געהען אַב) איהר וועט שוין מעהר נישט בונטעווען, איהר, ע?

פלאָראַ: אָבער... ה' קאָמיסאַר...

קאָמיסאַר: גענוג... (די פּאָליציאַנטען זענען אַוועק. פון הינטער ביהנע הערט מען גראָבע טריט און ברומענדע שטימען) ווי הייסט איהר?... (העכער) ענטפערט!...

(ביידע, פלאָראַ און דער קאָמיסאַר, הערען זיך אונטער, אָנגעשטרענגענדיג די אויגען אויף דער טיר. פּויזע. פּלוצלונג גיט זיך פלאָראַ, האַסטיג צולאַכענדיג, אַ וואָרף פאָראָויס און זעצט זיך צום קאָמיסאַר אויף די קניע, אַרומנעהמענדיג איהם).

דריטער אויפטריט.

פלאָראַ, קאָמיסאַר.

פלאָראַ: אַך! טייערער... טייערער... טייערער!

קאָמיסאַר: דו ביזט שטענדיג אַמוזירענד... שטענדיג... (לאַכענדיג) גוטען אָווענד, בעבעו! (קושט זי) נעהם דיר אַראָב דעם הוט...

פלאָראַ (טוט אויס דעם הוט, לעגט איהם אַוועק אויפ'ן טיש און מאַכט נאָך דעם קאָמיסאַר) שווייגט... ווי הייסט איהר?... (קושט איהם) דו ווייסט, דו ביזט אַ שרעקליכער מענש. נו!... (דער קאָמיסאַר, זעהר פרעהליך, שאָקעלט זי אויף זיינע קניע, ווי אַ קינד) ניין... ניין... העקטאָר... איך ב׳ט דיך

קאָמיסאַר (צוזינגענדיג): האָפּ, האָפּ, האָפּ... האָפּ, האָפּ, האָפּ...

פלאָראַ: ניין... ניין... זיי האָבען מיך שוין גענוג צוטרייסעל׳ט...

קאָמיסאַר: אָרים קינד...

פלאָראַ: דו ווייסט... איך בין זיכער, אַז זיי האָבען מיר געמאַכט בלויע פלעקען אויפ׳ן גאַנצען קערפּער.

קאָמיסאַר (שפּילענדיג): מיר וועלען באַלד זעהן... (חיל זי ארומנעהמען, פלאָראַ לאָזט זיך ניט) נו, וואָס עפּיס?

פלאָראַ: ניין... ניין... שוין גענוג די מעשיות... ניין לאָז אָב!... (שטעהט אויף, רייבט זיך אָב די הענד און די פּיס, לעגט אַוועק דעם פּאַלטאָ) זיי בעהאַנדלען מיך זעהר שעך, די בהכות!... דו ווּעסט זעהן, אַז אין איין שענעם העלען טאָג וועלען זיי מיר נאָך עפּיס צוברעכען... און דו רופסט עס נאָך אָן ליבע...

קאָמיסאַר (איז אויך אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו פלאָראַ'ן, וועלכע ער חיל גלעטען): ליבע?... יאָ, אַ פערשטענדליכע זאַך, מיין טייערע... אַ ראָמאַנטישע ליבע... אַ ליבע פון פערגאַנגענע טעג... דאָס דערמאָנט מיר די באַלקאָנען... די זיידענע לייטערס... די פּאָסט-קאַרטען... בעוואָפענטע דינער... (מאַכט אַ זשעסט פון אַ גיטאַריסט) און איבער דעם אַלעם שיינט די לבנה... אין אונזער יאָהרהונדערט, ווען ס'זענען שוין מעהר ניט פאַרהאַן קיין געשעהענישען... ווען די ליבע איז אַזוי מיטעלמעסיג... אַזוי פלאַך... געפין איך דאָס פאַר פער'כשופ'ט, אונערוואַרטעט... אין דעם איז פאַרהאַן עפּיס שעקספּיר'ישעס...

פלאָראַ: וואָס אַזעלכעס?

קאָמיסאַר: איך זאָג, אַז דאָס איז עפּיס שעקספּיר'ישעס... אָט וואָס.

פלאָראַ: שוין ווידער, זיכער, עפּיס אַ פּאָליציייאישער אויס-דרוק... יאָ, טאַקע! (פערטראַכט זיך).

קאָמיסאַר: זעהר נאַאיוויטעט איז ענטציקענד... (די פערטראַכטע פלאָראַ ווערט טרויריג) וואָס איז מיט דיר?..

פלאָראַ: גאָרנישט.

קאָמיסאַר: מיט דיר האָט עפּיס פּאַסירט... וואָס?

פלאָראַ: נו, גוט, איך געפין ניט איין, אַז דאָס זאָל זיין ליבע... ניין!

קאָמיסאַר: טאָ וואָס-זשע ווילסטו?

פלאָראַ: אַז מ'פּאַקט דיך, אַזוי ווי אַ גאַסען-מיידעל... אַזוי ווי אַ פערברעכערין צווישען צוויי פּאָליציאַנטען... דאָס אַלץ איז אַמוזירענד... דו ווייסט?... אין אָנהויב האָט עס מיך אַמוזירט..

ז'קאָן זיין... איצט... דאָ אַהער .. איצט האָט עס זיך מיר צוגע-גאָסען...

קאָמיסאַר: נו, לאָז אָב! לאָז אָב...

פלאָראַ (בלאָזט זיך שטאַרק): דאָס ערנידעריגט מיך... (אַ קליינע פויזע) און איך בין זיכער, אַז דו וועסט מיך נאָך לאָזען קומען אויף אונזערע ראַנדעוואוען אין אַ ק-רעטע פאַר אַרעסטאַנ-טען... אַז ס'זאָל זיין נאָך ראָמאַנטישער...

קאָמיסאַר: דו טרייבסט איבער...

פלאָראַ: און אַחוץ דעם... אָט וואָס... איך וויל ניט מעהר!...

קאָמיסאַר (מעלאַנכאָליש): דו האָסט ניט קיין פאַנטאַזיע קינד, קיין פאַנטאַזיע... דו האָסט ניט אין זיך קיין ליבע צו אוי-סערגעוועהנליכע געפיהלען... דו בעזיצט ניט קיין ליידענשאַפט...

פלאָראַ (ווי פאָרגעוואָרפען): איך? (קוקט איהם שאַרף אין די אויגען אַריין, גלעטענדיג זייגע האָר פון קאָפּ) אַך! העקטאָר... דערמאָן זיך נאָר...

קאָמיסאַר: יאָ... יאָ... איך פערשטעה... איך וויל זאָ-גען, אַז דו האָסט ניט קיין מח-ליידענשאַפט... דו ביזט פאַר אַ נאָרמאַלע ליבע... אַ ריכטיגע... ביי זיך אין דער היים... אַך, גאָט... דאָס איז אויך אַ זשאַנר אַן און פאַר זיך... און איך — איך האָב אַזוי ליב די פּאָעטישע ליבע... דעם קאַמף... די געפאַהר... שטע-רונגען... ראָמעאָ... ערנאַני... ניט צו מאַכען! איך האָב שוין אַזאַ נאַטור...

פלאָראַ: אָ! דו האָסט!

קאָמיסאַר: נו, נו, קום אַהער... קום אַהער... (שלעפּט זי צו צו דער זאָפע אין דער טיף סצענע).

פלאָראַ (נאָך אַ לייכטען ווידערשטאַנד, לאָזט זיך צושלעפּען צו דער זאָפע און זעצט זיך ווידער אויפ'ן קאָמיסאַר'ס קניע): דאָס איז אויך אמת... הער נאָר, טייערער... מיר מוזען אויסזוכען אַ אַנדער מיטעל ווי זיך צו זעהן... מיט איין וואָרט, געפין עפּעס אַ אַנדער מיטעל, דו... ביזט דאָך עפּעס אַ פּאָליציימאַן!

קאָמיסאַר: ניין... איך פערזיכער דיך... איך האָב ניט

קיין אַנדער מיטעל. דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס שטעלט צופרידען מיין חשק צו אַוואַנטורעס... און גלייכצייטיג פאַלשטענדיג אונטערפעהרליך פאַר מיר... איך נויטיג זיך אין זיכערהייט... פערשטעהסט, ניט פאַר מיר?... נאַר פאַר מיין נאָמען... וואָס זאָל מען טון?... און אויסערדעם, ווערט מיין פרוי וואָס אַ טאָג אַלץ אייפערזיכטיגער... זי קוקט מיר נאָך... שפּיאָנירט און געהט מיר נאָך טריט נאָך טריט... הער, אָט נאַר וואָס... איז זי דאָ געוועז גע־גענאיבער... אין אַ דראָשקע... מיט אַ וואואַל אויפ'ן פנים... אַ שרעקליכע... זיך איבערצוצייגען, צי איך בין טאַקע באמת צוריקגעגאַנגען אין ביוראָ... זי איז אויף אַלעם פעהיג... מיין פרוי איז פעהיג צו אַלץ.

פלאָראַ: דיין פרוי?... דיין פרוי?... (קוקט איהם שאַרף אָן איניגע סעקונדען) ערשטענס... פון וואַנען קומסטו עס עפּעס אַזאַ שעניקייר?...

קאָמיסאַר: פון טעאַטער...

פלאָראַ: פון טעאַטער?... דיין פרוי?... (גרייט זיך צו וויינען) דו ליבסט מיך ניט...

קאָמיסאַר: וואָס... איך ליב דיך ניט?

פלאָראַ: ניין... אַלענפאַלס... איצט ליבסטו מיך ניט...

קאָמיסאַר: נו... איך פערגעטער דיך... גיב מיר דיינע ליפּען.

פלאָראַ (לאָזט זיך קושען): אַ, יאָ... נאַטירליך... דאָס וועסטו קיינמאָל ניט פערשטעטיגען.

קאָמיסאַר (קאָמיש ליידענשאַפטליך): דיינע ליפּען... דיינע ליפּען... איך ליב דיך ניט?... ווען איך וואָלט דיך ניט געליבט... קינד מיינס... וואָלט איך דיך געלאָזט וואַרטען גאַנצע שעה'ן... ביינאַכט אויפ'ן טראָטואַר... אין א רעגען... קעלט... שניי... וואָלט איך דיך אַרויסגעשטעלט צו ווערען אַזוי פרעך בעליידיגט פון די פאַרבייגעהער... עזות'קייטען פון מיינע פאָליציאַנטען... קראַנק ווערען אויף אַ לונגען-ענטצינדונג... קאָן נאָך זיין עפּעס ערגערס? בערעכען עס... נישט נערוועז... קאַלטבלוטיג... (ערנסט און מיט פּאַטאָס) קינד מיינס, אָט די קרבנות... וואָס דערהויבען די

בשמה... וואָס רייניגען דעם גייסט... די גרויסע קרבנות... זיי פערלאַנגט מען נאָר פון געליבטע פערזאָנען... אמת'דיג געליבטע... ליידענשאַפטליך געליבטע...

פלאָראַ (אַ ביסעל צוטומעלט, גישט פערשטעהענדיג איהם גענוג דייטליך) דו זאָגסט עס?...

קאָמיסאַר: נו, יאָ!... איך זאָג עס... דאַכט זיך, אַז איך זאָג עס... איך זאָג עס דערפאַר, ווייל ס'איז אמת... עהרענוואָרט (פלאָראַ שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) דו האָסט געלעזען בורזשע? (פלאָראַ שאָקעלט אויף ניין) דאָס פער'שכור'ן זיך אין זעלבסט-אויפאָפּפערונג... דער תענוג אין ליידען...

פלאָראַ (ציהט מיט די אַקסלען): נאַרישקייטען!

קאָמיסאַר: וואָס פאַראַ נאַרישקייטען?... אַ פסיכאָלאָגישער אמת... אַ פסיכאָלאָגישער און קריסטליכער, קינד מיינס... דאָס, וואָס ס'קוועלט מיך... דאָס, וואָס פערדריסט מיך אַ ביסעל ... איז דאָס, וואָס איך בין דיר געצוואונגען דאָס אַלץ צו זאָגען... אַנדערע פרויען... פרויען, וועלכע האָבען געלעזען בורזשע... וואָלטען עס פערשטאַנען... וואָלטען עס געפיהלט... מאָמענטאַל...

פלאָראַ (נאָך אַ ווייל נאָכטראַכטען): ס'קאָן זיין, אַז דו ליבסט מיך, נאָר אַכטעסט מיך ניט... (קאָמיסאַר מאַכט אַ פּראָטעסטירענדע בעוועגונג) ניין, דו אַכטעסט מיך ניט... אמת, איך בין בלויז אַ גאַסען-פרוי... דו אַכטעסט מיך ניט... גענוג.

קאָמיסאַר: דאָס איז גוט! דו ביזט אַראָב פון זינען... (מאַכט אַ ברייטען זשעסט) אָט איז די ווייבערשע אונגערעכטיגקייט... און זייער אונלאָגיק!

פלאָראַ: ניין... ניין... (דער קאָמיסאַר וויל זי גלעטען) טשעפע ניט מיט די הענד... מיט איין וואָרט... איך קום דאָ אהער אויפ'ן ראַנדעוואו אויף אַזאַ אופן, ווי מ'וואָלט מיך געשלעפט אין טורמע סען-לאזאר...

קאָמיסאַר: אָט... אָט דאָס איז טאַקע דאָס עקסצענטרישע.

קלאַראַ: אַך! ווירקליך!

קאָמיסאַר: יאָ, עקסצענטרישע... שעקספּיריש... ווי אַזוי איך פיהר דיך קינסטליך דורך פאַר מיינע בעאַמטע, אַגענטען... פון

גאַנצען בּורא... אַלס גאַסען־מיידעל... און ניט אַלס מײַן געליבטע... מיין פערגעטערטע געליבטע.. און איך אַכט דיך ניט?... און זיי נאָכדעם דעליקאַט!...

פ ל אָ ר אַ (אַ ביסעל נעריהרט): העקטאָר!

ק אָ מ י ס אַ ר: אָ, ניין, דו ווייסט... דאָס נעהמט צו דעם מוט... און... ס'ווירקט שווער (מוטיגער) נו, דער טייוועל זאָל עס נעהמען! ווער האָט דיר אַרויסגעוויזען מעהר אַכטונג, ווי איך?... און אויף פערשידענע אופנים?... קאָנסטו מיר פאָרוואַרפען, אַז כ'האָב ווען אַ־מאָל בעצאָהלט פאַר דיין ליבע?...

פ ל אָ ר אַ: ניין.

ק אָ מ י ס אַ ר: האָב איך דיר געגעבען ווען אַמאָל אַפילו איין פּרוטה... אַפילו קיין פּרוטה?

פ ל אָ ר אַ: אָבער... אַפילו קיין איינציג בוקעטעל בלומען...

ק אָ מ י ס אַ ר: נו? זעהסטו דאָך!

פ ל אָ ר אַ: יאָ... אָבער ניט וועגען דעם האַנדעלט זיך.

ק אָ מ י ס אַ ר: וואָס?... נישט וועגען דעם האַנדעלט זיך?... די גאַנצע זאַך בעשטעהט דאָך אין דעם...

פ ל אָ ר אַ: דו קאָנסט זאָגען, וואָס דו ווילסט... איך שעם זיך אַזוי אַהער צוקומען... איך האָב נאָך בושה אין מיר... און אויסערדעם... איך פערזיכער דיר... דאָס צושטערט מיר מיין גאַנץ פערגניגען. פאַרוואָס קומסטו ניט צו מיר?

ק אָ מ י ס אַ ר: אונמעגליך...

פ ל אָ ר אַ: ביי מיר איז זעהר אַנגענעהם... אַלץ אין ראָזע און קרעם־קאָלירען... דאָרט שמעקט ניט מיט טאַבאַק און אַלטע פּאַ־ליציאַנטען, ווי אין דיין אַלטען לאָך... און דו האָסט דאָרט אַלץ אונטער דער האַנד... העקטאָר, בעטראַכט זיך נאָר!

ק אָ מ י ס אַ ר: אונמעגליך!...

פ ל אָ ר אַ: די מאַמע וועט אונז גוט אויפנעהמען...

ק אָ מ י ס אַ ר: ניין... ניין..

פ ל אָ ר אַ: אָבער... דאָ איז דאָך גאָרניט דאָ... לאָמיר געהן צו מיר, האָ?...

ק אָ מ י ס אַ ר: און מיין פרוי? וועגען דעם טראַכסטו ניט? אָ,

גיין, אַ דאַנק... דו ווילסט, אַז מיין פֿרוי זאָל אונז טרעפֿן אַרומגענומען... קאָנסטו זיך פֿאָרשטעלן: מיך געפּאַקט פֿון דער ווייב און אַ געצוואונגענער, אַלס בעאַמטער... צו בעשטעטיגען, אַז דער מאַן איז געוועזן אונטריי דער פֿרוי?... אַ שיינע לאַגע!

פֿלאָראַ (בייסעדיג): נו, וואָס?... דאָס וואָלט געוועזן אַמוזירענד!... דו האָסט דאָך אַזוי ליב זעלטענע איבערלעבנישען, דאָס דאָס איז דאָך, ווי דו זאָגסט, שען...

קאָמיסאַר: ניין... ניין... גענוג מיט די נאַרישקייטען... אונז איז דאָ זעהר גוט... (נעהמט זי אָן ביי דער טאַליע). מיר האָבען דאָ אַלץ אונטער די הענד... כע... כע...

פֿלאָראַ (אַרויסרייסענדיג זיך פֿון זיינע הענד): הער אויף!... לאָז צו רוה... דו ביזט עס ניט ווערט...

קאָמיסאַר (אַ ביסעל אויפגערעגט): און אויסערדעם, איז פֿאַר מיר, אַ מענש מיט פֿאַנטאַזיע, אַ מח-מענש... (פֿלאָראַ ציהט מיט די אַקסלען) פֿאַר מיר אַ ליידענשאַפֿטליכען... (שטעלט זיך צובויגענדיג צום אויער) אַ קאַליע געמאַכטען... יאָ, יאָ... אַ קאַליע געמאַכטען... ווען דו קומסט אַ צושויבערטע... אָבגעריסענע... אַ ביסעל בעשמוצט... וועהרענדיג זיך ווי אַ פֿויגעלע פֿון די גראָבע הענד פֿון מיינע העלדישע פּאָליציאַנטען... וואָס זאָל איך טון?... דאָס ברענגט מיך באַלד אַריין... אין אַ גוטע שטימונג... דאָס מאַכט קאָכען מיין בלוט... דאָס... (וויל זי ווידער אַרומנעהמען).

פֿלאָראַ (אויפשפּעהענדיג): דו ביזט מיר עקעלהאַפֿט... דו ביזט אַ גרויסער עגאָאיסט... יאָ... אַן אַלטער בעל-עברה'ניק... אַ אויסוואורף... און דו זאָגסט מיר אַלץ נאַרישקייטען... און דיין פֿרוי?... כאַ-כאַ!... איך שפּיי אויף דיין פֿרוי! האָסטו דען אַ פֿרוי?... פֿון וואַנען ווייס איך?

קאָמיסאַר (שטעהט אויך אויף): פֿלאָראַ!

פֿלאָראַ: און דיין טעאַטער?... זיי קומען שטענדיג פֿון טעאַטער. ווי עהנליך דאָס איז!

קאָמיסאַר: מיין אַמט...

פֿלאָראַ: אַך! איך זעה טאַקע, ווי דיין אַמט זעהט אויס... ניש'קשה, אַ גאַנץ גוטער אַמט... אַלע שלעפּערינס...

קאָמיסאַר: פלאָראַ!

פלאָראַ: לאָז מיך צו רוה!

קאָמיסאַר: נו... הער!...

פלאָראַ: לאָז מיך שוין אַמאָל צו רוה... דו האָסט מיך דערעסען! (נישט קיין גרויסע פויזע).

קאָמיסאַר (גאַנץ טרוקען): דו ווייסט דאָך, פלאָראַ, אַז איך האָב פיינד אַזעלכע מעשיות... איך האָס אַזעלכע סצענעס... איך וואָלט ליבער געבליבען אין דער הייס... נייַן, מיין פרוי... וועלכע מאַכט מיר אויך גענוג אַזעלכע סצענעס...

פלאָראַ: אויסגעצייכענט, בלייב דאָרט!

קאָמיסאַר: פלאָראַ! (כאַפּט זי אָן)

פלאָראַ: אַוועק!...

קאָמיסאַר: הער אויס!

פלאָראַ: אַוועק!

קאָמיסאַר: דו ביזט ניט גערעכט... איך פערזיכער דיך, אַז דו ביזט ניט גערעכט...

פלאָראַ: אַוועק... אַוועק!...

קאָמיסאַר: דו ווייסט ניט, צו וואָס... דער כעס קאָן צו־ברענגען אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר...

פלאָראַ (ראַכט נערוועז): כאַ, כאַ, כאַ! (אין דעם מאָמענט הערט זיך אין קאָרידאָר דער קלאַנג פון שווערע טריט און גראָבע שטימען... ביידע פלאָראַ און דער קאָמיסאַר, שטעלען זיך אָב... הערען זיך צו, שווייגענדיג, קוקענדיג אויף דער טיר).

קאָמיסאַר: אַ שענע געשיכטע!... וואָס איז שוין ווידער דאָרט?

פלאָראַ (פערביטערט): אפשר ברענגט מען דיר אַ נייע גע־ליבטע?

קאָמיסאַר: שווייג!... מ'געהט אַהער (געהט שנעל צו צו זיין טיש) זעץ דיך אויף דיין פריהערדיג אָרט... אָט דאָרט... ווי פריהער... דיין הוט... (וואַרפט איהר דעם הוט) און פּראָטעסטיר... שטעל זיך אקעגען... דו טוסט דאָך דיר אָן דעם הוט פערדרעהט... שנעלער, לעבעדיגער... פּראָטעסטיר דרייסט... רייד צו מיר פרעך...

איך האָב ליב פּרעכהייטען... בעלײדיג מיך טאַקי... גוט... שריי... שריי אויף מיר... (דאָס גערויש דערנעהנטערט זיך) שריי אויף זיי... נו... אייל זיך צו...

פלאָראַ (טוט אָן דעם הוט): אַזוי ווילסטו?

קאָמיסאַר: נו, יאָ... דער טייוועל זאָל עס נעהמען!... נו! נו! (די טיר עפענט זיך און צוויי פּאָליציאַנטען, שלעפּענדיג אַ אָרימאַן, קומען אַריין אין ביוראָ מיט אַ גערויש) שווייגט... שווייגט... איהר—פּרעכע, שווייגט.

פלאָראַ: דאָס איז ניט אמת... זיי האָבען געזאָגט ליגענד... די בהמות... ווילדע מענשען... מערדער... און דו אויך... דו בהמה... אויסוואורף... בהמה... בהמה... בהמה!...

קאָמיסאַר (צופרידען): אוי, אויסגעצייכענט... אָט אַזוי... (כאַפּט זיך צוריק) שווייגט... ווי רופט מען אייך דאָרט? איהר זאָלט זיך ניט ערלויבען מיך צו דו'צען...

פלאָראַ: דו עקעלהאַפּט בעשעפעניש?

פערטער אויפטריט.

די פאָריגע, זשאַן געניל, דער ערשטער און צווייטער פּאָליציאַנט.

ביידע פּאָליציאַנטען בעגרייען אויף אַ מינוט זייער געפאַנגענעם און תּילען זיך וואַרפען אויף פלאָראַ'ן, וועלכער ביידע בעווייזען זייערע פויסטען און אויף וועלכע זיי וואַרפען בייזע בליקען.

1-טער פּאָליציאַנט: דער טייוועל זאָל זי נעהמען!

2-טער פּאָליציאַנט: אין אַרעסט!

קאָמיסאַר: לאָזט צורוה די דאָזיגע פרוי... איך האָב נאָך מיט איהר ניט געענדיגט... אַ רוח איז אין איהר אַריין... (ווייזט אָן אויף זשאַן געניל'ן) וואָס איז דאָס?... (צו זשאַן געניל'ן) וואָס איז דאָרט? (קוקט אויף איהם) הם... אַ שמוציגע צורה... וואָס שלעפּט איהר זיך עפּעס אַרום איבער די גאַסען אַזוי שפּעט ביינאַכט?

זשאַן געניל (נעהמט אַראָב דעם הוט, רייבט זיך די הענד און קוקט אויף פלאָראַ'ן מיט מיטגעפיהל, פערוואונדערונג, זעהר

קורץ): אַך, ה׳ קאָמיסאַר... אָרימע לייט האָבען ניט קיין בעשטימטע שעה׳ן...

קאָמיסאַר: ניט קיין בעשטימטע שעה׳ן?... בעשטימטע שעה׳ן?... וואָס רעדט איהר דאָרט?... ערלויבט זיך ניט צו שפּאַסען פון מיר... (צו די פּאָליציאַנטען) און איהר.. פאַרוואָס האָט איהר איהם ניט אָבגעפיהרט גלייך אין אַרעסט?

1-טער פּאָליציאַנט: דער מענש איז אַריינגעגאַנגען אַהער לויט זיין אייגענעם ווילען...

קאָמיסאַר: דאָס איז ניט קיין תירוץ... אַריינגעהן קאָן מען דאָ לויט דעם אייגענעם ווילען... אָבער ניט אַרויסגעהן...

1-טער פּאָליציאַנט: ער וויל מיט אייך ריידען וועגען אַ דרינגענדע זאַך (זשאַן געניל מאַכט בעשטעטיגענדע זשעסטען).

קאָמיסאַר: וועגען אַ דרינגענדע זאַך?... מערקווירדיג... און ווען אַלע פּאַריזער גנבים זאָלען וועלען מיט מיר ריידען וועגען דרינגענדע זאַכען... האַלב צוויי ביינאַכט... ווען איך בין פערנומען... וואָלט איהר זיי אויך דאָ אַריינגעפיהרט אין מיין ביוראָ?

1-טער פּאָליציאַנט: אָבער... ה׳ קאָמיסאַר... (זשאַן געניל מאַכט ווייטער בעשטעטיגענדע זשעסטען) הערט אויף, איהר... שטעהט גלייך?... (גיט איהם אַ שטויס).

קאָמיסאַר (צו זשאַן געניל׳ן): נו... רעדט... אַז איהר זייט שוין דאָ... נאָר שנעלער...

זשאַן געניל: ע טשולדיגט... ערלויבט... ה׳ קאָמיסאַר... איך וועל אייך דערצעהלען...

קאָמיסאַר: איהר וועט מיר דערצעהלען?... איהר וועט מיר דערצעהלען?... וו‌ס יו ט איהר מיר אַזוינס דערצעהלען?...

זשאַן געניל (ניט איילענדיג זיך): אָט, ה׳ קאָמיסאַר... (שמייכלענדיג) איך האָב אייך עפּעס געבראַכט... עפּעס גאַנץ אויסערגעוועהנליכעס... איך האָב עס געפונען... ערשט מיט צעהן מינוט צוריק... אויפ׳ן טראָטואַר...

קאָמיסאַר: אויך... אויפ׳ן טראָטואַר... (קוקענדיג אויף פלאַראַ׳ן) פשוט צום ערשטוינען וויפיל גוטע זאַכען מ׳געפינט היינט

ביינאַכט אויף די טראָטואַרען פון פּאַריז...

פלאָראַ: רעדט ווייטער... איהר... שענע צורה!...

1-טער פּאָליציאַנט (ווײל זיך וואַרפען אויף איה.): דער טייוועל זאָל עס נעהמען!

קאָמיסאַר: לאָז צו רוה... הער אויף!... איך שטעה העכער פון דעם... איך בעמערק... (צו זשאַן גענײל'ן) וואָס האָט איהר געפונען... (מיט פאַראַכטונג) אויפ'ן טראָטואַר?...

זשאַן גענײל: אָט דאָס, ה' קאָמיסאַר... (נעהמט אַרויס פון די צוריסענע טיילען פון זיין מלבוש אַ טייסטער און דערלאַנגט איהם דעם קאָמיסאַר).

קאָמיסאַר: וואָס?

זשאַן גענײל: אַ טייסטער, ה' קאָמיסאַר... אַ טייסטער פון שוואַרצען סאַפּיאַן, מיט זילבערנע עקען...

קאָמיסאַר: אַ טייסטער?... (סקעפּטיש) אַהאַ... איך ווייס... און אין דעם טייסטער ליגט, נאַטירליך, גאָרניט?... (ציהט מיט די אַקסלען, די פּאָליציאַנטען אויך).

זשאַן גענײל (שמייכעלט ביטער): גיט אַליין אַ קוק, ה' קאָמיסאַר...

קאָמיסאַר: פערדרעהען מיר אַ קאָפּ האַלב צוויי ביינאַכט צוליב אַ טייסטער... (עפענט דעם טייסטער) אויב דאָרט איז גאָרניט דאָ... היט זיך... (בעקוקט דעם טייסטער, נעהמט פון איהם אַרויס אַ פּעקעל באַנקנאָטען און צעהלט זיי תיכּף איבער) אַלענפאַלס... אַלענפאַלס... איז עס אַ אונזין... דאָס איז אונמעגליך... (צעהלט ווייטער די באַנקנאָטען. אין דער זעלבער צייט מאַכט זשאַן גענײל צו די פּאָליציאַנטען בעשטעטיגענדע סמנים, וועלכע דריקען אויס די פערוואונדערונג, און וועלכע ד"ר קאָמיסאַר דאַרף זיך נעפינען... די פּאָליציאַנטען ענטפערן אָב מיט בייזע בליקען און גראָבע זשעסטען).

קאָמיסאַר (מיט אויגען פול מיט בעוואונדערונג): וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?... דאָס איז דאָך עפּעס אַ כשוף... דאָ ליגען דאָך צעהן טויזענד פראַנק!... (צעהלט איבער אַ דריט מאָל דאָס פּעקעל) עהרענוואָרט... דאָ ליגען צעהן טויזענד פראַנק!...

זשאַן גענײל (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ מיט אַ גוטמוטיג אויס-

זעהן): יאָ... צעהן טויזענד פראַנק, ה׳ קאָמיסאַר... (די פּאָליציאַנטען קוקען איצט אויף זשאַן גענִיל׳ן מיט אַ אויסדרוק פון ספק, פאַרפעהאונדערונג און דרך-ארץ) נו, יאָ... נו, יאָ...

קאָמיסאַר (גריבלענדיג זיך אין די אַנדערע אָבטיילונגען פון טייסטער): דער טייוועל זאָל עס נעהמען!... דאָס איז דאָך אַ גוואַלדיגע סומע... אַ גוואַלדיגע סומע... אַ גאַנץ פערמעגען... אַ עשירות!...

זשאַן גענִיל (פילאָזאָפיש): אַז כ׳גיב אַ טראַכט, אַז ס׳זענען פאַראַן מענשען, וואָס אין זייער טייסטער געפינען זיך גאַנצע צעהן טויזענד פראַנק... און וועלכע זענען מיט זיי אַזוי אומפאָרזיכטיג... נעהמט מיך פשוט אַרום... אַ רחמנות...

קאָמיסאַר: און איהר האָט עס געפונען?...

זשאַן גענִיל: יאָ, ה׳ קאָמיסאַר.

קאָמיסאַר: אַלענפאַלס... אַלענפאַלס איז עס אויסערגעוועהנליך...

פלאַראַ: דאָס איז שעק... דאָס איז שעקס...

1-טער פּאָליציאַנט: שווייגט...

2-טער פּאָליציאַנט: דער טייוועל זאָל עס נעהמען!

קאָמיסאַר: לאָזט צו רוה... הערט אויף... (צו זשאַן גענִיל) און ווי אַזוי האָט איהר עס געפונען?

זשאַן גענִיל: גאַנץ געוועהליך, ה׳ קאָמיסאַר... (נעהמט זיך אָן מיט מוט, כדי צו דערצעהלען) אָט ווי ס׳איז געשעהען (פּויזע). ס׳איז געווען אַנ׳ערך אַ פערטעל איינס... האַלב איינס... איך בין געווען אויפ׳ן בולוואַר... ביים אַריינגאַנג אין טעאַטער וואָדעוויל...

קאָמיסאַר: אַהאַ! איהר בעזוכט די ערשטע פאָרשטעלונגען... איהר אויך?

זשאַן גענִיל (בעשיידען): ס׳פּאַסירט! (טרעט צוריק צו דער ערצעהלונג) נאָר די פערגרעסערטע קאַנקורענץ... די מידיגקייט נאָך אַ הונגעריגען טאָג... און מיין ברוך... איך בין, דאַרפט איהר וויסען, ה׳ קאָמיסאַר, אַגעבראָכענער און דאָס קוועלט מיך שטאַרק... און מאַכט מיך אַזוי שווער בעוועגליך. גענוג, אַז צוליב דעם האָט מען מיך מיט יאָהרען צוריק בעפרייט פון מיליטערדינסט... יאָ... אַלזאָ... צוליב דעם אַלעם, פערשטעהט איהר, האָב

איך געהאַט אַ לעבערליכע פרנסה... אַך, אַ ביטער רחמנות... צוויי סו... אי דאָס אויסלענדישע... ס'האָט עס מיר אַריינגערוקט עפּעס אַ שענער הערר... אַזאַ ווי איהר... הערר קאָמיסאַר... אַ גוט געקליידעטער הערר... נישטאָ וואָס צו ריידען!... אַ ווייסען האַלזטוך... בריליאַנטענע ספינקעס אויפ'ן פאָרהעמדעל... אַ שטעקען מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ... אינגאַנצען זייד און פוטער... ער האָט זיי מיר געגעבען דערפאַר, וואָס כ'האָב איהם געעפענט דאָר טירעל פון דער קאַרעטע... (ציהענדיג מיט די אַקסלען) צוויי סו... צוויי שלעכטע סו... אַזאַ אָרימען אבין ווי מיר... אַ מיליאָנער!... איז דאָס ניט קיין רחמנות!...

קאָמיסאַר: דאָס איז, נאַטירליך, זעהר בעדויערנסווערט... נאָר וועלכען אָרימאַן האָט ער עס בעסער געדאַרפט אַיועקגעבען לויט אייער מיינונג?... איהר זאָלט קיינמאָל ניט בעשולדיגען קיין מיליאָנערען, טייערסטער... זיי זענען אונבעדינגט נויטיג אין געזעלשאַפטליכען מעכאַניזם, און אַז ס'וואָלטען מעהר ניט עקזיסטירט קיין מיליאָנערען... וואָלט איהר געפונען אויף די טראָטואַרען... אַזעלכע... טייסטער?... נו, דערצעהלט ווייטער...

זשאַן געניל (אַ ביסעל צוטומעלט): קוקענדיג... אויף די דאָזיגע צוויי סו, וועלכע האָבען ניט קיין ווערט, האָב איך זיך געטראַכט: „אַ שלעכטער טאָג... זאָל ער זיין פערשאָלטען! אין פערלויף פון גאַנצע דריי וואָכען האָב איך נאָך ניט געהאַט אַזאַ שלעכטען טאָג... עך! אמת מ'קלאָגט זיך אויפ'ן שטילשטאַנד אין האַנדעל... און אויב ס'זענען אין דעם שולדיג די ענגלענדער... ווי מ'שמועסט אין די ציישונגען...

קאָמיסאַר: אין אַלעם זענען שולדיג די ענגלענדער...

זשאַן געניל: אויב אַזוי, זאָלען זיי זיין פערשאָלטען... זאָל זיי דער טייוועל נעהמען!...

קאָמיסאַר: ריכטיג... איהר זענט אַ פאַטריאָט... אָבער צו דער זאַך!... צו דער זאַך!

זשאַן געניל: איך געה צו איהם צו, ה' קאָמיסאַר... זאָל אָבער דער טייוועל נעהמען מיין געבראָכענקייט!

קאָמיסאַר: שנעלער... שנעלער!...

זשאַן געניל: אַזוי... איך, ה׳ פּאָליציי-קאָמיסאַר, וואָויז אויפ׳ן אַנטוועָרפּענער פּלאַץ... דאָס איז ווייט... איך האָב בעשלאָסען אַ היימצוגעהן... ניט פערלירענדיג די האָפנונג צו טרעפען אויפ׳ן וועג עפּעס אַ גוטהערציגען טאַשען-גנב... אַ פיינעם אַלפאָנס... אָדער אַ אָרים גאַסען-מיידעל... זיי, וועהט איהר... זיי, דעם אמת געזאָגט... זענען מענשען מיט אַ האַרץ...

פלאָראַ: יאָ, דאָס איז אמת...

זשאַן געניל (דערצעהלט ווייטער): זיי וואָלטען מיר געגעבען צוויי סו... צוויי אמת׳דיגע סו... פאַר וועלכע כ׳וואָלט מארגען געקאַנט קויפען ברויט... און דער וויילע בין איך אַזוי געגאַנגען אַ פערטעל שעה... ניט געאיילט זיך... ניט טרעפענדיג קיינעם... פּלוצלונג פיהל איך עפּעס אונטער די פיס... עפּעס ווייכעס. אין אָנהויב האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז בלאָטע... נאָר באַלד... האָב איך אַ טראַכט געטון, אַז אפשר איז עס גאָר עפּעס צו נעהמען אין מויל אַריין... (פּויזע) עפּעס צו עסען!... (רייבט זיך דעם בויך) דער צופאַל האָט ניט שטאַרק ליב אָרימע לייט און גרייט זיי ניט אָפט צו אָנגענעהמע איבעראַשונגען... אָבער.. וואָס?... מ׳קאָן דאָך קיינמאָל ניט וויסען... אַט, אַשטייגער!... איך געדענק, אַז אַמאָל האָב איך אויף דער בלאַנש-גאַס געפונען... אַ געקאַכט שטיק שעפּסען-פלייש... עדן! האָב איך אין יענע נאַכט אַ לעב געטון... זיך מכבד געווען, אַזוי ווי אַ גוטער הונד... גוט!... (פּויזע) איך האָב זיך איינגעבויגען אויפצוהויבען די זאַך... און ווען כ׳האָב זיך דערצו צוגעריהרט, האָב איך אַ זאָג געטון: „געגאַנגען, דאָס עסט מען ניט... כ׳האָב זיך אָבגענאַרט“... און אין דער אמת׳ן האָט מען מיך אָבגענאַרט, וואָרום דאָס, ה׳קאָמיסאַר, איז געווען... דער זעלבער אומגליקליכער טייסטער... פערשטעהט זיך, אַז ביים ליכט פון נאָהנטען גאַז-לאַמטערן האָב איך געעפענט דעם טייסטער און איהם בעזוכט. אין איין אָבטיילונג האָב איך געפונען אַ פּעקל באַנקנאָטען, פערשטאָכען מיט אַ שפּילקע... אויף די גאַס איז ניט געווען קיינעם צו זעהן, ניט קיין פאַרבייגעהער, ניט קיין הונד און ניט קיין בעלויכטען געוועלבעל. איך האָב נאָך קיינמאָל די גאַס ניט געזעהען אַזוי טרויעריג... אַזוי טרויעריג... און כ׳האָב זיך נאָך קיינמאָל ניט גע-

פיהלט אזוי ארעם... אזוי ארעם!... (לאזט לייכט אראב דעם קאפ און גלעט די האר מיט די הענד) אין די אנדערע אבטיילונגען איך גארניט געווען... ניט קיין וויזיט־קארטע ...ניט קיין פאטאגראפיע, ניט קיין בריף... ניט קיין שום סימן, לויט וועלכען מ׳זאל דערקע־נען דעם בעל־הבית פון דאזיגען עשירות, וואס איך האב געהאלטען אט דא... אין דער האנד... איך האב זיך ווידער א טראכט געטון: נו, א שענעם דאנק... מ׳זאל עס אוועקטראגען צום פאליציי־קאמי־סאר... איך וועל מוזען צוליב דעם צוריקגעהן... און איך בין זעהר... זעהר מיד... יא... באמת... די נאכט געהט מיר ניט, און אט, ה׳ קאמיסאר... איך האב געזוכט צוויי סו... צוויי אמת דיגע סו.. און זיך אנגעשטויסען אויף 10 טויזענד פראנק !... (א פערצווייפלונגס־זשעסט) פשוט א רחמנות!...

פלארא (וויזט ארויס א גרויסען אינטערעס צו דער ערצעהלונג) הא? אמת, א גרויס רחמנות...

די פאליציאנטען (מאכען גראבע זשעסטען און דראהונגען).

זשאן געניל: און איצט, ה׳ קאמיסאר... ס׳איז שוין שפעט... איך בין צובראכען און צו מיר איז אזוי ווייט... אויב איהר ערלויבט, געה איך שוין אהיים?...

קאמיסאר: איין מינוט!... איהר קאנט ניט אזוי אוועק־געהן... איהר קאנט ניט, עהרענווארט!... איהר האט דאך דא דער־צעהלט א אויפפאלענדע זאך... עפעס א מערקווירדיגע געשיכטע... דאס איז אלץ שעקספיר!... נאר דער טייוועל זאל עס נעהמען... אויב אלץ איז אמת...

זשאן געניל: איך שווער ביי גאט, ה׳ קאמיסאר...

קאמיסאר: איך גלויב... איך בין דערין זיכער... אין איי־ער שטימע קלינגט דער אמת... נו... איך שווער... אז איהר זענט א עהרליכער מענש... איהר זענט א העלד... מ׳קאן ניט זאגען... איהר זענט א העלד!...

זשאן געניל (בעשיידען): א, ה׳ קאמיסאר!

קאמיסאר (בעפעהלעריש): אהן ספק, א העלד... איך בין שוין א מבין אויף אזעלכעס ... איך וועל שטענדיג און אומעטום זאגען, אז „איהר זענט א העלד!“.

ז ש אַ ן ג ע נ י ל: לאָמיר אָננעהמען, ה׳ קאָמיסאַר... ווען אַ די העלדישע פּאָליציאַנטען וואָלטען געפֿונען דעם טייסטער?

1-טער פּ אָ ל י צ י אַ נ ט (מיט רונדיגע אויגען): הם! הם?

2-טער פּ אָ ל צ י אַ נ ט (שעפּטשעט, כמעט, נאָר מיט איבערצייגונג): דער טייחעל זאָל עס נעהמען!

ז ש אַ ן ג ע נ י ל (ווענדענדיג זיך צו פֿלאָראַ׳ן): אָדער די דאָזיגע גוטע פֿרײלײַן?

פֿ ל אָ ר אַ: אָ—האָ.

ז ש אַ ן ג ע נ י ל: אָדער איהר... האַ?...

ק אָ מ י ס אַ ר: איך?... (וואַקלענדיג) דער טייוועל זאָל עס! (פּלוצלונג, ענטשלאָסען) נו, וואָלט איך אויך געווען אַ העלד... אַ העלד... פֿערשטעהט איהר מיך... איך האַלט זיך ווייטער ביים דאָזיגען וואָרט... ס׳איז עפּעס לייכט אַרויסצוזאָגען... צעהן טויזענד פֿראַנק! גיט נאָר אַ טראַכט... צעהן טויזענד פֿראַנק... און די גאַס איז לעדיג... נאַכט... שטיל... איהר וואָלט דאָך געקאָנט... מיט אַיין וואָרט, טייערער מיינער, איהר זענט אַ העלד... אָט וואָס!...

ז ש אַ ן ג ע נ י ל (שמייכלענדיג גוטמוטיג): דערפֿון ווערט מיין פּוס ניט בעסער... ה׳ קאָמיסאַר...

ק אָ מ י ס אַ ר: רעדט ניט אַזוי... רעדט ניט אַליין אויף זיך קיין רכילות... דאָס איז אַ זעלטענע טאַט... אַ ערשטקלאַסיגע... העלדישע טאַט... עהרענוואָרט... איך געפֿין ניט קיין אַנדערן אויסדרוק... אַ טאַט פֿון מאָראַלישער בעדייטונג... אַ וויכטיגע... אַ אויסערגעוועהנליכע טאַט... איהר פֿערדינט צו בעקומען די מאָנטיענער-פּרעמיע... אַפֿילו נאָך מעהר... איהר פֿערדינט די נאָבעל-פּרעמיע. אויסגעצייכענט... אויסגעצייכענט! (ליבענסווירדיג) ווי הייסט איהר?

ז ש אַ ן ג ע נ י ל: זשאַן געניל, ה׳ קאָמיסאַר.

ק אָ מ י ס אַ ר (מיט פּאַטאָס): ער הייסט זשאַן געניל!... דאָס איז פּרעכטיג... זשאַן געניל!... דאָס איז שווער צו גלויבען... עס בעט זיך פּשוט צו בעשרייבען אין אַ בוך... (שמייכעלט ברייט) וואָס איז אייער פּראָפֿעסיע?

ז ש אַ ן ג ע נ י ל: וואָס פֿרעגט איהר?

קאָמיסאַר: איך פרעג, וואָס איהר טוט? מיט וואָס איהר פערנעהמט זיך?... מיט איין וואָרט, אייער פראָפעסיע?

זשאַן געניל: אַ... ה' קאָמיסאַר.

קאָמיסאַר: אַ אויפשרייבער פון טייסטער... איז דאָך ניט קיין פראָפעסיע...

זשאַן געניל: איך האָב ניט קיין אַנדערע...

קאָמיסאַר (מיט ערשטוינונג): וואָס?... איהר האָט נישט קיין פראָפעסיע?... וואָס, איהר האָט ניט קיין פראָ—פע—סיע?

זשאַן געניל: מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז באַלד קענטיג...

קאָמיסאַר: איהר לעבט פון די הכנסות פון אייער קאַפיטאַל?

זשאַן געניל: פון די הכנסות פון פרעמדע... איך לעב פון נדבות, ה' קאָמיסאַר... און דעם אמת גערעדט, איז שווער צו זאָגען אַז איך לעב דערפון...

קאָמיסאַר (אויפקעטענדיג זיך דעם קאָפּ): אַך! דער טייוועל זאָל עס נעהמען! אַך, צו אַלע גוטע יאָהר!... אָט דאָס איז שלעכט... (מאַכט אַ מינע) דער טייוועל זאָל מיך נעהמען! ווי אונאַנגענעהם דאָס איז... און איך האָב געהאַט סימפּאַטיע... אַכטונג... בעוואונדערונג צו אייך... (מיט אַ וועניגער בעגייסטערטער שטימע, כמעט טרוקען) מיר וועלען אָנרופען די זאַכען ביי זייער אמת'דיגען נאָמען... איהר זענט אַ בעטלער... יאָ?

זשאַן געניל: גאָט!... איך ריהם זיך ניט דערמיט... ה' קאָמיסאַר... נאַטירליך... אַז מ'וואָלט געקאָנט... וואָלט איך בעסער געוואָלט זיין אין אַ אַנדער לאַגע...

קאָמיסאַר (מאַכענדיג זיך ערנסט): יאָ... יאָ!... פּאָליציי... מאַנגעל אין דיסציפּלין... ניט וועלען ערפילען די בירגערליכע פליכטען... אינדיווידואַליזם, (נאָך אַ פּויזע) וואו וואונט איהר?

זשאַן געניל: אויפ'ן אַנטווערפּענער פּלאַץ...

קאָמיסאַר: אַהאַ!... איהר וואוינט... אויפ'ן אַנטווערפּענער פּלאַץ... זעהר גוט... וועלכער נומער?

זשאַן געניל: איך וואוין ניט אין קיין נומער, ה' קאָמי-

סאַר... נאָר אויף אַ באַנק...

ק אָ מ י ס אַ ר (פֿערציהענדיג ערנסט די ברעמען): אויף אַ באַנק?...

ז ש אַ ן ג ע נ י ל: יאָ... אויף אַ באַנק... אין סוּוקער... אונטער אַ קאַשטאַן־בוים...

ק אָ מ י ס אַ ר: איהר שפּאַסט פֿון מיר, טייערער?

ז ש אַ ן ג ע נ י ל: אַך, ניין!... ווען איך וואָלט אייך געזאָגט, אַז די דאָזיגע באַנק—איז דאָס לעצטע וואָרט פֿון מאָדערנע וואוינונגען... וואָלט איהר מיר ניט געגלויבט, ה׳ קאָמיסאַר.

ק אָ מ י ס אַ ר: הייסט עס... איהר האָט ניט קיין שטוב?... אַ שטוב?...

ז ש אַ ן ג ע נ י ל: עך, וואָס!...

ק אָ מ י ס אַ ר: דאָס איז זעהר ערנסט... איהר ווייסט, אַז דאָס איז זעהר וויכטיג... איהר זענט דאָך פֿערפּליכטעט צו האָבען אַ וואוינונג... פֿערפּליכטעט לויט׳ן געזעץ...

ז ש אַ ן ג ע נ י ל: אָרימקייט און געזעץ, ה׳ קאָמיסאַר, דאָס זענען צוויי זאַכען...

ק אָ מ י ס אַ ר: אַ מענש אָהן אַ וואוינונג... איהר ווייכט וואָס דאָס איז אַ זעלכעס?...

ז ש אַ ן ג ע נ י ל: אַ אונגליקליכער מענש...

ק אָ מ י ס אַ ר: ניין... עפּעס אַ מין דעזערטירטער בירגער... אַ שווערער פֿערברעכער... כּמעט... אַ פֿערברעכער שטענדיג... איהר זענט אַ פֿערברעכער, זשאַן געניל...

ז ש אַ ן ג ע נ י ל (שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ): איך ווייס ניט, צי איך בין אַ פֿערברעכער... דאָס, וואָס איך ווייס יאָ, איז... אַז איך האָב ניט קיין אַרבייט... ניט קיין מיטלען... גאָרניט. מ׳יאָגט מיך פֿון אומעטום... און, אַז איך שטרעק אַרויס די הענד... זעהט ה׳ קאָמיסאַר... גיט מען מיר נאָר אויסלענדישע סו...

ק אָ מ י ס אַ ר: אַ פֿערשטענדליכע זאַך... איהר זענט דאָך אַ געפֿאַהר פֿאַר דער געזעלשאַפֿט...

ז ש אַ ן ג ע נ י ל: אַ געפֿאַהר פֿאַר דער געזעלשאַפֿט! אַך, ה׳ קאָמיסאַר... גיט נאָר אַ קוק אויף מיר... גיט אַ קוק אויף מיין געזיכט... אויף מיינע הענד... אויף מיינע פֿיס, אַזעלכע בעדויערנס־

ווערטע, אַזעלכע מידע... אויסערדעם, בין איך דאָך אַלט און שוואַך... אַ אמת'ע צרה... איך האָב אַ ברוך.

קאָמיסאַר: אַ ברוך!... אַ ברוך!... דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען דעם... דאָ האַנדעלט זיך וועגען דעם, צו וויסען, ניט דאָס, וואָס איהר האָט, נאָר דאָס, וואָס איהר האָט ניט... איהר האָט אַ ברוך... דאָס איז זעהר גוט... איהר האָט דאָך ניט קיין וואַינונג... איהר געפינט זיך אין צושטאַנד פון אַ שלעפער... איהר וועט, פשוט גערעדט, בעשטראָפט ווער'ען פאַר שלעפעריי... קלאָר, אַז איהר זענט אַ העלד... איהר זענט אָבער אויך אַ שלעפער... און אויב ס'זענען ניטאָ קיין געזעצען לטובת העלדען... איז אָבער פאַרהאַן אַ גאַנצער באַרג געזעצען געגען שלעפער... אַ גאַנצער באַרג, זשאַן געניל...

זשאַן געניל: נו, יאָ!... דאָס פעהלט ניט!...

קאָמיסאַר (איראָניש): איהר האָט וועגען דעם אַלס ניט נאָכגעטראַכט, אויפהויבענדיג דעם טייסמער?... איהר האָט זיך פאָר-געשטעלט, אַז דאָס אַלץ איז אַ פשוטע זאַך... אַ לייכטער זשעסט... אויפהויבען אויפ'ן טראָטואַר אַ בייטעל?... נו, דער טייוועל זאָל אייך נעהמען! אויך אַ איינפאַל, עפּעס אַ מין נאַרישער איינפאַל...

זשאַן געניל: ען! נאַטירליך... ווען איך וואָלט געקענט... דאָס געזעץ... זאָל מיר גאָט אַזוי העלפען!... וואָלט איך איהם איבערגע-לאָזט, זאָלען איהם אויפהויבען אַנדערע... רייכע.

קאָמיסאַר: און איהר וואָלט גוט געטון... זשאַן געניל... געלד איז גוט פאַר רייכע... און די רייכע נעהמען זייער גוטס דאָרט, וואו זיי געפינען עס...

זשאַן געניל: רייכע... זענען ניט דאָס, וואָס אָרימע...

קאָמיסאַר: ריכטיג... איצט טראַכט איהר, ווי ס'דאַרף זיין... צום אומגליק אָבער, אַביסעל צו שפעט...

זשאַן געניל: דאָס אָבער לערנט ניט צו זיין אַזוי עהרליך...

קאָמיסאַר: ס'האַנדעלט זיך ניט וועגען זיין עהרליך... קיי-נער בעט אייך ניט צו זיין עהרליך, זשאַן געניל... ס'האַנדעלט זיך — אָדער דאָס געזעץ מוז אָבגעהיט ווערען, אָדער מ'איז עובר דערויף... אָט איז איינס און דאָס זעלבע...

זשאַן געניל: איך פערשטעה... יאָ... יאָ... נאָר צו דעם

דאַרף מען צו זיין רייך.

קאָמיסאַר: וואָס קאָן מען טון?... די זאַך איז שוין אַזוי (ווײַזט דעם טײַסטער אין האַנט) אָט דעם טייסטער... זעהט איהר אויף אייער אָרט... און אין אייער לאַגע... וואָלטען ניט פיל צוריקגעבראַכט דעם טייסטער... איך בין איינשטימיג דערמיט... מיינט אָבער פונדעסטוועגען ניט, אַז איהר זענט בעגאַנגען אַ נאַרישקייט, ברענגענדיג איהם... ניין... פערקעהרט... נור איך האָט געפעהלט אַ ביסעל שכל... צופאַסען זיך צו די אומשטענדען... אָט דאָס איז אַלץ... בכלל, ריידענדיג פון מאָראַלישען שטאַנדפונקט, איז אייער טאַט נאָך מעהר ווערט אַ לויב... עס איז זאָגאַר ווערט אַ בעלויהנונג... אוז איהר וועט טאַקע בעקומען... די דאָזיגע בעלוינונג... לויט מיין מיינונג, דאַרף זי ניט זיין קלענער ווי 100 סו... אַזוי ווי מיר וועלען נאָר אויסזוכען... אויב מיר וועלען נאָר אַמאָל אויסזוכען... דעם בעל־הבית פון דאָזיגען טייסטער מיט די 10 טויזענד פראַנק. דאָס איז איינס... נאָר פון שטאַנדפונקט פון געזעץ?... פון שטאַנדפונקט פון געזעץ האָט איהר זיך אַריינגעבראַכט אין אַ זעהר אונבעקוועמער לאַגע...

זשאַן געניל: איך פערשטעה... איך פערשטעה...

קאָמיסאַר (דרינגענד): אין אַ זעהר אונבעקוועמע לאַגע... פערשטעהט מיך... דאָס זאָג איך אייך אויף דער צוקונפט... סיי אין געזעץ־בוך, סיי אין אַ אַנדער אָרט איז ניטאָ קיין שום פונקט, וואָס זאָל אייך פערפליכטען צו געפינען ביינאַכט אויף דער גאַס אַ טייסטער אָנגעפילט מיט באַנקנאָטען... (נעהמט דאָס געזעץ־בוך פון טיש) אָט איז דאָס געזעץ־בוך... זוכט... דאָ ווערט אַזעלכעס ניט געזאָגט...

זשאַן געניל: איך פערשטעה... איך פערשטעה...

קאָמיסאַר: פערקעהרט, זענען דאָ פאַרהאַן פונקטען, אונטער דער דראָהונג פון די שטרענגסטע שטראָפען, וועלכע פערפליכטען אייך צו האָבען אַ וואוינונג... (לעגט אַרויף דאָס בוך אויפ'ן שרייבטיש) עך! איך פערזיכער אייך, אַז איהר וואָלט בעסער געמאַכט, ווען איהר וואָלט געפונען אַ וואוינונג... ווי דעם דאָזיגען טייסטער...

זשאַן געניל: יאָ, ה' קאָמיסאַר, איך פערשטעה... הייסט עס?

קאָמיסאַר (אויפשטעהענדיג, ליבענסווירדיג): וועל איך אייך געבען אַ וואוינונג...

זשאַן געניל: באמת?

קאָמיסאַר: עהרענוואָרט!...

זשאַן געניל: איהר זענט זעהר אַ גוטער, ה' קאָמיסאַר...

קאָמיסאַר: איהר... איהר וועט די הייטיגע נאַכט שלאָפען דאָ אין אונזער פּאָליציי-בעצירק...

זשאַן געניל: גוט!

קאָמיסאַר: און מאָרגען פריה... וועל איך אייך אָבשיקען אין טורמע...

זשאַן געניל (ערשטוינט): אין טורמע?

קאָמיסאַר: יאָ...

פלאָראַ: גרויסאַרטיג, מ'קאָן ניט זאָגען!...

זשאַן געניל: יאָ, דאָס איז פיין!

קאָמיסאַר (צו די פּאָליציאַנטען): אַרעסטירט דעם דאָזיגען מענש... נאַר בעהאַנדעלט איהם ווייך... ער איז אַ העלד...

פלאָראַ (פאָלשטענדיג איבערראַשט): אַך!...

ביידע פּאָליציאַנטען (כאַפּען גראָב אָן זשאַן געניל'ן): מאַרש! לעבעדיג... אין אַרעסט!... (שלעפּען איהם, שלאָגענדיג און קלאַפּענדיג).

זשאַן געניל (וועהרט זיך ניט): אמת, ס'געהט מיר היינט ניט... אָט די פערשאָלטענע בירגער... מ'קאָן ניט זאָגען...

1-טער פּאָליציאַנט (שלאָגענדיג איהם): לעבעדיג!... דו וועסט דערנאָך שמועסען... דו, העלד איינער...

זשאַן געניל: אַ ביטער רחמנות... (מ'פיהרט איהם אָב).

פינפטער אויפטריט.

קאָמיסאַר, פלאָראַ.

(פלאָראַ איבערראַשט, געהט צו צום קאָמיסאַר, ניט קיין גרויסע פּויזען)

פלאָראַ: אַלזאָ?... דאָס איז ניט קיין שפּאַס?

קאָמיסאַר: וואָס?

פלאָראַ: אַז דו שיקסט אַוועק אין טורמע דעם דאָזיגען

אומגליקליכען אַלטען?...

קאַמיסאַר: געוויס!...

פלאָראַ: עהרענוואָרט?

קאַמיסאַר: נו, יאָ...

פלאָראַ (נאָך אַ פּויזע): אָ, ניין!... דו ווייסט... איך האָס דיך...

קאַמיסאַר: דו דאַרפסט ניט אַזוי שרייען... ס'איז מעהר קיינער ניטאָ.

פלאָראַ: אָ, דאָס מאָל שריי איך פון זיך אליין... אויף אַ אמת... (טופעט מיט די פיס) איך דאַרף דיך מעהר ניט האָבען.. איך שעם זיך מיט דיר... גאָט, ווי געמיין דו ביזט!

קאַמיסאַר: דו האָסט זיך מיר אויך שוין צוגעגעסען...

פלאָראַ: איך האָב זיך דיר צוגעגעסען?... גוט... דערמיט איז נאָך ניט געענדיגט.

קאַמיסאַר: אַזוי? טאָ טו מיר די טובה און געה אַרויס פון דאַנען...

פלאָראַ: ניין... איך וועל ניט אַרויסגעהן...

קאַמיסאַר: דו ווילסט ניט אַרויסגעהן?

פלאָראַ: ניין... ניין...

קאַמיסאַר: איז דאָס דיין לעצטער בעשלוס?

פלאָראַ: יאָ...

קאַמיסאַר: ס'זאָל דיר זיין צו מזל... (דריקט אויף אַ גלעקעל).

פלאָראַ: וואָס טוסטו?

קאַמיסאַר: וועסט באַלד זעהן...

זעקסטער אויפטריט.

די פאָריגע, 1-טער און 2-טער פאָליציאַנט.

קאַמיסאַר (צו די פּאָליציאַנטען): נעהמט די פרוי...

פלאָראַ (רעדט קוים פון געוויין און כעס): ניין!...

קאַמיסאַר: און פיהרט זי אָב אין אַרעסט...

פלאָראַ (הי פריהער): אַך!...

קאָמיסאַר: און מאָרגען וועל איך שוין זעהן וואָס צו טון.

(די פּאָליציאַנטען טוען עס).

1-טער פּאָליציאַנט: דאָס איז ניט שלעכט...

2-טער פּאָליציאַנט: ענדליך!... (יעדערער פון זיי כאַפּט פלאָראַ'ן פאַר דער האַנד, זי וועהרט זיך, פּראָטעסטירט און שרייט).

פלאָראַ: ניין... ניין... איך וויל ניט...

1-טער פּאָליציאַנט: דו געמיין עטיק!

2-טער פּאָליציאַנט: שווייג... קום... לעבעדיגער!

(פון די גראָבע פּאָליציי-שטימען און דעם טומעל פון סכסוך הערען זיך צאַר אָבגעריסענע פראַזען).

פלאָראַ: לאָזט מיך אָב... איך וויל ניט... בהמות... קאַנאַליעס... ניין... ניין...

1-טער פּאָליציאַנט: שווייג! (גיט איהר אַ קלאַפּ).

קאָמיסאַר: זייט אַביסעל ווייכער מיט איהר... זי איז דאָך פאָרט אַ פרוי...

2-טער פּאָליציאַנט: זי איז דאָך אָבער ווילד... (געהאַלדען, אַ געוויין, פלאָראַ'ס וועהרען זיך, שטאַרק געשלעפּט פון די פּאָליציאַנטען, ווערכע פערשווינדען).

זיבעטער אויפטריט.

קאָמיסאַר, שפּעטער זשעראָם מאַלטעניו.

קאָמיסאַר (פערבלייבענדיג) אַליין, געהט ער אויף און אָב איבער דער ביהנע... אונטער די קוליסען הערט מען שוין מעהר נאָרנישט... דערנאָך געהט ער צו צום שרייבטיש און צולעגט אויף איהם די פּאַפּירען, נעהמט דעם טייסטער, בעקוקט איהם און לעגט איהם אַריין אין קעסטעל, פערשליסענדיג עס צוויי מאָל מיט'ן שליסעל): אַ שוטה... דערנאָך מיט אַ איבערהאַפּטען זשעסט, טוט ער זיך אָן דעם פּאַלטאָ, נעהמט דעם שטעקען און הוט און פערוויכערט אַ פּאַפּיראָס) פערשאָלטענע פרויען!... אַ וואָך קאָן מען מיט זיי ניט זיין רוהיג... געהט צום אַרויסגאַנג, זשעראָם מאַלטעניו בעווייזט זיך אין טיר רעכטס).

מאַלטעניו: ענטשולדיגט, ה' קאָמיסאַר...

קאָמיסאַר: איהר?... וואָס איז דאָס?... וואָס טוט איהר דאָ?... איהר זענט, הייסט עס, ניט אַוועקגעגאַנגען?...

מאַלטעניו: ה׳ קאָמיסאַר!...

קאָמיסאר: וועט איהר שוין ענדליך אַהיימגעהן?

מאַלטעניו: אָבער... ה׳ קאָמיסאַר... איך האָב צוגעגעבען אַ לייכטקייט צו מיין... און...

קאָמיסאַר: לאָזט מיך צו רוה... (שטופט איהם אָב) אָדער איך וועל אייך אויך לאָזען איינזעצען... (דרעהט זיך אום און בעמערקט די פּאָליציאַנטען, וועלכע זענען געקומען צו לויפען צוליב׳ן טומעל) און אייך אויך... (געהט אַרויס, אָבשטופענדיג די פּאָליציאַנטען).

פאַרהאַנג.

דאָס אויפפיהרונגס-רעכט ווערט געשיצט:
אין רוסלאַנד: דורכ׳ן דראַמאַטישען און מוזיקאַלישען שריפטשטעלער-פערבאַנד אין פּעטערבורג.
אין פּוילען: דורכ׳ן יודישען ליטעראַטען און זשורנאַליסטען-פעראיין אין לאָדז.

פערלאג „יודיש", ווארשא.

דער פערלאג „יודיש" האט זיך געשטעלט דאס ציל ארויסצו־געבען אין יודיש דאס בעסטע און דאס שענסטע, וואס איז געשאפען געווארען ביי אונז און ביי אלע פעלקער אויפ'ן געביט פון שענער ליטע־ראטור און וויסענשאפט, ביז אהער זענען ערשינען פאלגענדע ביכער:

1,2) קאנפעסיאן (ודוי) .... זשאן זשאק רוסא.

(„דאס בוך איז איינס פון יענע אונשטערבליכע ווערק, וואס דורך זיי דערקאנט מען נישט בלויז אנדערע, נאר זיך אליין". — פרייז 25 מארק.

3) די געשיכטע פון מיין קינדהייט. ל. נ. טאלסטאי.

(„דאס בוך שילדערט, גאוניש דאס לעבען פון אלטען רוסלאנד און צוזאמען דערמיט גיט עס אויך א ברייט בילד פון טאלסטאי'ס קינדהייט")
פרייז 20 מארק

4) געוועהלטע ערצעהלונגען .... מארק טווען.

(„ געלעכטער, הומאר און לייכטער שפילענדיגער וויץ — פון דעם זעלבען געקנאטען מארק טוועג'ס שענסטע ערצעהלונגען") פרייז 15 מ.

5.6) שטארקער פון טויט .... גיואי דע־מאפאסאן.

(אין דיזמדאזיגען הייסען ראמאן איז מאפאסאן דערגאנגען צו דער העכסטער קינסטלערישער מדרגה פון שאפען און אלס ראמאן איז עס אפשר דער איין־איינציגער אין דער וועלט־ליטעראטור"). פרייז 22.50 מ.

7) די שטים פון בלוט .... דזשעק לאנדאן.

(„דאס איז א ברייטע, רייכע שילדערונג, ברייט און פריי, ווי די אונענד־ליכע סטעפעס, איבער וועלפע דער גרויסער קינסטלער ד. לאנדאן האט אזויפיל געוואנדערט און אזויפיל געזעהן"). פרייז 11.25 מארק.

זלמן זילבערצווייג.

איהר שוועסטער.

(לויט לודוויג פולדא).

קאָמעדיע אין 1 אקט.

תר"פ
1919.

פארלאג יידיש
ווארשע

פערזאָנען:

מאָריץ עפשטײן.

בערטאַ — זײן פרוי.

מאַניאַ — זײער דינסט.

יוליוס גרינבלאַט — מאָריצ׳ס פרײנד.

אָרט — אַ גרויסע שטאָדט.

צײט — געגענוואַרט.

די ביהנע שטעלט פאָר מאָריצ׳ס סאַלאָן. רעכטס און לינקס און אין מיטען ביהנע טירען. דער סאַלאָן איז רײך אויסגעשטאַטעט. לינקס פון שדישפידער אַ סאָפע, רעכטס אַ טשיעל.

Drukarnia Piment i Szwabe, Warszawa, Sierakowska 4.

ערשטער אויפטריט.

מאַריק און יוליוס.

יוליוס: נו, ווען טו היינט קומען? ס'פּעהלט אַקוראַט צו אַ האַנד.

מאַריק: אויף בעשטימט קאָן איך דיר נישט זאָגען, ווייל מיך ערוואַרט היינט אַ סיורפּריז.

יוליוס: אַ סיורפּריז?

מאַריק: יאָ, אַ סיורפּריז' אַדרבא. טרעף וואָס אַזעלכעס?

יוליוס: אודאי אַ נייע שאַנסאָנעטע?

מאַריק: נאָך בעסער!

יוליוס: אינטערעסאַנט.

מאַריק: טרעף!

יוליוס: ס'איז גוט צו טרעפען. דו ביזט דאָך עפּעס אַ מענש אַ גליקליכער, געה טרעף וואָס פאַר אַ סיורפּריז אַזאַ איינער קאָן האָבען.

מאַריק: דאָס גליק, גוטער ברודער, קומט גלייך אין שטוב אריין!

יוליוס: דו רעדסט עפּעס היינט בלויז מיט רמזים. איך הויב דיך נישט אָן צו פערשטעהן.

מאַריק: אויב אַזוי, זעץ דיך און הער אויס: דו ווייסט דאָך ווי גליקליך איך בין אַמאָל געווען מיט מיין פרוי, ווי אַזוי מיר האָבען זיך אַמאָל געליבט, איבערהויפּט אין דער צייט, וואָס מיר זענען נאָך געווען געליבטע...

יוליוס: אָ, דאָס איז זעהר לאַנגווייליג, קאָנסט נישט מאַכען בקצור?

מאַריק: יאָ, אַלזאָ, און דאַן שפּעטער ווען זי האָט געהאַט דאָס קינד. אָך, דאָס קינד... דו געדענקסט עס דאָך נאָך, אַזעלכע לאָקען... אַזעלכע...

יוליוס: דו ווילסט ריידען צו דער זאך, צי נישט?

מארינ: ברען נישט אזוי. יא, נאר שפעטער, ווייסטו דאך, נאכדעם ווי דאס קינד איז געשטארבען, און די דאקטוירים האבען איהר פערבאטען צוליב איהר קראנקהייט, פערשטעהסטו דאך אליין, אז איך האב אנגעהויבען אפט שפעט אהיימצוקומען.

יוליוס: יא, און ווער איז נאך אבעסערע ערות, ווי איך, וואו מיר זענען געוועזן!

מארינ (קוקט זיך ארום): שא (הויך) האט בערטא אנגעהויבען ארומצוגעהן מיט א נאז אויף מיר און וואס אמאל ווערט די נאז אלץ לענגער.

יוליוס: קורץ גערעדט, ביי אונז אין שטוב דונערט און בליצט.

מארינ: יא, אבער נאך מעהר רעגענט... ס'הייסט, מיין פרוי זיצט גאנצע נעכט, די צייט, וואס איך בין נישטא אין דער היים און וויינט. וואס קאן איך איהר, אבער העלפען. כ'קאן דאך נישט מיט געוואלד ווערען אלט. בקצור, פאריגע וואך, ווען מיר האבען זיך אביסעל צעווארטעלט, זאגט מיינע צו מיר: ווארט נאר צו, גוטער מאן, באלד קומט מיין שוועסטער אהער, וועט זי דיר שוין ווייזען, ווי אזוי מ'דארף בעהאנדלען א מאן.

יוליוס: דיין פרוי האט א שוועסטער? זעהסטו וויפיל זי האט מיר שוין געפלוידערט און וועגען וואס אלץ, נאר וועגען איהר שוועסטער האט זי מיר נאך גארנישט דערצעהלט.

מארינ: יא, זי האט עס, אפנים, געהאלטען פאר א סוד, וועסט באלד הערען פארוואס. ווען זי האט מיר דאס ערשטע מאל דערצעהלט וועגען דער שוועסטער און דערצו נאך מיט אזא דראהענדען טאן, האב איך, וואס דער אמת איז, בעקומען א קנאפען חשק זי דא צו זעהן. ווען זי האט אבער אנגעהויבען ווייטער צו דערצעהלען וועגען איהר שוועסטער, האט זיך די גאנצע זאך געענדערט.

יוליוס: אינטערעסאנט.

מארינ: יא, זעהר אינטערעסאנט. ווארט אויס, וועסטו הערען. די שוועסטער אהירע, אלזא, איז נאך ביז היינט נישט פער-

הײדאַס. זי האָט שוין געהאַט אַ האַלבע װעלט געליבטע. זי איז אָבער קלוג און װיל נישט נעהמען אַבי װעמען און דעריבער אײלט זי זיך נישט, הגם זי איז פּונקט אַזױ אַלט װי מײנע.

יולײס: װאָס הײסט, פּונקט אַזױ אַלט?

מאָריץ: יאָ, דאָס איז דאָך דאָס מערקװירדיגסטע. בײדע שװעסטערן זענען צװילינגס־שװעסטערן. מײן פרױ און איהר שװעסטער, אַלזאָ, זענען געבױרען געװאָרען צוזאַמען אַזױ װי דאָס סיאַמער צװילינג מיט'ן אײן אונטערשיד, װאָס אין דער צײט װאָס דאָס סיאַמער צװילינג האָט זיך אױך שפּעטער נישט געקאָנט צושײדען. און זײ יאָ. בײדע זענען זײ אָבער זעהר עהנליך אײנע צו די אַנדערע, װי אַ טראָפּען װאַסער. מײנע איז אָבער אַ שטילע און יענע אַ פײער. זי לאָזט נישט דורך קײן יונגענמאַן. מעגסט הערען אַ שענע זאַך, װאָס מײן פרױ האָט מיר דערצעהלט: זײ זעבען אַזױ עהנליך, אַז ס'פּעלגט אָפט טרעפען, אַז ס'איז געקומען עפּעס אַ יונגערמאַן, צוגעגאַנגען צו מײן פרױ, דענסטמאָל איז זי נאָך געװען אַ מײדעל און זי געגומען אין טעאַטער. געפונדעװעט פערשײדענע זאַכען און ערשט, װען ער האָט געפּרובט פלירטעװען, האָט ער א נגעזעהן זײן טעות.

יוליוס: װאָס איז?

מאָריץ: מײנע האָט זיך נישט געלאָזט.

יוליוס: אַז איך גלױב דאָס נישט, בין אױך נישט קײן אַפּיקורס.

מאָריץ: יוליוס, פערגעס נישט װעגען װעמען דו רעדסט, זי איז מײן פרױ!.

יוליוס: יאָ, אָבער דעמאָלסט איז זי דאָך נאָך נישט געװען דײן פרױ.

מאָריץ: ביזט גערעכט און צוליב דעם רוף איך דיך איצטיגעס מאָל נישט אַרױס אױף אַ דועל.

יוליוס: גאָט זאָל דיך בעלױהנען פאַר דײן טובה.

מאָריץ: מיט אײן װאָרט, זײ בײדע זענען אײנס. דאָס זעלבע אױסזעהן, די זעלבע האַלטונג, דאָס זעלבע רײדען און די זעלבע שטימען.

יוליוס: ווי אַזוי אָבער דערקענט מען זיי אָבער פאַרש?

מאַריק: דורך איין זאַך. מיט וועלכער זיי אונטערשיידען זיך פון קינדווייז אָן. מיינע האָט פיינט צו געהן געקליידעט אין רויטען און געהט שטענדיג ווייס, און איהר שוועסטער, אַלזאַ, האָט זעהר ליב צו געהן רויט. אַלזאַ, ווען מיין פרוי האָט מיר אָבגעשילדערט איהר כאַראַקטער, האָב איך ביי זיך אַ טראַכט געטון: שאַדט נישט, מיט אַזאַ מיידעל וועט נישט זיין אַזוי שרעקליך, מ׳וועט זיך קאָנען מיט איהר איבעררעדען און איך האָב געהייסען, אַז זי זאָל איהר טעלעגראַפירען, אַז זי זאָל וואָס שנעלער קומען, ווייל איך רעכען אוועקצופאָהרען געשעפטליך אויף אייניגע טעג און איך וואָלט זעהר געוואָלט זיין, ווען זי וועט אָנקומען, כדי אויפצונעהמען זי אַזוי ווי ס׳דאַרף צו זיין.

יוליוס: און דיין פרוי האָט דיך געפאָלגט און איהר טעלעגראַפירט?

מאַריק: יאָ, און אָט דאַרף היינט איהר שוועסטער אָנקומען.

יוליוס: אַהאַ, אָט דאָס איז עס דיין סיורפריז?

מאַריק: יאָ. איך האָב מיר שוין געמאַכט אַ גאַנצען פּלאַן.

יוליוס: דו, גיב נאָר גוט אַכטונג. זי קאָן שפּעטער אַלץ איבערגעבען דיין פרוי.

מאַריק: געה שוין, געה, אויב זי איז ווירקליך אַזוי קלוג, ווי מיין פרוי האָט זי געשילדערט, וועט זי אַזעלכעס נישט טון.

יוליוס: כאַ־כאַ־כאַ...

צווייטער אויפטריט.

די פריגע, מאַניאַ.

מאַניאַ: די מאַדאַם פרעגט, ווען דער צוג קומט אָן.

מאַריק: דו ווייסט נישט?

יוליוס: ניין.

מאַריק: איך ווייס אויך נישט.

מאַניאַ: די מאַדאַם איז טאַקע גערעכט. דער הערר אינ־

טערעטייט זיך געראנישט מיט איהר. אפילו אזא קליינינקייט ווי צו
וויסען, ווען זי זאל ארויסגעהן צום צוג, ווייס ער אויך נישט.

מאריץ: מאניא, איך הער בענוג מוסר פון מיין פרוי.
און פרעג דיך נישט קיין דעות. דו קאנסט געהן.

מאניא: איהר זענט טאקע א „גוטער" מאן (אב).

דריטער אויפטריט.

די פריהערדיגע, אהן מאניא.

מאריץ: זעסט, אט אזוי ווערט כסדר געפיהרט א אפען
סיוע געגען מיר. איך וועל זיך אבער נישט לאזען. איינמאל פאר
אלע מאל, ס'מוז קלאר ווערען. ווער ס'דארף זיין פון אויבען.

יוליוס: דאס איז שוין קלאר: דער מאן.

מאריץ: יא, לאז נאר קומען איהר שוועסטער.

יוליוס: דו ערוואַרטסט די גאנצע ישועה פון איהר
שוועסטער?

מאריץ: יא.

יוליוס: מיך דאכט זיך, אז דער צוג קומט טאקע באלד
אן. איך וועל אהיימגעהן זיך אביסעל איבערטון און וועל דא
שפעטער אהערקומען. כ'ווייס, אפשר וועל איך דיר זיין נויטיג. דו
גיב נאר אכטונג, אז דיין פרוי זאל נישט פריהער אויינבאפען איהר
שוועסטער צו זיך און זי פריהער גוט אויסדרעסירען אויף דיר.

מאריץ: יא, דו ביזט גערעכט. קום טאקע באלד צוריק,
וועל איך דיך בעקענען מיט מיין שוועגערין און דו זאלסט זיך
בעמיהען זי צו פערשמועסען, אזוי אז מיין פרוי זאל צו איהר
נישט צוקומען.

יוליוס: אבער וואס וועל איך האבען דערפאר?

מאריץ: דו, באלד מיט דיין מאטעריאליזם. נו, איך זאג
דיר צו, נישט וועניגער ווי איך.

יוליוס: גוט, אויף באלדיגען ווידערזעהן (אב).

פערטער אויפטריט.

מאריץ.

מאריץ (אליין): איז דען דא אויף דער גאנצער וועלט

איין מענש, וואָס קאָן אַריינגעהן אין מיין לאַגע! האָבען אַ פרוי, וואָס זאָל בלויז שרייען ווי אַ פרוי. קיין איין צערטליך וואָרט, קיין קוש, קיין... גאָרנישט און נאָר געלד און געלד. אה, ווען ס'זאָל זיך מיר כאָטש איינגעבען מיט איהר שוועסטער. האַ, פאָרט אייגען בלוט און כ'וויס דאָך מיט וועמען כ'האָב צו טון, נישט דאָרט, ווי אין די קאַבאַרעטען... יאָ, דער עיקר, מ'מוז נאָר האָבען מוט און דרייסטקייט, מ'טאָר זיך נישט שרעקען. פאַרוואָס זאָל איך ביי איהר זיין ערגער ווי אַ אנדערער? מיין פרוי זאָל מיר נאָר נישט שטערען. אַך, ווי ווערט מען איצט איהרע פטור. ווען ס'געשיהט איצט עפעס אַ נס און זי זאָל אַוועקפאָהרען. דאָס איז אָבער נאַריש, זי וועט אַזעלכעס נישט טון, אַ קלייניגקייט, איינ-איינציגע שוועסטער, מיט וועלכע, זי האָט זיך שוין נישט, ווי זי זאָגט, געזעהן 5 יאָהר, און פלוצלונג נעהמען און אַוועקפאָהרען. און אפשר יאָ, אפשר זאָל איך זי דערבייזערן, אויפרעגען, אַזוי אַז זי זאָל כאָטש אויף איין טאָג אַוועקפאָהרען צו איהר פריינדין, פרוי האַמבורגער, אפשר... נאַ, און אָט איז זי אַליין!

פינפטער אויפטריט.

מאָריץ און בערטאַ.

בערטאַ (אין ווייסען, קומט אַריין פון דער רעכטער טיר, בייז): נו, גוטער מאַן, דו האָסט זאָגאַר נישט געהאַלטען פאַר נויטיג זיך צו דערוויסען, ווען דער צוג קומט אָן, און ווען כ'זאָל אַרויסגעהן צום וואָקזאַל אויפנעהמען מיין טייערע שוועסטער, מיט וועלכע איך האָב זיך שוין נישט געזעהען 5 יאָהר. כ'וויס, דו שרעקסט זיך פאַר איהר, דו האָסט מורא, אַז זי וועט דיר געבען דיין פערדינטען פסק פאַר דעם, ווי אַזוי דו בעהאַנדעלסט מיך.

מאָריץ: ס'הויבט זיך גאָרנישט אָן. אדרבא, זאָל זי קומען און מיר וועלען זעהן, אַז זי וועט אויסהערען ביידענס טענות, וועמען זי וועט געבען גערעכט.

בערטאַ: דו האָסט אויך נאָך טענות צו מיר! (וויינט), אַ ווי אומגליקליך איך בין!

מאַריך: דו הערסט אויף צו וויינען, איך קאָן נישט זעהן ווי דו וויינסט.

בערטאַ (וויינט): איך אינטערעסיר דאָך דיך שוין מעהר גאָרנישט.

מאַריך: הערסט אויף צו וויינען, אַז נישט געה איך אַוועק (נעהמט הוט און שטעקען).

בערטאַ: אַהאַ, דו ווילסט אַנטלויפען, דו ווילסט אויסמיידען צו זעהן מיין שוועסטער.

מאַריך: פערקעהרט, נאָר צוליב דיין שוועסטער בלייב איך דאָ, אַז נישט וואָלט איך טאַקע אַוועקגעגאַנגען. דו ווייסט דאָך, ווי ליב איך האָב מיט דיר אַליין צו בלייבען. שטענדיג נאָר געוויינט און פרעטענזיעס און פרעטענזיעס.

בערטאַ: אַז דו וואָלסט געווען אַ גוטער מאַן, וואָלט איך נישט געהאַט קיין פרעטענזיעס און וואָלט נישט געדאַרפט וויינען.

מאַריך (שפּאָטיש): אַ גוטער מאַן... אַ גוטער מאַן... כ'וואָלט שוין געוואָלט אַמאָל וויסען וואָס ס'הייסט ביי דיר אַזעלכעס אַ גוטער מאַן...

בערטאַ: אַז דו וואָלסט געוואָלט וויסען, וואָלסטו נישט געדאַרפט וואַרטען ביז היינט. געדענקסט ווי גוט אונז איז אַמאָל געווען, ווי ליב מיר האָבען זיך געהאַט, ווי דו פלעגסט גאַנצע אָוועבדן פערברענגען אין גערטענדעל און זיך נישט געקאָנט שיידען, ווי דו האָסט מיט אונגעדולד שוין געוואַרט אויפ'ן מאָרגענדיגען טאָג, אַז דו זאָלסט זיך ענדליך ווידער זעהן מיט מיר.

מאַריך: יאָ, דאָס אַלץ איז אָבער געווען אַמאָל. היינט...

בערטאַ: וואָס, היינט בין איך דען אַנדערש געוואָרען צו דיר?

מאַריך: אָבער דו פערשטעהסט... (אַפּאַרט) די צונג נעהמט זיך מיר אָב, אַז כ'דאַרף מיט איהר ריידען.

בערטאַ: היינט (צעוויינט זיך) האָסטו מיך שוין מעהר נישט ליב... דו האָסט געוויס אַ אַנדערע... איך בין דיר געוואָרען איבעריג... אָבער וואַרט. זאָל נאָר מיין שוועסטער קומען, וועט שוין נעהמען אַ עק צו די צרות.

מאָריץ: יאָ, איך רעכען אויך אַזוי.

בערטאַ: איך גײה שוין אַרויס אויפ׳ן וואָקזאַל, און דו גײה אַריין און טו זיך איבער, טו אָן דעם זשאַקעט. אויב דו האָסט מיך נישט ליב און טוסט זיך קײנמאָל נישט אָנשטענדיג אָן, טו עס כאָטש פאַר מײן שוועסטער, ווען זי קומט אַמאָל צו גאַסט.

מאָריץ: גוט, גוט, איך וועל זיך אָנטון (אַפּאַרט) זי האָט מיר צוקלאַפּט מײן גאַנצען פּלאַן...

בערטאַ: דו זאָגסט עפּעס?

מאָריץ: יאָ, איך זאָג, אַז ס׳איז שוין שפּעט און קאָנסט שוין גײהן (אָב אין צימער רעכטס).

זעקסטער אויפטריט.

בערטאַ.

בערטאַ (אַליין, נעהמט אַרויס אַ פאָטאָגראַפיע, קושט זי) עלזאַ, עלזאַ, טײערע עלזאַ! 5 יאָהר אַז מיר האָבען זיך שוין נישט געזעהן. ווען דו וואָלסט געוואוסט, וויפיל איך לײד לעצטענס פון מײן מאַן, וואָלסטו זיכער מיך אײן מינוט מעהר נישט געלאָזט דאָ זײן. טײערע שוועסטער, דו ביזט איצט מײן אײנציגע רעטונג. אויף דיר לעג איך מײן גאַנצע האָפנונג. וועסטו מיר צוריקגעבען מײן גוטען מאַן, וועל איך דיך נאָך מעהר ליב האָבען, ווי ביז איצט (פּרעסט צו די פאָטאָגראַפיע צו דער ברוסט). אַך, איך האָב שיער נישט פערגעסען, אַז ס׳ווערט שפּעט. עלזאַ קאָן נאָך דערווײל אָנקומען און קײנער זאָל זי נישט אָפּנעהמען אויפ׳ן וואָקזאַל (טוט זיך אָן הוט און זשאַקעט) אָט שוין, טײערע שוועסטער, אײנציגע האָפנונג מײנע (אָב).

זיבעטער אויפטריט.

מאַניאַ.

מאַניאַ (קומט אַריין פון רעכטס): אַהאַ, מײן מאַדאַם איז שוין געגאַנגען צום וואָקזאַל. אויב ס׳זאָל זײן אמת, וואָס זי זאָגט וועט איהר שוועסטער איבערקעהרען די שטוב. מײן בעל-הבית זאָל

אָר נישט וועלען מיט איהר אַזוי חבר, ווי מיט מיר. אַזוי, דאַכט זיך ניז ער אַ שלים-מזל, קאָן נישט קיין צוויי ווערטער אַרויסריידען מיט זיין פרוי, און אַזוי ווי זי געהט נאָר אַרויס פון שטוב, אָדער אַהער ערגעץ אַוועק, בעקומט ער באַלד לשון. איך וואָלט אַפילו זיך פון איהם נישט געלאָזט, פערדינט זיך אָבער ביי איזם לייכט אַ זייטיגער גראָשען, און דאָס אַוועקצולאָזען איז אַ גרויסער שאַד. אַהאַ, מ'קלינגט, מ'דאַרף געהן עפענען (אָב).

אַכטער אויפטריט.

מאַניאַ, יוליוס.

יוליוס (קומט אַריין, נאָך איהם מאַניאַ): דער גאַסט איז שוין געקומען?

מאַניאַ: נאָך נישט.

יוליוס: איז קיינער נישט געגאַנגען איהם אָבנעהמען?

מאַניאַ: יאָ, די מאַדאַם.

יוליוס (דערנעהנטערט זיך צו איהר): און איהר זענט איצט אַליין, מיין טייער פייגעלע.

מאַניאַ: ניין, אייער טייער פייגעלע איז נישט אַליין, נאָר אייער פריינד איז אויך דאָ.

יוליוס: זאָגט איהם, אַז איך בין דאָ געוועזען, און אַזוי ווי דער גאַסט איז נאָך נישטאָ, בין איך דערווייל אַוועק געשעפט-ליך און קום באַלד צוריק.

מאַניאַ (אַפּאַרט): נישט נויטיג.

יוליוס: וואָס?

מאַניאַ: איך זאָג, אַז כ'וועל איהם זאָגען.

יוליוס: אַ שענעם דאַנק (קנייפט איהר אין באַק).

מאַניאַ (גיט איהם אַ קלאַפּ איבער דער האַנד): פון ווען אָן זענט איהר דאָס אַ שותף צו מיינע באַקען? דאָס איז אַ געמיינהייט! וואָס בין איך עפּעס אַ קהל'שע? אַהאַ, מ'געהט שוין ווייטער. ווער איז דאָס? מיין בעל-הבית!

נײַנטער אױפטריט.

מאַניאַ, מאָריץ.

מאָריץ (קומט אַרײַן): מאַניאַ, די מאַדאַם איז שױן געגאַנגען צום װאָקזאַל? (מאַניאַ שאָקעלט אױף יאָ) פוץ מיך נאָר אַ ביסעל אָב. (משתּפּעט זיך מיט איהר).

מאַניאַ: איך פּוץ דאָך אײַך אָב, טאָ װאָס װילט איהר?

מאָריץ: גײה שױן, גײה, דאָס טו איך דאָך אױס ליבע.

מאַניאַ: יאָ, פריהער איז געװען אױס ליבע צו אײַער פרוי, איצט אױס ליבע צו מיר און באַלד װעט אַװדאי זײַן אױס ליבע צו אײַער שװעגערין.

מאָריץ: גײה שױן, גײה, נאַר, איך האָב נאָר דיך אײנע ליב.

מאַניאַ: יאָ, איצט, אין די איצטיגע מינוט, האָט איהר נאָר מיך אײנע, זאָל נאָר אָבער קומען אײַער שװעגערין, װײס איך שױן...

מאָריץ (דערשראָקען): װאָס װײסטו?

מאַניאַ: איך װיל נישט זאָגען.

מאָריץ: נײן, דו מוזט שױן זאָגען.

מאַניאַ: װעט איהר װערען חבר מיט אײַער שװעגערין.

מאָריץ: אָט דאָס איז אַלץ?

מאַניאַ: װאָס נאָך האָט איהר געװאָלט?

מאָריץ: כאַ-כאַ... דו זאָג מיר בעסער װי געפעלל איך דיר שױן, האַ?

מאַניאַ: יאָ, נאָר די שיך האָט איהר געמעגט איבערטױשען, טוט בעסער אָן די געלע.

מאָריץ: ביסט גערעכט, אַז אַ פאַצעט – זאָל שױן זײַן מיטן קנאַק (אָב).

צעהנטער אױפטריט.

מאַניאַ, באַלד דערנאָך בערטאַ.

מאַניאַ: װי ער האָט זיך דאָס אױסגעפוצט, אַז ער האָט נאָר געהערט, אַז ס'קומט אַרײַן אַ נײַע פרוי אין שטוב, פונקט װי צום גט. װאַרט צו, װעסטו נישט קױפען אַ הוט מיט הענדשקעס,

ווי דו האָסט צוגעזאָגט, וועל איך שוין וויסען וואָס צו טון (מ'קלינגט) אַ טעלעגראַם קאָן מען זיך נישט היינט אָפּרוהען, עפּעס פּלוצלונג טראָגט זיי אָן פון אַלע זייטען (געהט אַרויס און קומט באַלד צוריק מיט בערטאַ'ן, װעלכע זי לאָזט איבער און געהט אַליין אַרויס).

בערטאַ (מיט אַ טעלעגראַמע אין האַנד): וואָס פאַר אַ גליק־ליכער צופאַל. אַרויסגעהענדיג האָב איך געטראָפען דאָ נישט ווייט דעם טעלעגראַמען־טרעגער און ער האָט מיר איבערגעגעבען אַ טעלעגראַמע פון מיין שוועסטער (קושט זי) אַך, שוועסטער מיינע, ווען דו זאָלסט וויסען, וואָס איך לייד זיך אָן פון מיין מאַן (ענדערט דעם טאָן). אָבער זעה נאָר, איך בין אַזוי צומישט, אַז איך האָב בלויז געזעהן די אונטערשריפט און נאָך אפילו נישט איבערגעלעזען די טעלעגראַמע (לעזט) „מיינע טייערע. כ'קום ערשט מאָרגען אָדער איבערמאָרגען. די סבה וועל איך מינדליך ערקלערען. עלזאַ.“ אַך, ערשט מאָרגען, און וואָס קאָן דאָ זיין פאַר אַ סבה? ווער ווייס, צי ס'האָט נישט פּאַסירט עפּעס אַ אומגליק, און אפשר זאָל איך שוין פאָהרען צו איהר. אָ, גאָט, וואָס זאָל איך טון? טאָמער קומט זי אָבער דערווייל אַהער, מוז איך דאָך דאָ זיין, וואָרום איך טאָר נישט לאָזען, אַז מאָריץ זאָל צוערשט מיט איהר ריידען. מאָריץ מוז איבערהויפּט זיין פון איהר פון דערווייטענס. מיין שוועסטער זאָל נאָר נישט זיין מיט איהם צו נאָהנט. נו, ער איז גאָרנישט אַזאַ שיינער. און אפשר פאָרט? איך האָב אַ פּלאַן. מיין מאַן ווייסט דאָך נישט, אַז מיין שוועסטער קומט ערשט מאָרגען, וועל איך זיך אַ בערקליידען פאַר מיין שוועסטער און זעהן, ווי אַזוי ער וועט זיך בעציהען צו מיין שוועסטער. יאָ, דאָס איז אַ פּלאַן. ווי אַזוי פיהרט מען איהם אָבער דורך. וואַרט נאָר, (געהט אויף און אָב, טראַכט נאָך, דערנאָך רופט ז) מאַניאַ! מאַניאַ?

מאַניאַ (קומט אַריין): וואָס וויל די מאַדאַם.

בערטאַ: הער אויס, איך האָב נאָר וואָס בעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז מיין בעסטע פריינדין, פרוי האַמבורגער איז פּלוצלונג געפעהרליך קראַנק געוואָרען און איך מוז זאָפאָרט צו איהר אַוועקפאָהרען. איך וועל, אַלזאָ, נישט קאָנען אויפנעהמען מיין שוועסטער און בעט דיך, אַז נאָכדעם ווי איך געה באַלד אַרויס צום

צוג אַוועקצופֿאָהרען, זאָלסטו עס זאָגען מיין מאַן.

מ אַ נ י אַ : גוט. די מאַדאַם דאַרף גאָרנישט, אַז כ'זאָל איהר העלפֿען?

ב ע ר ט אַ : ניין, כ'וועל מיר שוין אַליין אַ עצה געבען, געה און גרייט צו עפּיס צו עסען פֿאַר מיין שוועסטער.

מ אַ נ י אַ : די מאַדאַם אַליין איז דאָך אויך הונגעריג, זי האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געגעסען.

ב ע ר ט אַ : געה און טו וו"ס מען הייסט דיך.

מ אַ נ י אַ : גוט (אָב).

ב ע ר ט אַ : איצט וועל איך אריינגעהן צו מיר אין צימער, דיך איבערטון אין רויטען, וואָס איז נישט מיין נאַטור און קומען צו מיין מאַן אַלס שוועגערין, נישט אַלס זיין פֿרוי. מיר וועלען זעהן, וועמען ער נעהמט בעסער אויף (אָב רעכטס).

מ אַ נ י אַ (קומט צוריק אריין): מאַדאַם... זי איז דאָך שוין גאָרנישט דאָ. מיין בעל-הבית האָט דאָס אַ הצלחה, קומט אַ שוועגערין, פֿאָהרט איהם דאָס ווייב אַוועק.

עלפֿטער אויפֿטריט.

מ אַ נ י אַ און מ אָ ר י ץ.

מ אָ ר י ץ (קומט אַריין, אויסגעפּוצט, אין געלע שיך): נו, מאַניאַ-לעבען, ווי געפעל איך דיר איצט, האַ? דאָס איז לויט דיין געשמאַק? די מאַדאַם איז נאָך נישטאָ? דער צוג מוז געווים האָבען פֿערשפּעטיגט (קוקט אויפ'ן זייגער).

מ אַ נ י אַ : ניין, די מאַדאַם איז שוין דאָ געווען, נאָר זי האָט אויפ'ן וועג בעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז איהר פֿריינדינע, פֿרוי האַמבורגער איז געפֿעהרליך קראַנק און זי מוז זאָפֿאָרט צו איהר קומען, האָט זי געלאָזט אַלץ שטעהן און אַוועקגעפֿאָהרען.

מ אָ ר י ץ : און זיך מיט מיר זאָגאָר נישט געזעגענט. (אַפּאַרט) אוי, וואָס פֿאַר אַ גליק!

מ אַ נ י אַ : דאָס געהט אייך אַזוי אין לעבען?

מ אָ ר י ץ : ניין... יאָ, וואָס הייסט, זי איז דאָך מיין פֿרוי.

מ אַ נ י אַ : ע, דערצעהלט נישט קיין מעשיות, איך ווייס שוין...

מאָריך: וואָס ווייסטו עפּעס ווידער?

מאַניע: איך ווייס, ווי ליב איהר האָט אייער פרוי. איהר וואַרט דאָך גאָר, אַז זי זאָל אָװעקפאָהרען, אַז איהר זאָלט זיך קאָנען אַ נעהם טון צו איהר שוועסטער.

מאָריך (טשעפּעט איהר): געה שוין, געה, וועמען ליגט אין קאָפּ איצט אַ שוועסטער, אַז דו ביזט דאָ.

מאַניאַ: מחל אייך די טובות, איך ווייס שוין די גלקען. וואָס מ'האָט פון אייך. וואו איז דאָס, וואָס איהר האָט מיר צו־געזאָגט?

מאָריך: כ'לעבען, דו ביזט גערעכט. נאַ, אָט האָסטו (נעהמט אַרויס געלד און גיט איהר) אָבער איצט, טייער קינד? — (אַ קלונג).

מאַניאַ: איך מוז דאָך געהן עפענען.

מאָריך: נו, יאָ, מיין גליק, (מאַניאַ אָב) שאַ, דאָס איז אַודאי די שוועסטער. ברודער, געדענק, דו שטעהסט איצט אויפ'ן עקזאַמען.

צוועלפטער אויפטריט.

די פריהערדיגע, יוליוס.

(מאַניאַ קומט אַריין צוזאַמען מיט יוליוס, לאָזט איהם אויף דער ביהנע און געהט אָב).

יוליוס: נו, מאָריך, זי איז שוין דאָ?

מאָריך: נאָך נישט, אָבער שטעל דיר פאָר, טייערער פריינד, מיין גליק. מיין אַלטע האָט זיך דאָך פלוצלונג אויפגעהויבען און אַוועקגעפאָהרען.

יוליוס: דאָס קאָן נישט זיין!

מאָריך: נאַ דיר, ס'קאָן נישט זיין. איך זאָג דיר, אַז אַזוי איז עס. זי האָט עפּעס בעקומען אַ טעלעגראַמע פון איהרע אַ פריינדין, אַז זי איז ערנסט קראַנק און זי זאָל תיכף קומען, האָט זי מיך איבערגעלאָזט דאָ מיט איהר שוועסטער, וואָס וועט אודאי באַלד קומען, און אַליין האָט זי זיך אָבגעטראָגען. דאָס איז דאָך אַ גליק. ניין, יוליוס, דאָס איז עפּעס אַ ריינער נס

יוליוס: וואָס הייסט אַ נס, דער נס פון יציאת מצרים איז דאָך גאָרנישט געגען דעם.

מאָריץ: יאָ, אָבער, טייערער יוליוס, איצט, פערשטעהסט דאָך אַליין, אז דו מוזט...

יוליוס: וואָס מוז איך?

מאָריץ: מיך דאָ...

יוליוס: רעד קלאָרע דבורים!

מאָריץ: מיך דאָ אַליין לאָזען מיט איהר.

יוליוס: וו—אָ—אָ—ס?!

מאָריץ: יאָ, כ'מיין, חלילה, נישט קיין שלעכטס, נאָר דו פערשטעהסט דאָך אַליין...

יוליוס: גאָר פערשטעה גאָרנישט...

מאָריץ: איך בעט דיך, טייערער יוליוס, איינציגער פריינד מיינער, רויב מיר נישט צו מיינע בעסטע מינוטען, לאָז מיך אַליין מיט מיין שוועגערין.

יוליוס: ניין, דאָס קאָן איך נישט.

מאָריץ: דו ווילסט נישט.

יוליוס: זאָל זיין, אַז איך וויל נישט. דו טאָרסט מיט דיין שוועגערין נישט בלייבען אַליין (ס'קלינגט).

מאָריץ: יוליוס, יוליוס, האַרציגער מיינער, פריינד מיינער, ברודער מיינער, איך בעט דיך... (ס'קלינגט) דו הערסט, דאָס איז זי... טו מיר די טובה, געה אַריין צו מיר אין קאַבינעט נאָר אויף איין־ציגע מינוט. עהרענוואָרט, איך וועל דיך באַלד אַליין אַריינלאָזען.

יוליוס: גוט, איך געה, נאָר געדענק, רופסטו מיך נישט באַלד אַריין, קום איך אַריין און צוקלאַפ דיר אַלץ.

מאָריץ: גוט, גוט (שטופט איהם אַריין אין זיין קאַבינעט, און אַליין געהט ער עפענען די טיר. אַ ווײַלע איז די ביהנע לעדיג, באַלד עפענט זיך די טיר און ס'קומען אַריין מאָריץ און בערטאַ).

דרייצעהנטער אויפטריט.

בערטאַ און מאָריץ

בערטאַ (אין רויטען, לויפט אַריין מיט פאַטאָס, פאַלט אַרויף

אויף מאָריצ'ן): אָ, שוואָגער! (זי קושט איהם, מאָריץ זשאַלעוועט נישט קיין קוש צוריק) וואו איז עפּעס מיין שוועסטער?, פּע, נישט שען פון איהר זייט! 5 יאָהר זיך נישט געזעהן מיט מיר און פונדעסט־וועגען נישט געהאַלטען פאַר נויטיג מיך אָבצוואַרטען אויפ'ן וואָקזאַל. נו, שוואָגער, רופט זי אַריין!

מאָריץ: דאָס קאָן איך נישט.

בערטאַ: אַז איהר קאָנט נישט, וועל איך שוין קאָנען (לאָזט זיך צו בערטאַ'ס טיר).

מאָריץ: (פערשטעלט איהר דעם וועג): איהר דאַרפט זיך נישט בעמיהען, וואָרום אייער שוועסטער איז נישטאָ, זי איז איינט אַוועקגעפאָהרען.

בערטאַ: (פאַלט אויף דער סאָפע): אָ, אָ, מיר איז נישט גוט.

מאָריץ (העלפט איהר קומען צו זיך, בערטא לעהנט זיך אויף איהם אָן, ער בענוצט זיך מיט דער געלעגענהייט און ווערט וואָס ענגער מיט איהר. ווען בערטאַ בעמערקט דאָס, שפּרינגט זי פּלוצלונג אויף).

בערטאַ: אויב אַזוי, פאָהר איך שוין אָב.

מאָריץ: ניין, דאָס וועט איהר נישט טון!

בערטאָ: יאָ, אַז מיין שוועסטער האָט געקאָנט זיין אַזוי געמיין, קאָן איך דאָ קיין איין מינוט לענגער נישט בלייבען.

מאָריץ: אָבער, טייערע שוועגערין, איך בין דאָך נישט שולדיג דערין, טאָ פאַרוואָס זאָל איך נישט האָבען דאָס גליק צו האָבען ביי זיך אַזאַ שענע שוועגערין?

בערטאַ (דראָהט איהם אַזוי, אַז ער בעמערקט נישט): איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איהר קאָנט מאַכען אַזעלכע קאָמפּלימענטען.

מאָריץ: אַלזאָ, איהר בלייבט?

בערטאַ: יאָ, אָבער מיט איין בעדינג...

מאָריץ: אָהן שום בעדינגונגען און דערפאַר זייט איהר ווערט אַ קוש (וויל זי קושען).

בערטאַ: איילט זיך נישט אַזוי, איך פאָהר דאָך נאָך נישט אַוועק.

מאָריץ: ווי שווער דאָס זאָל מיר נישט זיין, טו איך עס. אַלץ וואָס איהר זאָגט, איז ביי מיר ווי אַ בעפעהל.

בערטאַ: און וואָס אייער פרוי זאָגט?

מאָריץ: וואָס טויג אונז יעצט די רייד וועגען מיין פרוי. איהר זעהט דאָך, אַז זי אינטערעסירט זיך גאָרנישט מיט אונז.

בערטאַ: זי האָט אונז אפשר ספּעציעל איבערגעלאָזט אַליין, כּדי אונז אויסצופּרובען.

מאָריץ: ווען איך וואָלט געווען אין דעם איבערצייגט, וואָלט איך זי דערפאַר אָנגעלערנט.

בערטאַ: וואָס וואָלט איהר איהר געטון?

מאָריץ: איהר וואָלט איך גאָרנישט געטון. אייך אָבער וואָלט איך דערפאַר... (דריקט זי צו זיך צו, קושט זי).

בערטאַ (רייסט זיך אַרויס): וואָס טוט איהר? מיר האָבען דאָך עפּעס אָבגערעדט.

מאָריץ: דאָס איז געווען פריהער. איצט קאָן איך שוין מעהר נישט. שווענערין, איך ליב אייך!

בערטאַ: וואָס טוט זיך מיט אייך! איהר ווילט, אַז איך זאָל פערראַטען מיין אייגענע שוועסטער?!

מאָריץ: איך וויל פון גאָרנישט וויסען. אייער שען מויל, אייערע כּרעכטיגע אויגען, אייער אָנציהענדער האַלז, אייער פּנים, אייער האַנד, אייער פוס, אַלץ אין אייך קאָן משוגע מאַכען. ווען איך וואָלט אפילו געהאַט אייער טאָכטער פאַר אַ פרוי, אָדער הונדערט פרויען, וואָלט איך אין אלע פערגעסען און נאָר אייך איינע אליין געליבט.

בערטאַ (ראַכט אַזוי, אַז ער בעמערקט נישט): און זענט איהר זיכער, אַז די ליבע וועט לאַנג דויערן.

מאָריץ (ענטשלאָסען): אייביג, אָ, ליזאַ! (קושט זי).

בערטאַ: ווען מיין שוועסטער, אייער פרוי, זאָל דאָס זעהן!

מאָריץ: אָ, דערמאָנט מיר נישט מיין פרוי. איך קאָן אויף איהר נישט קוקען. איהר מאוס פּנים, איהרע נישט שענע אויגען, איהר אָבשטויסענדער האַלז, איהר געזיכט, די הענד און די פיס, אַלץ אין איהר איז אַזוי מאוס, אַזוי עקעלהאַפט. ווען איך דערמאָן זיך, אַז ס'זענען געווען מינוטען, אַז איך האָב זי אַזוי אַרומגענומען אַזוי ווי דיך, געהט מיר אַ שוידער איבער'ן לייב.

אָ, טײַערע ליזאַ, זײַ מיר מוחל די דאָזיגע מינוטען.

בערטאַ (דראָהט איהם, ער בעמערקט נישט): איך בין דיר מוחל, ווײַל דו ביזט געווען פערבלענדעט און ווײַל דאָס איז געווען מיט מײַן אומגליקליכע שוועסטער.

מאָריץ: דײַן אומגליקליכע שוועסטער! איך בין אומגליקליך, נישט זי! שטעל דיר פאָר צו האָבען אַזאַ טײַערע שוועגערין און אַזאַ שלעכטע פרוי.

בערטאַ: יאָ, אַזאַ טײַערע שוועגערין און אַזאַ שלעכטע פרוי!

מאָריץ: דו שפּאַסט פון מיר!

בערטאַ: ניין, איך שפּאַס נישט. איך זאָג נאָר, אַז די שוועגערין געפעלט דיר בעסער ווי דײַן פרוי.

מאָריץ: אַך, ווען מײַן פרוי וואָלט געווען אַזוי ווי דו, וואָלט זי מיר אויך געפעלען.

בערטאַ: און איז שוין נישטאָ קיין שום אויסזיכט, אַז דײַן פרוי זאָל אַזוי ווערען?

מאָריץ: ניין, אויסגעשלאָסען. איך מוז זיך מיט איהר גט'ן.

בערטאַ: און חתונה האָבען מיט מיר.

מאָריץ: יאָ, און חתונה האָבען מיט דיר.

בערטאַ: אָ, דאָס וואָלט געווען אַ שענע קאָמעדיע!

מאָריץ: איך ווייס נישט, וואָס דאָ וואָלט געווען פאַר אַ קאָמעדיע?! זי ליב איך נישט און דיך ליב איך יאָ.

בערטאַ: (צולאַכט זיך).

מאָריץ: וואָס לאַכסטו?

בערטאַ: און דו ביזט אין דעם פעסט איבערצייגט?

מאָריץ: יאָ, איך שווער דיר בײַ מײַן פרוי'ס געזונד.

בערטאַ: ניין, שווער דיר נישט בײַ דײַן פרוי'ס געזונד.

מאָריץ: וואָס אַרט עס דיך?

בערטאַ: אָ, דאָס אַרט מיך שוין זעהר פיל.

מאָריץ: אַהאַ, איך פערשטעה, פאָרט אַ איינציגע שוועסטער...

בערטאַ: יאָ, און נאָך עפּעס מעהר...

מאַריץ (דערשראָקען): וואָס מעהר?

בערטאַ: אַ איינאיינציגע שוועסטער.

מאַריץ (שוין אַביסעל דערשראָקען) איך האָב שיער נישט געמיינט, אַז...

בערטאַ: אָ, איצט רייד גאָרנישט, איצט נעהם מיך בעסער אַ־ום און דריק מיך פעסט צו צו זיך (אַ קורצע פויזע). וואָס וועט אָבער זיין, אַז מיין שוועסטער וועט צוריקקומען.

מאַריץ: איך וועל זי מעהר אין שטוב נישט אַריינלאָזען. אַוועקצופאָהרען, ווען ס'קומט אָן אַזאַ טייערע ליבע שוועסטער!

בערטאַ: נו, אַזוי שטרענג דאַרפסטו נישט זיין, אין דער צייט ווען איך אַליין בין איהר מוחל. שאַ, איך האָב אַ פּלאַן. די בלייב ווייטער ביי דיין פרוי, און איך וועל מיר אויסזוכען עפּעס אַ לייטישען יונגעמאַן, מיר וועלען חתונה האָבען און וואוינען צוזאַמען מיט אייך, און דאַן...

מאַריץ: יאָ, דאָס איז אַ אויסגעצייכענטער פּלאַן און אַזאַ יונגעמאַן דאַרפסטו גאָרנישט לאַנג זוכען. מיין בעסטער קאָלעגע... (רופט) יוליוס! יוליוס!

פערצעהנטער אויפטריט.

די פריגע, יוליוס

יוליוס (קומט אַריין): אָך, פּרל...

מאַריץ (שטעלט פאָר): פרוי ליזע, מיין פרוי'ס שוועסטער, יוליוס גרינבלאַט. מיין בעסטער פריינד.

יוליוס: ווי עהנליך איהר זענט צו מיין פריינד'ס פרוי! ווען איך וואָלט נישט געוואוסט, אַז דאָס זענט איהר, וואָלט איך געמיינט, אַז דאָס איז זי.

מאַריץ (צו בערטאַ'ן): נו, געפעלט ער דיר?

בערטאַ (אין דער שטיל): יאָ.

מאַריץ: הער, יוליוס, דו ווייסט דאָך, אַז איך בין דיינער אַ אמת'ער פריינד, אַ גוטער ברודער, אַזוי ווי גאָט און גוטע לייט

ווילען, און אט האב איך בעשלאסען צו מאכען א סיורפריז. איך האב אין דיין אנוועזענהייט דיך פארגעשטעלט פאר מיין שוועגעריין און... דו ביזט איהר געפעלען, אזוי ווייט, אז זי האט בעשלאסען דא צו בלייבען.

יוליוס: דאס איז זעהר ליבענסווירדיג פון אייער זייט. וואס וועט אבער אייער שוועסטער זאגען?

בערטא: איך וועל אייך זאגען דעם אמת, איך מיט מיין שוועסטער ריידען מיר קיינמאל נישט צוזאמען. מיר קאנען קיינמאל צוזאמען נישט ריידען.

יוליוס און מאריק: וואס הייסט?

בערטא: ס'הייסט.. מיר זענען צוקריגט.

מאריק: און דיין שוועסטער האט עס מיר גארנישט געזאגט.

בערטא: וואס, בין איך פעראנטווארטליך פאר מיין שוועסטער? ס'איז גענוג, אז כ'זאג אייך, אז מירביידע קאנען צוזאמען נישט זיין.

מאריק: איך פערשטעה נישט, טא צו וואס זענט איהר אהערגעקומען?

יוליוס: יא, צו וואס זענט איהר אהערגעקומען?

בערטא: איהר זעהט דאך, אז זי איז גארנישט דא, זי איז אוועקגעפאהרען.

מאריק: אהא, איצט ווערט מיר שוין אלץ קלאר. דיין שוועסטער האט געמוזט אוועקפאהרען, ווייל זי איז מיט דיר צוקריגט, נישט צוליב איהר קראנקער פריינדין. א, ווי נידעריג מיין פרוי איז געפאלען, זי האט מיר געזאגט ליגענד!

יוליוס: אבער מיר איז נאך אלץ נישט קלאר, צו וואס האט איהר בעטויגט די גאנצע זאך, צו וואס האט זי געדארפט זיך מאכען אזוי צופרידען פון איהר שוועסטער'ס קומען און שפעטער אנטלויפען.

מאריק: יא, דא שטעקט עפעס א סוד...

בערטא: ... וועלכען איך וועל אייך ענטדעקען, אויב איך וועל בעקומען א פערזיכערונג, אז איהר וועט פון היינט אן בעסער

בעהאַנדלען אייער פרוי.

מ אָ ר י ץ: איך פערשטעה אייך נישט. נישט גענוג וואָס מיין פרוי איז מיט אייך צוקריגט און איז אַוועקגעפאָהרען, ווען איהר זענט צו איהר געקומען, נאָכדעם ווי איהר האָט זיך נישט געזעהן 5 יאָהר, נעהמט איהר זיך נאָך אָן פאַר איהר. זאָגט מיר, וואָס אַרט זי אייך?

ב ע ר ט אַ: אָ, זי צַרט מיך זעהר שטאַרק, אַלזאָ, אויב איהר ווילט, אַז איך זאָל אייך ענטדעקען דעם סוד, מוזט איהר מיך לאָזען אַ ווײַלע אַליין.

(מאָריץ און יוליוס קוקען זיך איבער איינער מיט'ן אַנדערן און זענען סוף כל סוף מסכים אַרויסצוגעהן).

פופצעהנטער אויפטריט.

ב ע ר ט אַ (וואַרפט אַראָב פון זיך דאָס רויטע קלייד, בלייבט צוריק אין ווייסען) איצט האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן די אונטריי מיין מאַן איז מיר, ווי ליב ער האָט מיך בעקומען, ווען ער האָט נאָר געמיינט, אַז איך בין נישט איך, נאָר מיין שוועסטער אָבער, וואָס וועט ער זאָגען, אַז ער וועט זעהן ווי מאוס ער איז אַריינגעפאַלען! איך מוז איהם אָבער אַראָבריסען די מאַסקע! (רופט) מאָריץ! מאָריץ!

זעכצעהנטער אויפטריט.

די פריגע, מאָריץ און יוליוס.

מ אָ ר י ץ און י ו ל י ו ס (קומען אַריין און בלייבען שטעהן ערשטוינט).

ב ע ר ט אַ: וואָס האָט איהר זיך אַזוי דערשראָקען? דאָס בין איך, בערטאַ, נישט ליזאַ.

מ אָ ר י ץ: איז דאָס אַלץ, אַלזאָ, נאָר געוועזן אַ שפּאַס?

י ו ל י ו ס: איהר האָט פון אונז חוזק געמאַכט?

ב ע ר ט אַ: נישט ווענִיגער ווי איהר פון מיר.

י ו ל י ו ס: הער, מאָריץ, דו זעהסט דאָך, אַז דו ביזט אַריינגעפאַלען. ווער פון היינט אָן אַ אַנדערער.

מ אָ ר י ץ: מילא, פערפאַלען, כ'מוז שוין בלייבען ביי איהר, נישט ביי איהר שוועסטער.

פאַרהאַנג.

פערלאג „יודיש“, ווארשא.

דער פערלאג „יודיש“ האט זיך געשטעלט דאס ציל ארויסצו־געבען אין יודיש דאס בעסטע און דאס שענסטע, וואס איז געשאפען געווארען ביי אונז און ביי אלע פעלקער אויף'ן געביט פון שענער ליטע־ראטור און וויסענשאפט, ביז אהער זענען ערשינען פאלגענדע ביכער:

1,2) קאנפעסיאן (ודוי) .... זשאן זשאק רוסא.

(„דאס בוך איז איינס פון יענע אונשטערבליכע ווערק, וואס דורך זיי דערקענט מען נישט בלויז אנדערע, נאר זיך אליין“. — פרייז 25 מארק.

3) די געשיכטע פון מיין קינדהייט. ל. נ. טאלסטאי.

(„דאס בוך שילדערט, גאוניש דאס לעבען פון אלטען רוסלאנד און דוזאמען דערמיט גיט עס אויך א ברייט בילד פון טאלסטאי'ס קינדהייט“) פרייז 20 מארק

4) געוועהלטע ערצעהלונגען .... מארק טווען.

(„ געלעכטער, הומאר און לייכטער שפילענדיגער וויץ — פון דעם זעגען געקנאטען מארק טוועג'ס שענסטע ערצעהלונגען“) פרייז 15 מ.

5,6) שטארקער פון טויט .... גיואי דע־מאפאסאן.

(„אין דיזמדאזיגען הייסען ראמאן איז מאפאסאן דערגאנגען צו דער העכסטער קינסטלערישער מדרגה פון שאפען און אלס ראמאן איז עס אפשר דער איין־איינציגער אין דער וועלט־ליטעראטור“). פרייז 22.50 מ.

7) די שטים פון בלוט .... דזשעק לאנדאן.

(„דאס איז א ברייטע, רייכע שילדערונג, ברייט און פריי ווי די אונענד־ליכע סטעפעס, איבער וועלכע דער גרויסער קינסטלער ד. לאנדאן האט צוויפיל געוואנדערט און צוויפיל געזעהן“). פרייז 11.25 מארק.

פערלאַג „יודיש" וואַרשא.

8) ברוך שפינאָזא .... ש. סטופניצקי.

(„שפינאָזא איז טייער דער גאַנצער מענשהייט, אָבער באַזמעהר אונז, יודען, און דעריבער איז כמעט דער חוב פאַר יעדען יודען זיך גרינדליך צו בעקאַנען מיט'ן גייסט און פילאָזאָפישער־שיטה"). פרייז 13.50 מ.

9,10) די פרוי .... אַ סטרינדבערג.

(„דער ראָמאַן „די פרוי" האָט ארויסגערופען א סענסאַציע אין אייראָפּא און האָט באַלד אויפגעשטעלט דעם אויטאָר אין די ערשטע רייען פון די וועלט־קינסטלער"). פרייז 25 מארק.

11) לינא I־טער באַנד, אויס דער סעריע, „לענדער און פעלקער", צו־זאַמענגעשטעלט דורך ד. קאַסעל און מ. בירנבוים.

(„דאָס דאָזיגע בוך בעהאַנדעלט אויספיהרליך די געאָגראַפישע לאַגע, קלימאַט, אמונה, מנהגים, מלוכה־פיהרונג און אָרט־לעבען פון לינע און אויך פון די קליינע מזרח־מלוכה'לעך, ווי: קאָרייע, מאַנדזשוריען, מאָנגאָליען א. אז. וו." (רייך אילוסטרירט). פרייז 16 מארק.

12) ווען קייטען קלינגען .... אַלגין.

(„אין דעמדאָזיגען בוך ווערט מייסטערהאַפט געשילדערט דער גרויזאַמער קאַמף געגען די צאַרישע צייטען און טורמעס, וואָס האָבען געפייניגט דעם פרייען גייסט פון רוסלאַנד") פרייז 13.50 מארק.

13,14) טויזענד און איין נאַכט.

(„דער נאָמען אַליין ברענגט עפּיס פער'כשופ'טען גרוס פון ווייטע שענע פאַנטאַסטישע יאָהרען, דאָס זענען יענע דופטיגע מעשה'לעך, וואָס וואַרפען אריין א גאָלדענעם גן־עדן־חלום אין דעם גרויען אייליגען הו־האַ פון לעבען") 2 בילער פרייז 27 מארק

ארטור שניצלער.

עפיזאד

פון בוך („אנאטאל“)

קאָמעדיע אין 1 אקט.

יודיש דורך זלמן זילבערצווייג.

תרע"ט
1919.

פערזאנען:

אנאטאל.
מאקס.
ביאנקא.

Drukarnia Piment i Szwabe, Warszawa, Sierakowska 4.

מ א ק ס'ס צימער, אין טונקעלע פארבען. טונקעלע ווייטע מאפעטען, טונקעל־רויטע פאָרטיערען. אין דער טיעף פון דער ביהנע אין דער מיט — א טיר. אויף לינקס פון צושויער — א צווייטע טיר. אין דער מיט צימער א גרויסער שרייב־טיש; אויף איהם שטעהט א לאָמפּ מיט א באַזשור; ס'ליגען ביכער און שרייב־מאטעריאלען. אויף דער רעכטער זייט פון אוואנסצענע א הויך פענסטער. אין רעכטען ווינקעל א אויוען, און ווייכען ס'שלייט א פייער. נעבען אויווען 2 נידריגע שטולען. צוגערוקט צו זיי שטעהט א טונקעל רויט שפאניש ווענטעל.

מ א ק ס (זיצט ביים טיש, רויכערט א סיגאר און לעזט א בריעף): „טייערער מאקס! איך בין ווידער דאָ. אונזער טרופּע, ווי איהר ווייסט ווארשיינליך פון די צייטונגען, בלייבט דאָ דריי חדשים. דער ערשטער אָוונד איז געווידמעט דער פריינדשאפט. היינט אין אָווענד וועל איך זיין ביי אייך. ביבי...“ ביבי... אך, דאָס איז דאָך ביאנקא... אויסגעצייכענט, איך וועל ווארטען... (מ'קלאפט) זאָל זי עס שוין זיין?... אריין!

א נ א ט א ל (קומט אריין מיט א גרויסען פאקעט, זעהט־אויס טרויעריג): גוטען אָווענד!

מ א ק ס: וואָס האָסטו עס?

א נ א ט א ל: איך זוך א היים פאר מיין פערגאנגענהייט.

מ א ק ס: וואָס מיינסטו דערמיט?

א נ א ט א ל (דערלאנגט איהם די ראל פאפיר).

מ א ק ס: נו?

א נ א ט א ל: איך ברענג דיר דאָ מיין גאנצע פערגאנגענהייט, די חלומות פון מיין גאנצע יוגענד: בעהאלט זיי ביי דיר.

מ א ק ס: ביטע זעהר. נור דו וועסט דאך מיר, געוויס, ער-

קלערן געניער?

אנאטאל: קאָן איך זיך זעצן?

מאקס: וואָס פאר'ע פראגע. פארוואָס ביזטו עפּעס אזוי יום-טוב'דיג?

אנאטאָל (זעצט זיך): כ'מעג פאררויכערן א סיגאר?

מאקס: ביטע! אָט האָסטו א פרישע סיגאר.

אנאטאָל (פעררויכערט א פאַרגעלעגטע סיגאר): אך-גרויסארטיג!

מאקס (אָנווייזענדיג אויפ'ן פאקעט, וועלכען אנאטאָל האָט אוועקגעלעגט אויפ'ן שראַנק): וועגען וואָס האנדעלט עס זיך?

אנאטאָל: פאר די דאָזיגע יוגענד-חלומות איז אין מיין וואוינונג מעהר נישטאָ קיין אָרט! איך פאָהר אוועק.

מאקס: אָ!

אנאטאָל: איך הויב אָן א נייע לעבען אויף אן'אונבעשטימטע צייט. צו דעם צוועק מוז איך זיין פריי און אליין, אונצוליב דעם רייס איך איבער מיט דער גאנצער פערגאנגענהייט.

מאקס: הייסט עס, אז דו האָסט אַ נייע געליבטע?

אנאטאָל: ניין — איך האָב נאָר דערוויילע אוועקגעוואָרפען די אלטע... (רייסט האסטיג איבער און ווייזט-אָן אויפ'ן פאקעט) איך וויל ביי דיר, ליבער פריינד, איבערלאָזען דאָס גאנצע ביסעל מיסט. דו זאָלסט עס היטען.

מאַקס: דו זאָגסט, מיסט! פארוואָס פערברענסטו עס בעסער נישט?

אנאטאָל: איך קאָן נישט.

מאקס: דאָס איז קינדיש.

אנאטאָל: דאָס איז א ספּעציעלע ארט טרייהייט מיינע. איך קאָן נישט פערגעסען קיין איינע פון די אלע, וועלכע איך האָב געליבט. ווען איך הויב אָן דורכצוּוואַרפען די אלע בריעף, בלומען און לאָקען — דו וועסט דאָך מיר ערלויבען א מאָל צוצוקומען צו דיר, כדי זיי א ביסעל דורכצוּוואַרפען — בין איך ווידער מיט זיי, לעבען זיי ווידער אויף און איך לעב ווידער איבער מיין ליבע צו זיי

מאקס: דו ווילסט, הייסט עס, ביי מיר אין וואוינונג, דיר איינאָרדנען בעגעגנישען מיט דיינע פריהערדיגע געליבטע?

אנאטאָל (כמעט נישט הערענדיג): טיילמאָל פֿאַלט מיר איין... אָ, ווען ס׳וואָלט עקזיסטירט עפּעס א מאגיש וואָרט און זיי וואָלטען ווידער אלע געקאָנט ערשיינען. ווען איך וואָלט געקאָנט מיט עפּעס א כשוף־וואָרט ארויסרופֿען זיי צום לעבען פֿון זייער נישט עקזיסטענץ.

מאקס: די דאָזיגע נישט עקזיסטענץ וואָלט, ווארשיינליך, געווען זעהר פֿערשידענארטיג.

אנאטאָל: יאָ, יאָ... שטעל דיר פֿאָר, אז איך זאָג ארויס דאָס דאָזיגע וואָרט...

מאקס: און אפשר וועט זיך ביי דיר געפֿונען דאָס מאגישע וואָרט... נו, צום ביישפּיל: „אָ, דו איינציגע, וועלכע איך ליב!"

אנאטאָל: יאָ, טאקע, איך וויל ארויסשרייען: „אָ, דו איינציגע וועלכע איך ליב...!" און פּלוצלונג וועלען זיי זיך באַווייזען: איינע פֿון עפּעס א קליין הייזעל פֿון דער פֿארשטאדט, א צווייטע פֿון איהר מאַנ׳ס א פּרעכטיגען סאלאָן, א דריטע פֿון דער טעאטער־גארדעראָבע..

מאקס: אזעלכע זענען פֿערהאַן מעהר!

אנאטאָל: מעהר — ריכטיג... א פּירטע פֿון א מאדע מאגאזין.

מאקס: א פֿינפֿטע פֿון די ארעמס פֿון איהר נייעם ליבהאָבער...

אנאטאָל: א זעקסטע פֿון קבר... א זיבעטע פֿון ערגעץ וואו ס׳איז, א אכטע... און אלע קומען זיי זיך דאָ צוזאמען...

מאקס: זאָג בעסער נישט ארויס דיין כשוף־וואָרט, די דאָזיגע פֿערזאמלונג קאָן ווערען נישט אנגענעהם. ס׳קאָן זיין, אז זיי האָבען דיך אלע אויפֿגעהערט צו ליבען — נאר קיין איינע פֿון זיי האָט נישט אויפֿגעהערט צו זיין אייפֿערזיכטיג אויף דיר.

אנאטאָל: א זעהר קלוגע עצה... לאָמיר זיי לאָזען אין זייער רוה.

מאקס: הייסט עס, אז איצט דארף מען אויסזוכען א אָרט פֿאַר׳ן דאָזיגען פּרעכטיגען פּאקעט.

אנאטאָל: איצט וועט מען איהם עפֿנען. (רייסט אויף דעם פּאקעט; ס׳באַווייזען זיך צעפּלאָצטע צוגעבונדענע פּעקלעך מיט בענדלעך).

מאקס: אָ!

אנאטאָל: אלץ איז אין בעסטען אָרדנונג.

מ א ק ס : לויט די נעמען?

א נ א ט א ל : אָ ניין. יעדעס פעקעל האָט עפּעס א אויפשריפט: לידער, ווערטער, א בעמערקונג, וועלכע רופט ארויס אין מיין זכרון דאָס איבערגעלעבטע. קיין שום נאמען נישט; ווארום מאריע אדער אננא קאָן זיך דאָך יעדע איינע רופען.

מ א ק ס : לעז עפּעס איבער.

א נ א ט א ל : וועל איך אייך אַלע דערקענען? אויף פיעל פון די זאכען, וועלכע ליגען דאָ, האב איך שוין איניגע יאָהר נישט געקוקט.

מ א ק ס (נעמט איין פעקעל אין האנד און לעזט די איבערשריפט):

דו כשפים-פול, מיין שענע ווילדע,

לאָז קלאמערן דיך אין מיינע אָרעס, —

און ס׳העלזועל, הערליכע מאטילדע

ווי קאָן איך קושען דיך מיט שטורם!

און אָט איז ווי זי הייסט — מאטילדא!

א נ א ט א ל : יאָ, מאטילדא. — איבריגענס, מ׳האָט זי אויך אנדערש גערופען. איך פלעג זי שטענדיג קושען אין האלז.

מ א ק ס : ווער איז זי?

א נ א ט א ל : פרעג נישט... זי איז געלעגען אין מיינע אָרעמס, און דאָס איז גענוג.

מ א ק ס : נו, לאָמיר מע׳ר נישט ריידען וועגען מאטילדא׳ן. דאָס פעקעל איז איבריגענס זעהר דין.

א נ א ט א ל : יאָ, אין איהם געפונט זיך נאָר אַ לאָק.

מ א ק ס : און קיין איין בריף נישט?

א נ א ט א ל : פון איהר? דאָס וואָלט איהר פערשאפט פיעל ארבייט. און אויסערדעם וואָס וואָלט פון אונז געוואָרען, ווען אלע פרויען וואָלטען אונז געשריבען בריף.

מ א ק ס (לעזט די איבערשריפט אויף א צווייט פעקעל): „אין איין אינזיכט זענען אלע פרויען גלייך: זיי ווערען פרעך, ווען מ׳כאפט זיי ביי א ליגען".

א נ א ט אָ ל : יאָ, דאָס איז אמת!

מ א ק ס : ווער איז זי געווען? א שווער פעקעל!

אנאטאָל: אלץ זייטען פיל מיט ליגענס! ווארף עס אוועק!

מאקס: זי איז אויך געווען פרעך?

אנאטאָל: ווען איך האָב זי געפאקט. ווארף זי אוועק.

מאקס: יאָ, מיר וועלען אוועק ווארפען די פרעכע ליגנערין.

אנאטאָל: בעליידיג זי נישט. זי איז געלעגען אין מיינע ארעמס: זי איז אונבעריהרליך.

מאקס: נו, יאָ, א גענוגענדער מאָטיוו. נאָר לאָמיר ווייטער לעזען. (לעזט ווייטער)

וועו נאָר איך וויל מיין בענקעניש פערטרייבען
דערמאָנט זיך אין זכרון שטענדיג מיר דיין מאָן.
און פלוצלונג: שטראַלט אין פנים אויף א שמייכעל
צו ווילען די נשמה איז דאָך וואָס פארהאַן.

אנאטאָל: אָך, יאָ, דאָס איז די.

מאקס: א — וואָס איז דאָס?

אנאטאָל: א פאטאגראפיע. זי מיט'ן חתן.

מאקס: די האָסט איהם געקענט.

אנאטאָל: פערשטעהט זיך, אז נישט וואָלט איך דאָך נישט געשמייכעלט. ער איז געווען א נאר.

מאקס (ערנסט): ער איז געלעגען אין איהרע אָרעמס: ער איז אונבעריהרליך.

אנאטאָל: נו, גענוג!

מאקס: לאָמיר איבערלאָזען די פרעהליכע שטפערין מיט איהר לעכערליכען חתן. (נעמט א נייע פעקעל) וואָס איז דאָס? נאָר איין וואָרט?

אנאטאָל: וואָס?

מאקס: א „פאטש".

אנאטאָל: יאָ, איך געדענק.

מאקס: דאָס איז, ווארשיינליך, געווען צום סוף?

אנאטאָל: אָ, ניין, אין אָנהייב.

מאקס: אזוי! און אָט איז... „ס'איז לייכטער צו ענדערן די ריכטונג פון פלאמען, ווי זי אָנצוצינדען". וואָס בעדייט דאָס?

אנאטאָל: נו, יאָ, איך האָב געענדערט די ריכטונג פון

די פלאמען און אָנגעצונדען האָט זיי א אנדערער.

מאקס: נו לאָמיר דאָס אריינוואַרפען פאַר די פלאַמען... „שטענדיג די צוואנג אין טאש" (קוקט פרעגענד אויף אנאטאָלן).

אנאטאָל: נו, יאָ; זי פלעגט שטענדיג מיטנעמען מיט זיך א צוואנג — אויף יעדען פאַל. נאָר זי איז געווען זעהר שעהן. ביי מיר איז פון איהר געבליבען נאָר א שטיקעל פון איהר וואואל!

מאקס: יאָ, קענטיג אזוי. (ליעזט ווייטער) „ווי אזוי האָב איך דיך פערלוירען?" ווי אזוי האָסטו זי טאקע פערלוירען?

אנאטאָל: דאָס ווייס איך נישט. זי איז פערשוואונדען — זי איז אונגרוואַרטעט פערשוואונדען פון מיין האָריזאָנט. נו, יאָ, דאָס טרעפט דאָך טיילמאָל. פונקט אזוי, ווי צום ביישפּיל, דו לאָזט ערגעץ וואו איבער א שרים און ערשט אין אייניגע טעג ארום דערמאנסטו זיך... און דו ווייסט נישט, וואו און ווען.

מאקס: נו, זאָלען די גוטע יאָהר נעמען אָט די פערלוירע־נע. (ליעזט ווייטער). דו ביזט געווען „א וואויל און ליב קינד".

אנאטאָל (פערבענקט): „דאָס מיידעל מיט די צושטאָכענע פינגער".

מאקס: דאָס איז געווען קאָרא — נישט אמת?

אנאטאָל: יאָ — דו ביזט דאָך געווען בעקאַנט מיט איהר.

מאקס: און דו ווייסט וואָס ס'איז שפּעטער מיט איהר געוואָרען?

אנאטאָל: איך האָב זי שפּעטער ווידער געטראָפען — אלס פרוי פון א טישלער.

מאקס: אזוי!

אנאטאָל: דאָס איז שטענדיג דער סוף פון די מיידלעך מיט די צושטאָכענע פינגער. אין דער שטאָדט ליבט מען זיי און אין די פאָרשטעדט האָבען זיי חתונה. דאָס איז געווען א פרעכטיג מיידעל!

מאקס: נו, ווייטער! וואָס איז דאָס? „עפּיזאָד", אינוועניג איז קענטיג, לעדיג?... שטויב!

אנאטאָל (נעמט אין דער האנד אריין דעם קאָנווערט): שטויב?... אמאָל איז דאָרט געלעגען א בלימעל!

מאקס: וואָס הייסט עס א „עפּיזאָד“?

אנאטאָל: אַך, גאָרנישט, א געדאנק, וועלכער איז מיר צו־פעליג געקומען אין קאָפּ אריין. דאָס איז געווען נאָר א עפּיזאָד, א ראָמאַן, וואָס האָט געדויערט 2 שעה... און מער גאָרנישט! יאָ, שטיב!... און פון דעם גאַנצן גליק איז מעהר נישט געבליבען. טרויריג — נישט אמת?

מאקס: יאָ, ווירקליך טרויריג... נאָר ווי אזוי איז דיר איינגעפאַלען דאָס דאָזיגע וואָרט? מיר דאַכט זיך, אז מ'האָט אויף אלע געקאָנט מאַכען אזא אויפשריפט?

אנאטאָל: אמת; נאָר קיינמאָל איז מיר נישט איינגעפאלען דער דאָזיגער געדאנק ווי אין דאָזיגען פאַל. אָפט, ווען איך האָב געהאט א געוויסע פערבינדונג, איבערהויפּט אין די פריהערדיגע צייטען, ווען איך האָב זיך נאָך געהאלטען שיער נישט פאר א גרויסען מענש, האָב איך נישט ווילענדיג געטראַכט: אָרים, אומגליקליך קינד!...

מאקס: פאַרוואָס?

אנאטאָל: דערפאר ווייל מיר האָט זיך געדאַכט, אז איך געהער צו די שטארקע גייסטער, אז די אלע מיידלעך און פרויען... איך האָב זיי דערשטיקט ווען איך האָב זיי געטראָפען אויף מיין לעבענסוועג. אזוי ג'יז דאָס געזעץ פון דער נאטור, האָב איך זיך געטראַכט — און איך דארף אריבער שפּרייזען איבער זיי.

מאקס: דו ביזט געווען א שטורם־ווינד, וואָס קעהרט אָב די בלומען... נישט אמת?

אנאטאָל: יאָ! איך האָב זיך דורכגעטראָגען ווי א שטורם ווינד. דערפאר פלעג איך דאָס טראַכטען: אָרעם, אומגליקליך קינד. נאטירליך האָב איך געהאט א טעות. איצט ווייס איך, אז כ'געהער נישט צו די גרויסע און, וואָס ס'איז בעזונדערס שמערצליך, אז כ'דארף זיך נישט טוען זיין אויפ'ן דאָזיגען חשבון. נאָר דאָן...

מאקס: אָבער וואָס בעווייזט דאָס „עפּיזאָד“?

אנאטאָל: יאָ, דאָס איז אזוי געווען... זי האָט זיך מיר צופעליג געשטעלט אין מיין וועג.

מאקס: און דו האָסט זי צוטרעטען.

אנאטאָל: יאָ — זי, דאַכט זיך, האָב איך ווירקליך צו־

פרעטען.

מאקס: או!

אנאטאָל: יאָ, אָבער הער נאָר אויס... דאָס איז אייגענט־ליך דאָס בעסטע פון אלעם וואָס איך האָב איבערגעלעבט... איך קאָן דיר דאָס נישט דערצעהלען...

מאקס: פאַרוואָס?

אנאטאָל: דערפאַר, ווייל די גאנצע געשיכטע איז אזוי איינפאַך, ווי מ׳קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען... זי בעזיצט נישט... קיין שום בעזונדערעס... דו וועסט נישט פערשטעהן די דאָזיגע שעהנ־הייט.

מאקס: נו...?

אנאטאָל: שטעל דיר פאָר, איך זיץ ביי דער פיאנא... א צימער, אין וועלכען איך האָב דעמאָלס געוואוינט... אָווענד צייט... איך בין מיט איהר בעקענט ערשט צוויי שעה... ס׳ברענט מיין לאמ־פערן מיט די גרינע און רויטע גלעזלעך — איך דערמאָהן דעם דאָזיגען לאמטערן, ווייל ער שפילט דאָ מיט א געוויסע ראָלע.

מאקס: נו?

אנאטאָל: נו! זיץ איך מיר אזוי ביי דער פיאנא. זי ליגט ביי מיינע פיס, אזוי, אַז איך קאָן נישט צוקומען צום פעדאל. איהר קאָפ ליגט אויף מיינע קניען, און איהרע געפלאָכטענע האָר גלאַנ־צען דאָ מיט׳ן גרינעם, דאָ מיט׳ן רויטען ליכט פון דער לאמטערן. איך פאנטאזיר אויף די קלאווישען, נאָר מיט דער איינ׳ר לינקער האנד, די רעכטע דריקט זי צו צו איהרע ליפען.

מאקס: נו?

אנאטאָל: דו שטענדיג מיט דיינע אבוואַרטענדע „נו"... אייגענטליך איז מעהר גאָרנישט... איך האָב זיך מיט איהר געקענט ערשט צוויי שעה, איך האָב געוואוסט, אַז נאָכ׳ן דאָזיגען אָווענד וועל איך זי, וואַרשיינליך, מעהר קיינמאָל נישט זעהען — זי האָט עס מיר אליין געזאָגט — און איך האָב אין דאָזיגען מאָמענט גע־פיהלט, אז זי ליבט מיך אָהן א שיעור. איך בין געווען אינגאנצען פערלאָפט פון דאָזיגען געפיהל — די גאנצע לופט איז געווען פער׳שכור׳ט און געטעמט מיט׳ן ארומאט פון דער דאָזיגער ליבע...

דו פֿערשטעהסט? (מאקס שאָקלט מיט'ן קאָפּ) און פּלוצלונג איז מיר אין קאָפּ ווידער איינגעפֿאלען א נארישע גאוה'דיגער געדאנק: אָרים, אומגליקליך קינד. און איך אנערקען דייטליך ווי צופֿעליג די גאנצע זאך איז. איך פֿיהל אויף מיין האנד דאָס הייסע עטעמען פֿון איהר מויל, נאָר איך האָב שוין אלץ איבערגעלעבט אין מיין פֿאנטאזיע. אלץ איז שוין געווען געענדיגט. און זי איז ווידער געוואָרען פֿאר מיר איינע פֿון די, איבער וועלכע איך מוז אריבער שפּרייזען. אָט דעמאָלט איז עס מיר איינגעפֿאלען דאָס דאָזיגע וואָרט, דאָס גרויזאמע וואָרט „עפּיזאָד". און אין דער צייט האָב איך זיך אליין בעטראכט אלס א אייביגען... איך האָב געוואוסט. אז דאָס „אָרימע אומגליקליכע קינד" וועט קיינמאָל נישט פֿערגעסען די דאָזיגע שעה'ן, איך האָב עס אין איהר געפֿיהלט. טיילמאָל אין אזעלכע פֿאלען פֿיהלסטו דייטליך, אז „מארגען אין דער פֿריה וועט זי דיך פֿערגעסען". דעמאָלט אָבער איז געווען גאָר עפּעס אנדערש. פֿאר די וועלכע איז געלעגען ביי מיינע פֿיס, בין איך געווען א גאנצע וועלט, איך האָב געפֿיהלט מיט וואָס פֿאר'ע אונענדליכע און אונבעגרעניצטע ליבע זי האָט מיך אין דאָזיגען מאָמענט ארומגענומען. דאָס פֿיהלט זיך: פֿאר מיר איז דאָס געווען זעהר קלאָר. אין דאָזיגען מאָמענט האָט זי, זיכער, נישט געקאָנט וועגען עפּעס אנדערש טראכטען, זי האָט געטראכט וועגען מיר — נאָר וועגען מיר. פֿאר מיר אָבער איז זי שוין געווען עפּעס פֿערגאנגענעס, פֿאראיבערגעהענדעס, פּשוט א עפּיזאָד.

מ א ק ס: וואָס איז זי אייגענטליך געווען?

א נ א ט אָ ל: וואס זי איז געווען? דו האָסט דאָך זי געקענט. — מיר האָבען זיך מיט איהר בעקענט איינמאָל אין אָווענד אין א לוסטיגע געזעלשאפֿט, און דו האָסט זי, ווי דו האָסט ערקלערט, נאָך פֿריהער געקענט.

מ א ק ס: אָבער ווער איז זי דאָס אזעלכע? וועניג מיידלעך האָב איך געקענט פֿון פֿריהער. דו שילדערסט דאָך זי ביים ליכט פֿון דיין לאמטערן, כמעט א לעגענדאריש בילד.

א נ א ט אָ ל: יאָ — אין דער ווירקליכקייט איז זי נישט געווען אזא. דו ווייסט, ווער דאָס איז געווע? — איך וועל באלד

צושטער׳ן די גאנצע בעצויבערונג.

מאקס: הייסט עס, זי איז געווען — ?

אנאטאָל (שמייכלענדיג): זי איז געווען אָנגעשטעלט אין...

מאקס: אין טעאטער?

אנאטאָל: ניין — אין צירק.

מאקס: ס׳קאָן נישט זיין!

אנאטאָל: יאָ, דאָס איז געווען ביאנקא. איך האָב דיר ביז היינט נישט דערצעהלט, אז איך האָב זי נאָך געטראָפען נאָכ׳ן דאָזיגען אָוונד און זי האָט אויף מיר גישט געמאכט קיין שום איינדרוק.

מאקס: און דו מיינסט ווירקליך, אז ביבי האָט דיך געליבט?...

אנאטאָל: יאָ, זי — זיכער. אין אכט אָדער צעהן טאָג ארום נאָכ׳ן דאָזיגען יום-טוב האָבען מיר זיך געטראָפען אויפ׳ן גאס... צו מאָרגענס איז זי מיט דער טרופּע אָבגעפאָהרען קיין רוסלאנד.

מאקס: דער מאָמענט איז, הייסט עס, געווען דער פאסיגסטער.

אנאטאָל: איך האָב פריהער געוואוסט, אז פאר דיר ווגט אלץ זיין צושטערט. דו קאָנסט נאָך נישט פיהלען דעם אמת׳ן סוד פון דער ליבע.

מאקס: טאָ אין וואָס געפונסטו דו דאָס רעטעניש פון דער פרוי?

אנאטאָל: אין דער שטימונג.

מאקס: אך — דו דארפסט האָבען דעמערונג, דיין לאמ־טערן מיט די גרינע און רויטע גלעזער... דיין שפּילען אויף דער פּאנא.

אנאטאָל: יאָ, ריכטיג. דאָס אלץ גיט מיין לעבען אזוי־פיעל פערשידענקייט און אלערליי פערוואנדלונגען, אז איין פארב קאָן מיר פערטוישען די גאנצע וועלט. וואָס איז פאר דיר און פאר טויזענדער דייגסגלייכענס דאָס דאָזיגע מיידעל מיט די גלאנצענדע האָר, וואָס פאר׳ע בעדייטונג האָט ביי אייך דער לאמטערן פון וועלכען דו שפעטסט אָב! אַ צירק־רייטערין און א רויט־גרין גלאָז מיט אנ׳אָנגעצונדען ליכט! וואָס איז דאָ פארהאַן פאר׳ע בעצויבערונג? לעבען, נאטירליך, קאָנט אידר, נאָר איבערלעבען קאָנט איהר גאָר־

נישט. איהר לאָזט זיך גראָד אריין אין עפּעס א געשעהעניש, מיט א פערמאכטע נשמה, און זי ווערט פאר אייך מאָנאָטאָן! נאָר פון מיין נשמה, יאָ, פון מיר שטראָמט א שטראהל פון טויזענדער פייערס און פארבען, און איך קאָן פיהלען דאָרט, וואו איהר געניסט נאָר.

מאקס: דיין „שטימונג" איז ווירקליך א בעצויבערענדע קוועלע. די אלע, וועלכע דו ליבסט, נעמען זיך פריהער דערמיט איבער און גיבען צו דיינע אוואנטורעס א בעזונדערען חן און שעהנקייט, מיט וועלכען דו אליין בערוישט זיך...

אנאטאָל: דו קאָנסט דיר די זאך פערשטעהן, ווי דו ווילסט.

מאקס: און וואָס אנבעלאנגט דיין צירק־רייטערין איז דיר שווער מיר צו בעווייזען, אז זי האָטביים שיין פון גרין־רויטען לאמטערן געפיהלט אזעלכע געפיהלען ווי דו.

אנאטאָל: איך האָב אָבער געפיהלט, וואָס האָט זי געפיהלט ווען זי איז געלעגען אין מיינע אָרעמס.

מאקס: איך קאָן דאך אָבער אויך דיין ביאנקע און נאך

אנאטאָל: בעסער ווי דו?

מאקס, יאָ, בעסער. דערפאר ווייל מיר האָבען נישט געליבט איינער דעם אנדערן. פאר מיר איז זי נישט געווען קיין לעגענדאריש געשטאלט, פאר מיר איז זי פשוט איינע פון די טויזענדער געפאלענע, וועלכע די פאנטאזיע פון א טרוימער בעשענקט מיט א נייער אונשולד. פאר מיר איז זי נישט בעסער ווי הונדערטער אנדערע, וועלכע שפרינגען דורך די רייפען אָדער שטעהן אין די קורצע קליידלעך אלס כטאגיסטקעס אין א פאנטאָמינע.

אנאטאָל: אזוי... אזוי...

מאקס: זי האָט אויך נישט געהאט קיין שום בעזונדערעס. נאָר איך האָב געזעהן וואָס זי איז אין דער ווירקליכקייט, און דו האָסט אין איהר געפונען דאָס, וואָס זי האָט בכלל נישט. פון דיין רייך און שעהן לעבען האָסטו איבערגעגאָסען דיין פאנטאסטישע יוגענדהייט און טעמפעראמענט אין איהר נישטיג הארץ — און דאָס וואָס האָט פאר דיר א בליק געטהון, איז געווען א אָבגלאנץ פון דיין אייגען ליכט.

אנאטאָל: ניין. דאָס פּלעגט טאַקע מיט מיר טײלמאָל כּרע-פּען, נאָר דאָס מאָל איז נישט אזוי דער פאַל. איך וויל זיך זי נישט פאַרשטעלען בעסער, ווי זי איז געווען. איך בין נישט געווען דער ערשטער און נישט דער לעצטער ... איך בין געווען...

מאקס: ווער ביזטו דאָס אזוינס געווען?... איינער פון פיעל. זי איז געלעגען אין דיינע אָרעמס פונקט אזוי ווי אין די אָרעמס פון אנדערע... א פּרוי אין מאָמענט פון איהר העכסטע ראָלע.

אנאטאָל: צו וואָס האָב איך מיט דיר אזויפיעל גערעדט? דו פערשטעהסט מיך נישט.

מאקס: אָ, ניין. דו האָסט מיך שלעכט פערשטאנען. איך האָב נאָר געוואָלט זאָגען, אז דו האָסט, אפשר, געפיהלט די גרעס-טע בעצויבערונג אין דער צייט, ווען זי האָט געפיהלט דאָסזעלבע וואָס זי אין פיעל אנדערע פאַלען און דערצו נאָך פריהער. דו מיינסט אז פאר איהר איז אויך די וועלט געווען אזוי הערליך?

אנאטאָל: דו האָסט זי זעהר גוט געקענט?

מאקס: יאָ, מיר פּלעגען זיך אָפט טרעפען אין דער לוס-טיגער געזעלשאפט, אין וועלכע דו ביזט אמאָל אריינגעפאלען מיט מיר.

אנאטאָל: און דאָס איז אלץ?

מאקס: אלץ. נאָר מיר זענען געווען גוטע פריינד. זי איז געווען א שארפזיניגע; מיר האָבען גערן געפּלוידערט איינער מיט'ן אנדערן.

אנאטאָל: און דאָס איז אלץ?

מאקס: אלץ.

אנאטאָל: און זי האָט...מיך פאָרט געליבט...

מאקס: לאָמיר ווייטער לעזען... (נעמט אין דער האנד דאָס פּעקעל) „אָ, זי, גרינגע איגען, ווען איך וואָלט געוואוסט די בעדיי-טונג פון דיין שמייכעל“...

אנאטאָל: לאָמיר ריידען צו דער זאך: דו ווייסט אז די גאנצע טרופּע איז ווידער אהערגעקומען צו פאָהרען?

מאקס: יאָ, און זי איז אויך דאָ.

אנאטאָל: בעסטימט?

מאקס: אָהן ספק, און איך וועל זי זאָגאר זעהן היינט אין אָוונעד.

אנאטאָל: וואָס? דו? דו ווייסט וואו זי וואוינט?

מאקס: ניין. זי האָט מיר געשריבען, אז זי וועט קומען צו מיר.

אנאטאָל (אויפשפרינגענדיג פון שטול): וואָס? און דו זאָגסט עס מיר ערשט איצט?

מאקס: וואָס אינטערעסירט עס דיך? דו ווילסט דאָך זיין „פריי און איינזאם".

אנאטאָל: הער אויף!

מאקס: און אויסערדעם איז נישט פאַרהאַן קיין שמערצליכערע זאך ווי א אויפגעפרישטע בעצויבערונג.

אנאטאָל: דו האלסט, אז?

מאקס: איך האלט, אז דו דארפסט היטען מיט איהר זיך נישט צו טרעפען.

אנאטאָל: דערפאַר ווייל זי קאָן ווידער ווערען געפעהרליך פאַר מיר?

מאקס: ניין — נאָר דערפאַר ווייל דעמאָלט איז דיר געווען אזוי גוט. גיה בעסער אהיים מיט דיינע זיסע עראינערונגען. מ'דארף נישט אזעלכע זאכען איבערלעבען נאָך אמאָל.

אנאטאָל: דו קאָנסט דאָך נישט ערנסט מיינען, אז איך דארף זיך אָבזאָגען פון דער בעגעגעניש, וועלכע איך קאָן דאָ איצט אזוי לייכט האָבען מיט איהר.

מאקס: זי איז קלוגער פאַר דיר. זי האָט דיר נישט געשריבען... איבריגענס, קאָן זיין דערפאַר ווייל זי האָט דיך פערגעסען.

אנאטאָל: נארישקייטען!

מאקס: דו האלסט דאָס פאַר אונמעגליך?

אנאטאָל: איך לאַך דערפון.

מאקס: לאַך, לאַך.

אנאטאָל: אך, די שעה וועלכע מיר האָבען דעמאָלט איבערגעלעבט!

מאקס: נו?

אנאטאָל: דאָס איז געווען איינע פֿון די שעה׳ן, וועלכע בלייבען אייביג אין זכרון.

מאקס: איך הער געהן אין קאָרידאָר.

אנאטאָל: ס׳קאָן זיין, אז דאָס איז זי.

מאקס: געה אוועק — געה אַרויס דורך מיין שלאָפֿצימער.

אנטאָל: וואָס בין איך משוגע געוואָרען, צי וואָס?

מאקס: געה בעסער אוועק. — צו וואָס ווילסטו צושטערען דיין חלום?

אנאטאָל: איך בלייב דאָ. (ס׳דערהערט זיך א קלאפּ)

מאקס: געה אוועק: געה זאָפֿאָרט אוועק!

אנאטאָל (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ).

מאקס: טאָ שטעל דיך דאָ אוועק, אז זי זאָל דיך, כאָטש, נישט באלד דערזעהען — אָט אזוי... (שטופּט איהם צו צום אויוען אזוי׳ אז ער איז געוויסערמאסען פֿערשטעלט מיט׳ן שפּאנישען ווענדטעל)

אנאטאָל (אָנלעהנענדיג זיך אויפ׳ן אויוען): זאָל זיין. (ס׳דערהערט זיך ווידער א קלאפּ).

מאקס: אריין!

ביאנקא (קומט אריין און רעדט אויפֿגעלעבט): גוטען אָוועגד, טייערער פֿריינד, און אָט בין איך ווידער צוריקגעקומען.

מאקס (דריקענדיג איהר די האנד): גוטען אָוועגד, טייערע ביאנקא. דאָס איז, עהרענוואָרט, זעהר שעהן פֿון אייער זייט, זעהר שעהן!

ביאנקא: איהר האָט בעקומען מיין בריעף? איהר זענט דער ערשטער און דער איינציגער.

מאקס: איהר קאָנט זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלען, ווי איך בין שטאָלץ דערויף.

ביאנקא: נו, און וואָס מאכען די איבריגע, אונזער געזעלשאפֿט? זי עקזיסטירט נאָך ווייטער? מיר וועלען זיך ווייטער צוזאמענקומען יעדען אָוועגד נאָך דער פֿאָרשטעלונג?

מאקס (העלפֿט איהר זיך אויסטון): ס׳זענען געווען אוועגדען, ווען איהר פֿלעגט אהין נישט קומען.

ביאנקא: נאָך דער פֿאָרשטעלונג?

מאקס: יאָ, ווען איהר פֿלעגט באלד נאָך דער פֿאָרשטעלונג-ערגעץ וואו פֿערשוואונדען.

ביאנקא (שמייכלענדיג): א, יאָ... ריכטיג... ווי גוט ס'איז, אז מ'רעדט אזוי איינפאַך — אָהן שום אייפערזוכט! מ'דארף שטענדיג האָבען אזעלכע פֿריינד ווי איהר...

מאקס: יאָ, יאָ, געוויס.

ביאנקא: וועלכע ליבען און קוועלען נישט.

מאקס: און דאָס האָט ביי אייך זעלטען געטראָפֿען!

ביאנקא (בעמערקענדיג אנאטאָל'ס שאָטען): איהר זענט נישט אליין.

אנאטאָל (געהט ארויס און פֿערנייגט זיך).

מאקס: א אלטער בעקאנטער.

ביאנקא (אויפֿהויבענדיג א לאָרנעטע צו די אויגען): אך...

אנאטאָל (צוגעהענדיג נענטער): פֿריילין...

מאקס: א סיורפריז, ביבי, הא?

ביאנקא (א ביסעל פֿערלעגען, זי בעמיהט זיך, קענטיג, עפּעס צו דערמאָנען): אך—מיר זענען דאָך ווירקליך בעקענט.

אנאטאָל: געוויס, ביאנקא.

ביאנקא: ריכטיג — מיר זענען זיכער גוט בעקענט.

אנאטאָל (דריקט אויפֿגערעגט מיט בידע הענד איהר רעכטע האנד): ביאנקא...

ביאנקא: וואו איז דאָס אָבער געווען, וואו מיר האָבען זיך געטראָפֿען... וואו... אך, יאָ!

אנאטאָל: איהר דערמאָנט זיך...

ביאנקא: יאָ... נישט אמת... אין פּעטערבורג?

אנאטאָל (לאָזט האסטיג ארויס איהר האנד): דאָס איז געווען נישט אין פּעטערבורג, פֿריילין... (געהט צו דער טיר)

ביאנקא (דערשראָקען, צו מאקס'ן): וואָס איז מיט איהם?.. איך האָב איהם בעליידיגט?

מאקס: ער אנטלויפֿט... (אנאטאָל פֿערשווינדט אין דער הינטערשטער טיר)

ביאנקא: אָבער וואָס בעדייט דאָס?

מאקס: איהר האָט איהם דען נישט דערקענט?

ביאנקא: כ'האָב איהם יאָ דערקענט... נאָר כ'קאָן זיך נישט גוט דערמאָנען וואו און ווען?

מאקס: אָבער, ביבי, דאָס איז דאָך געווען אנאטאָל!

ביאנקא: אנאטאָל?... אנאטאָל?..

מאקס: אנאטאָל... די פיאנא... דער לאמטערן... א רויט-גריי-נער שיין... אָט דאָ אין דער דאָזיגער שטאָדט — מיט 3 יאָהר צוריק...

ביאנקא (נימ זיך אקלאפּ אין שטערן): וואו זענען געווען מיינע אויגען? אנאַטאָל! (צולויפענדיג צו דער טיר) איך וועל איהם צוריק רופען... (עפענט די טיר) אנאטאָל! (לויפט ארויס היגטער דער ביהנע, אין קאָרידאָר) אנאטאָל! אנאטאָל!

מאקס (שטעהט, שמייכלענדיג, דערנאָך געהט ער נאָך איהר צו צו דער טיר): נו, וואָס?

ביאנקא (צוריקקומענד): ער מוז שוין זיין אויף דער גאס ערלויבט! (עפענט שנעל א פענסטער): אָט געהט ער!

מאקס (הינטער איהרע פלייצעס): יאָ, דאָס איז ער!

ביאנקא (רופט): אנאטאָל!

מאקס: ער וועט אייך נישט דערהערען.

ביאנקא (קלאפּענדיג מיט די פיס): א שאָד... איהר וועט איהם מוזען בעטען פאַר מיר ענטשולדיגונג. איך האָב איהם בעליי-דיגט, דעם גוטען, ליבען מענש.

מאקס: איהר האָט זיך איהם דעמאנט?

ביאנקא: יאָ, פערשטעהט זיך, נאָר... ער איז זעהר עהנליך גלייך איינעם אין פעטערבורג.

מאקס (זי בערוהיגענד): איך וועל איהם דאָס ערקלערען.

ביאנקא: יאָ, איהר זאָלט איהם אויך זאָגען, אז מ'טראַכט נישט דריי יאָהר וועגען א מענש, און דו דערזעהסט איהם פלוצ-לונג, קאָן מען נישט אלץ געדענקען.

מאקס: איך וועל פערמאכען דאָס פענסטער. ס'ציהט פון איהם א קעלט. (פערמאַכט דאָס פענסטער).

ביאנקא: איך וועל דאָך איהם נאָך זעה, אין דער צייט וואָס איך וועל דאָ פערבלייבען?

מאקס: ווארשיינליך. נאָר איך וויל איך עפּעס ווייזען (נעמט אקאָנזערט פון שרייב טיש און דערלאנגט איהר).

ביאנקא: וואָס איז דאָס?

מאקס: דאָס איז א בלימעל, וואָס איהר האָט געטראָגען יענעם אָוועגד — יענעם אָוועגד.

ביאנקא: ער האָט עס אַוועקגעלעגט?

מאקס: איהר זעהט דאָך.

ביאנקא: הייסט עס, אז ער האָט מיך געליבט?

מאקס: הייס, שטארק און אייביג — אזוי ווי די אלע. (ווייזט אויף די פּעקלעך).

ביאנקא: וואָס, ווי די אלע? וואָס מיינט איהר דאָס? די אלע זענען בלומען?

מאקס: בלומען, בריף, לאָקען, פאָטאָגראפיעס. מיר האָבען זיי נאָר וואָס פינאנדער גע'סדר'ט.

ביאנקא (אויפגעציטערט): לויט פערשידענע אבטיילונגען?

מאקס: קענטיג, אז יאָ.

ביאנקא: טאָ אין וועלכע בין איך אריינגעפאלען?

מאקס: מיר דאכט זיך, אז אין די! (ווארפט אריין א קאָפערט אין אויוען)

ביאנקא: אָ...

מאקס (פאר זיך): איך בין זיך פאר דיר נוקם, פריינד אנאטאָל, וויפיעל כ'קאָן נאָר.. (הויך) יאָ. אזוי איז עס, נאָר איהר דארפט זיך ניט אויפרעגען... זעצט זיך דאָ אהער נעבען מיר און דערצעהלט מיר עפּעס פון אייער לעבען פון די לעצטע דריי יאָהר.

ביאנקא: איך בין מאָמענטאל אזוי אויפגערעגט! ווען מ'נעמט אזוי אויף!

מאקס: איך בין דאָך אייער פריינד... קומט אהער, ביאנקא... דערצעהלט מיר עפּעס.

ביאנקא: (זעצט זיך אויף א שטול נעבען אויוען) אבער וואס

מאקס: (זעצט זיך געגענאיבער איהר) נו, צום ביישפּיל, וועגען דעם עהנליכען אין פּעטערבורג.

ביאנקא: א עקעלהאפטער.

מאקס: ...נו...

ביאנקא (בייז) נו, וואס זאל איך אייך דערצעהלען?

מאקס: איהר הויבט נאר אן... דאס איז געווען... נו.. דאס איז געווען אין א גרויסע, גרויסע שטאדט.

ביאנקא: (אויפגערעגט) דארט איז געווען א גרויסער, גרויסער צירק.

מאקס: נו, ווייטער... אין צירק איז געווען א קליינע, קליינע אקטריסע.

ביאנקא: וואס איז געשפרונגען איבער א גרויסע, גרויסע רייף (לאכט שטיל).

מאקס: איהר זעהט... די ערצעהלונג הויבט זיך אן! (דער פארהאנג לאזט זיך שטיל אראב) אין דער לאזשע... נו... אין דער לאזשע איז געזעסען יעדען אווענד...

ביאנקא: אין דער לאזשע איז געזעסען יעדען אווענד א שעהנער, שעהנער... אך.

מאקס: נו... און...!

פארהאנג.

די לידער איבערזעצט דורך הערשעלע.

פערלאג „יודיש“ ווארשא.

15) זכרונות און ארטיקלען. .... וו. מעדעם.

מיט דער ביאגראפיע און בילד פון זשיטאר.

(„אזא גלענצענדער שריפטשטעלער, ווי מעדעם, ווערט געלייענט ניסט נאר ביי זיין אייגען פאלק, נאר אויך ביי אנדערע פעלקער“).

16) די נשמה פון א פרוי .... סאבאטי.

(„די פרוי, איהר בלוט, איהר וועלט, איהר מאכט, איהר ראל — דאס זענען די פעדעם, פון וועלכע עס איז מיט אזויפיל טאלענט ארטיסטיש געוועבט געוואָרען דערדאזיגער מערקווירדיגער ראמאן“.)

17,18,19,20, אלעקסאנדער דער ערשטער .....
.... ד. מערעזשקאָווסקי.

(„ווילמען פערשטעהן דאס גרויסע און טראגישע רוסלאנד אין זיין ערשטען קאמף מיט'ן צאריזם, אין זיין ירידה און גלאנץ, אין זיין גוטען און שלעכטען, מוז מען לייענען דאסדאזיגע גראנדיעזע ווערק, וואס איז א אוצר פון אונשטערבליכער קונסט“).

21) די שטרעמונגען אין דער ליטעראטור פון XIX-טען יאהרהונדערט.

(„היינטיגע צייטען איז זיך שווער פארצושטעלען א ליטעראטור, וואס אין איהר זאלען ניסט איבערגעזעצט ווערען די טיפע און גלאנצפולע ווערק פון וועלט-בעריהמטען קריטיקער און דענקער“).

22) נאפאלעאן אין רוסלאנד .... היינריך ראס.

(„היינריך ראס געהערט נישט צו יענע שרייבער, וואס האבען געזונגען לויבלידער נאפאלעאנ'ען, נאר ער געהט מיהם בעסער נאך טריט ביי טריט און דעקט אויף די אלע טונקעלע זייטען פונ'ם גרויסען קריגס-פיהרער, אין זיין מלחמה מיט רוסלאנד. דאסדאזיגע בוך איז אונגעהויער אינטערעסאנט און שפאנענדיג פאר יעדען“).

פערלאַג „יודיש“, וואַרשא.

23) אונטער א ווייסען פארהאנג ..... דוד קאסעל.

(„די ברייט-געשילדערטע לאַנדשאַפטען, די בולט'ע בילדער, פאַרבען און געשטאַלטען און דער פיינער פסיכאָלאָגישער אַנאַליז — דאָס אַלץ זענען גאָר נייע טענער אין דער יודישער ליטעראַטור“).

24,25,26) דריי דורות .... יואל מאסטבוים.

(„דאָס איז אַ גרויס ווערק, וואָס כאַפּט-ארום אַ שטיק לעבען פון דריי דורות מיט זייערע איבערגאַנגען און טראַגיזם, וואָס מאַכט אַ געוואַלטיגען רושם אויפ'ן לעזער“).

27,28) מאיר יעזעפאָוויטש .... ע. אָרזשעסקאָ.

(„מאַנכע האַנדלונגען און טיפען פון דעמדאָזיגען בוך זענען אַזוי שפּאַנענדיג און אַזוי שטאַרק, אַז דער איינדרוק בעהערשט דעם לעזער, ווי עפּיס אַן אומגעוועהנליכע מאַכט“).

29,30) פוילען .... נח פרילוצקי.

(„דאָס זענען די סאַמע וויכטיגסטע און העכסט-בעלעהרענדיגסטע בילדער וועגען פוילען, און יעדער יוד, וואָס וויל זיך אָריענטירען אין די פראַגען וועגען פוילען, מוז אונבעדינגט זיי האָבען אונטער דער האַנד“).

31) דאָס בוך פון דער צייט .... דוד איינהאָרן.

(„אַ שלייער פון פּאָעזיע ליגט אויף איינהאָרנס פּראָזע און די געדאַנקען לייכטען-ארויס, ווי גאָלדענע פונקען“). פרייז 15 מ.

32) בעגייסטערונג .... משה בראָדערזאָן.

(„די יודישע פּאָעזיע ווערט דאָ בערייכערט מיט נייע קלאַנגען און פאַרבען, וואָס קומען באמת פון ריינער גאָט-געבענשטער בעגייסטערונג“).

מאקס הארטונג.

קלעפטאמאניע.

פארס אין 1 אקט

יודיש דורך זלמן זילבערצווייג.

תרע"ט
1919.

פערזאנען:

פראָפעסאָר הערמאַן ביכנער.

עלזע — זיין פרוי.

לילי — זיין טאָכטער.

ד״ר מאַקס פריש — איהר חתן.

אסעסאָר שטיין.

האַנא — אַ דינסטמיידעל ביי ביכנער׳ן.

אָרט: א גרויסע שטאָדט.

צייט: געגענווארט.

Drukarnia Piment i Szwabe, Warszawa, Sierakowska 4.

אַ שען מעבלירטע ציטער.

מיטעל־טיר. טיר רעכטס. רעכטס נעבען דער מיטעל־טיר אַ פּיאַנינאָ און אַ קלאַוויר. רעכטס, פאָרנט אַ ביכערשאַנק. לינקס, הינטען אַ אויוועז. לינקס, פאָרנט — אַ שאַנק מיט אַ געזימס, אויף וועלכען ס'שטעהען וואַזעס און בראָנזע־פיגורען. רעכטס אַ זאָפאַ, טיש און שטולען. אויפ'ן טיש — קאַווע־געשיר, אַ פערלמוטערן מעסער און אַ טיש־גלאָק. לינקס אַ טיש און שטולען.

בייטאָג.

ערשטער אויפטריט.

לילי, עלזע, פּראָפעסאָר.

לילי און **עלזע** (זיצען אויף דער זאָפע רעכטס, לעזען די מאָרגען־ציימונגען).

פּראָפעסאָר (זיצט אויף אַ שטול לינקס פון דער זאָפע).

לילי (לעזט): „די טעג איז אין אַ ווייסוואַרג־געשעפט אויף דער... גאַס געקומען אַ עלעגאַנט־געקליידעטע דאַמע און זיך געהייסען ווייזען פערשידענע זאַכען. ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דער אייגענטימער פון געשעפט בעמערקט, אַז ס'פעהלט איהם אַ קינדער־יאַקע, וואָס איז ערשט געלעגען אויפ'ן טיש. ער האָט באַלד אַרויסגעשיקט אַ אָנגעשטעלטען נאָך דער דאַמע. ווען די דאַמע איז צוגעקומען צו אַ רייך הויז און אַריינגעגאַנגען אין טויער, האָט זי אַרויסגענומען די יאַקע, וואָס זי האָט געהאַט בעהאַלטען אונטער איהר מאַנטעל און געוואָלט אַריינגעהן אין אַ וואוינונג אויפ'ן

ערשטען שטאָק. דער יונגער מאַן איז אָבער שנעל צוגעגאַנגען און פאַרלאַנגט די יאַקע. די דאַמע האָט אָנגעהויבען צו פּראָטעסטירען, ס'איז געוואָרען אַ טומעל און אויף די געשרייען איז אַרויסגעקומען דער מאַן פון דער דאַמע, אַ בעקאַנטע פערמעגליכע פערזענליכקייט, וועלכער האָט באַלד אויפגעקלערט די גאַנצע זאַך, אַז מ'האָט צו טון מיט אַ פּערזאָן, וואָס ליידט אויף קלעפּטאָמאַניע".

עלזע (אין דער לינקער זייט זאָפע, הוסט בעט'ן לעזען איינינע מאָל, ווי געבענדיג דערמיט סימנים און וואַרפט בליקען אויף איהר מאַן).

פּראָפעסאָר (אויפ'ן שטול לינקס פון דער זאָפע, בעמערקט נישט די געגעבענע סימנים): דאָס איז אַ בבא-מעשה! ווער גלויבט דאָס אַזעלכע נאַרישקייטען!

עלזע (הוסט ווידער בעדייטונגספול).

פּראָפעסאָר: עלזע, דו הוסט אַזוי שרעקליך, פאַרוואָס פרעגסטו נישט אַ דאָקטאָר?

עלזע (וואָס האָט אונרוהיג געקוקט אויף דער טאָכטער): לילי, געה גאָר אַרויס און גיב אַ קוק וואָס ס'הערט זיך אין קיך!

לילי (אויפ'ן רעכטען עק זאָפע): וואָס זאָל דען זיין אין דער קיך, מאַמאַ?

עלזע: אַז איך זאָג דיר געה, זאָלסטו נישט פרעגען. נעהם-מיט דאָס קאַווע-געשיר. דאָס פערעלמוטערנע כעזער לאָז איבער, ווייל די שייד איז געוואָרען לאָקער און כ'וועל עס געבען צו רעפּערירען.

לילי (פאַר זיך): זי האָט ווידער כוונות מיט'ן פּאַפּאַ (הויך): איך בין דאָך שוין מעהר נישט קיין קינד!

עלזע (קוקט זי בעפעל לעריש אָ).

לילי (שטעהט אויף און געהט נישט ווילענדיג אַב מיט'ן קאַוועגעשיר דורך דער מיט).

צווייטער אויפטריט.

עלזע, פּראָפעסאָר.

עלזע: איך האָב שוין געוואָלט כ'יט דיר איינינע מאָל רייידען. לילי'ס חתן ווייזט אויס צו זיין אַ טיכטיגער דאָקטאָר און דורך דער קורצער צייט פון זיין פּראַקטיק האָט ער זיך שוין ער-

וואַרבען אַ נאָמען. ער איז מיר אויך זעהר גוט געפעלען, ביז...

פראָפעסאָר: ביז? —

עלזע: ביז מיט אַ קורצע צייט צוריק. זאָג, ליבער הערמאַן, איז דיר גאָרנישט געוואָרען אויפפאַלענד ביים דאָזיגען יונגעמאַן?

פראָפעסאָר: ניין! (ער שטעהט-אויף, געהמט ארויס אַ בוך פון דער ביכער-שאַנק, זעצט זיך צוריק אויף זיין פריהערדיג אָרט, עפענט אויף דאָס בוך און לעזט עס. ער ענטפערט אָבער יעדעס מאָל, כאָטש נישט גערנווילינג).

עלזע: האָסט ווירקליך גאָרנישט בעמערקט? און ווען לילי האָט פריהער געלעזען די געשיכטע מיט דעם גנבה, האָסטו נישט בעמערקט די צייכענס, וואָס כ'האָב דיר געגעבען? דייטליכער האָב איך עס נישט געקאָנט מאַכען, כדי לילי'ן זאָל נישט ווערען אויפ-פאַלענד וואָס איך מיין. הערמאַן, ביז היינט האָב איך געשוויגען, אָבער איצט קאָן איך שוין מעהר נישט. דו זאָלסט וויסען, ליבער מאַן, אַז אונזער טאָכטער'ס חתן, דר. פריש, ליידט אויף קלעפטאָמאַניע!

פראָפעסאָר (אונצופרידען): דו ביזט אַראָב פון זינען! אַזאַ זאַך זאָגט מען ניט אַזוי לייכט, פריהער ווי מ'האָט בעוויזען.

עלזע: איך האָב אָבער בעוויזען. איינמאָל, ס'איז געווען גראָד דאַן, ווען דו האָסט געקויפט נייע ביכער און ס'איז נישט געווען פאַר זיי קיין אָרט, אַזוי, אַז כ'האָב זיי געמוזט אַריינלעגען דאָ (ווייזט אַן אויף רעכטס) אין שאַנק, איז געקומען דר. פריש. איך האָב געהאַט ליגען אויפ'ן טיש אַ נייעם שוואַרצען טרויער-באַנד, וואָס כ'האָב געטראָגען אַלס טרויער נאָך דער פאַר-שטאָרבענער מומע. קיינער איז נישט געווען אין שטוב, אויסער אונזער טאָכטער'ס חתן, און ווען איך בין צוריק אַריינגעקומען, איז דער באַנד געווען פערשוואונדען.

פראָפעסאָר (אַי פריהער): אָבער צו וואָס טויג איהם אַ שוואַרצע באַנד!

עלזע: אָט דאָס איז עס דאָך! דאָס בעוויזט דאָך די קלעפ-טאָמאַניע! פאַר דעם, וואָס ליידט אויף קלעפטאָמאַניע, איז נישט קיין אונטערשייד וואָס ער גנב'עט.

פראָפעסאָר: אַך, צוליב אַ פערשוואונדען שטיקעל באַנד

קאָן מען נאָך נישט וואַרפֿען אַ חשד אויף אַ מענשען.

עלזע: ווי איז אָבער, אַז דאָס איז נישט די איינציגע זאַך, וואָס ווערט פֿערשוואונדען, זייט ער קומט אַריין צו אונז? איך וואָלט דיר געקאָנט אויסרעכענען פֿיל זאַכען, וואָס זענען פֿערשוואונדען פֿון טיש צראָב. און שטענדיג, ווען דאָס געשעהט, איז גראָד דר. פֿריש געווען ביי אונז. יאָ, ער האָט זאָגאַר (שטיל) צוגענומען מיינס אַ זאָקען־בענדעל.

עלזע (שטעהט אויף און געהט האַסטיג צו צו איהר מאַן): דו גלויבסט מיר נישט? איך האָב עס פֿריהער געוואוסט, דו ווייסט דען וואָס ס׳טוט זיך ביי אונז אין שטוב?! דו האַלסט דאָך שטענדיג אין לעזען און וואָס ס׳געשיהט אַרום דיר, האָסטו נישט קיין אַהנונג. נו, נו, לעז דיר, נאָר איין זאַך זאָלסטו וויסען, אַז איך וועל קיינמאָל נישט איינשטימען, אַז אונזער לילי זאָל חתונה האָבען מיט׳ן דר. פֿריש, דו הערסט?! (אָב רעכטס און קלאַפּט צו די טיר).

פּראָפֿעסאָר: וואָס פֿרויען קאָן אַלץ איינפֿאַלען... צוליב אַ זאָקענבענדעל... אַך, נאַרישקייטען (לעזט ווייטער).

דריטער אויפֿטריט.

פּראָפֿעסאָר, האַנאַ.

האַנאַ (אַ עלטער דינסטמיידעל, קומט דורך דער מיט): ה׳ פּראָפֿעסאָר, ה׳ דר. פֿריש...

פּראָפֿעסאָר (פֿאַר זיך): אַך, און דאָ האַלט איך גראָד אויף אַזאַ איגטערעסאַנטע שטעלע! (הויך) זאָל ער אַריינקומען! (ער נעהמט פֿון טיש דאָס פּערלבוטערנע מעסער, לעגט עס אין בוך אַריין צווישען די זייטען, ביי וועלכע ער האָט זיך אָבגעשטעלט, פֿערמאַכט דאָס בוך, שטעהט אויף און לעגט עס אַוועק אויף זיין אָרט אין דער ביכער־שאַנק אויף רעכטס, דערנאָך געהט ער אָב רעכטס).

פֿערטער אויפֿטריט.

דר. מאַקס פֿריש און האַנאַ (קומען אַריין דורך דער מיט).

האַנאַ: איך רוף באַלד אַריין די הערשאַפֿטען! (אַב רעכטס).

פֿינפֿטער אויפֿטריט.

פֿ ר י ש (אליין).

פֿ ר י ש (בעקוקט זיין זייגער): איך קום זאָגאַר אַ ביסעל צו פֿריה. אַזוי אָבער ווי מיין צוקונפֿטיגע שוויגער האָט זיך נעכטען שלעכט געפֿיהלט, וועט ביי איהר זיין זעהר אָנגעלעגט, וואָס איך בין געקומען שוין אַזוי פֿריה נאָכפֿרעגען אויף איהר געזונד. אַז מ׳האָט ליב די טאָכטער, טאָר מען אין דער מוטער אויך נישט פֿערגעסען (בעטראַכט זיין לינקע האַנד, וועלכע ער האַלט אַ ביסעל בעהאַלטען). ווען איך וואָלט נאָר געהאַט מיין פֿערלאָבונגס-רינג! נעכטען. ווען איך האָב זיך אָבגעוואַשען, האָב איך איהם אַוועקגעלעגט און כּע־געסען איהם ווידער אָנצוטון, ווייל מ׳האָט מיך שנעל אַוועקגערופֿען צו אַ קראַנקען. ווען איך בין צוריקגעקומען, איז דער רינג געווען פֿערשוואונדען. איך האָב געפֿרעגט מיין ווירטין, וואו דער רינג איז, האָט זי זיך בעליידיגט, און געזאָגט, אַז זי האָט איהם נישט צוגענומען און ווייס נישט, וואו ער איז. איך האָב זיך אָנגעהויבען נאָכצופֿרעגען, צי ס׳איז ווער געווען ביי מיר אין צימער אין מיין אָבוועזענהייט. ס׳איז אָבער קיינער נישט געווען, אויסער מיין צוקונפֿטיגער שווער, דער פּראָפֿעסאָר, וואָס האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטען אויף מיר און איז אַוועקגעגאַנגען. ווען לילי זאָל בעמערקען, אַז איך האָב מעהר נישט דעם רינג, ווייס איך גאָר נישט וואָס זי וואָלט געזאָגט. איך וועל מיר מוזען קויפֿען אַ נייעם רינג. זי קאָן אָבער יעדען אויגענבליק אַריינקומען... וואָס טון איך?... אַך, ווען איך וואָלט דערווייל געקאָנט בעקומען אַ רינג...

זעקסטער אויפֿטריט.

דער פֿאָריגער, האַנאַ.

ה אַ נ אַ (קומט אַריין פֿון רעכטס, כּדי דורך דער מיט דורכצוגעהן אין קיך).

פֿ ר י ש: האַלט, איך האָב עס! (ער כאַפּט אָן האַנאַ׳ן) גוטע פֿרוי — ווייזט מיר אייער האַנד! (זי ווייזט) איהר זענט אַ אלמנה

און איהר טראָגס נאָך אייער רינג... אייער האַנד איז געמעט אַזוי ווי מיינע... איך בעט אייך, ערלויבט מיר אָנצוטון אייער רינגעלע!

האַנאַ: דאָס רינגעל געהט אָבער נישט אַראָב פון פינגער.

פריש: וואָס הייסט, ער געהט נישט אַראָב?

האַנאַ (ווייזט איהם): יאָ, איהר זעהט דאָך!

פריש: אָך, לאָזט נאָר מיך צו, איך וועל איהם שוין אַראָבנעהמען. איהר מוזט איהם אונבעדינגט אַראָבנעהמען, איהר הערט! ער איז אַזוי צוזאַמענגעפרעסט, אַז ער שטערט די צירקולאַציע פון בלוט. דער פינגער קאָן נאָך ווערען בראַנדיג און מ׳וועט מוזען אַראָבנעהמען דעם גאַנצען פינגער (ויל איהר אַראָבציהען דעם רינג).

האַנאַ (לאָזט זיך נישט, שרייט): שלעפט נישט דעם רינג! אוי, מיין פינגער! מיין פינגער!

פריש (האָט אַראָבגעצויגען דעם רינג, פערהאַלט איהר דאָס מויל און וואַרפט זי אַרויס דורך דער טירעלטיר). אָט, אַזוי! (טוט איהם אָן) ער זעהט אויס גראָד ווי מיינער.

זיבעטער אויפטריט.

פריש, לילי.

לילי (קומט אַריין דורך דער טיר): גוט מאָרגען, ליבער מאַקס!

פריש: גוט מאָרגען, מיין טייערע!

לילי: וואָס איז עפּעס מיט דער דינסט? וואָס שרייט זי אַזוי: מיין פינגער?

פריש: ווער... די דינסט?

לילי: יאָ, די דינסט!

פריש: די דינסט... אַהאַ, די דינסט... יאָ, די דינסט... דער פינגער... כע... כע... כע... פערשטעהסט, איהר רינגעל איז איהר געוואָרען ענג און דער פינגער האָט אָנגעהויבען געשוואָלען צו ווערען, האָב איך איהם אַראָבגענומען.

לילי: וואָס, דעם פינגער?

פריש: ניין, דאָס רינגעל! און ווייל ס׳האָט איהר וועה געטהון, שרייט זי...

לילי: פאַסירט עס אָפט אַזוי מיט די רינגלעך?

פריש: ניין, נאָר בײ פּערזאָנען, װעלכע האָבען שױן זײע־
רינגעל נישט אַראָבגענומען פיל יאָהר — אײגענטליך נאָר בײ
אַלטע לײט.

לילי (פּרובירט): מײן רינגעל איז מיר טאַקע נישט צו ענג
און װי איז מיט דײנס?

פריש: װאָס טויג אונז אָבצוגעבען זיך מיט אַזעלכע נאַרי־
שע זאַכען?! דו, זאָג מיר בעסער, האָסט גערעדט מיט דײן מומע?
װאָס זאָגט זי? הײנט האָבען מיר דעם 2 מערץ און ביז צום 31
מוזען מיר האָבען חתונה געהאַט. מעהר װעל איך נישט לאָזען
אָבשלעפּען אונזער גליק!

לילי: איך װאָלט אויך געװאָלט. װאָס טוט מען אָבער, אַז
די מאַמאַ װיל גאָרנישט הערען, אַז מיר זאָלען שוין חתונה האָבען.

פריש: שוין חתונה האָבען! איך װאַרט שוין 4 װאָכען,
ביין, זײט — 4 מאָל 7=28 – אַכטאונצװאַנציג טעג זענען מיר שוין
פערלאָבט און...

לילי: יאָ, אָבער מײנע קלײדער זענען נאָך נישט פערטיג.

פריש: װאָס דאַרפסטו האָבען קלײדער? אַזױ װי דו
שטעהסט און געהסט, אין דײן הויז־קלײד ביזטו ענטציקענד און
איך װיל דיך אַזױ נעהמען. דו געפעלסט מיר אַזױ שענער װי אַלע
אַנדערע אין די שענסטע, פּרעכטיגסטע קאָסטיומען. נו, גיב מיר
דערװײל אַ קוש.

לילי (קושט איהם).

פריש: נאָך אײנעם (לילי קושט). נו נאָך, קוש און װער
נישט מיד.

לילי: אָ, ניין, מאַקס, איך האָב מורא, די מאַמאַ קאָן נאָך
אַרײנקומען, לאָז מיך אָב (רײסט זיך אַרויס).

פריש: װי דו שרעקסט זיך פאַר דײן מאַמאַ. אפילו קושען
האָסטו מורא. אָ, איך מוז הײנט רײדען מיט דער מאַמאַ. די חתונה
טאָר לענגער נישט אָבגעלעגט װערען. און אָט איז די מאַמאַ!

אַלטער אױפֿטריט.

די פאָריגע, עלזע קומט אַרײן (פון רעכטס).

פריש (צו דער אַריינגעקומענער): גוט מאָרגען, זעהר געעהרטע צוקונפטיגע מאַמאַ!

עלזע: גוט מאָרגען!

פריש: פיהלט איהר זיך שוין געזונד?

עלזע (זוכט אויפ'ן טיש רעכטס דאָס פערלמוטערנע מעסער; אַזוי ווי זי געפינט עס נישט, וואַרפט זי אַ דורכדרינגענדען בליק אויף פריש'ן, צו זיך): דאָס מעסער איז נישטאָ. (הויך) יאָ, איך פיהל זיך שוין גאַנץ גוט! טיילמאָל רייסט מיר נאָר אַ ביסעל אין די גלידער, אַזוי ווי מ'וואָלט מיר געשניטען מיט אַ מעסער!

פריש: וועל איך אייך עפּעס פערשרייבען און ס'וועט באַלד אויפהערען. לילי, זיי אַזוי גוט און גיב מיר פּאַפּיר, טינט און פעדער.

עלזע (נעהמט אַרויס אַ בליישטיפט): איך האָב אַ בליישטיפט. עס איז אָבער אָהן אַ שפּיץ. איהר האָט דאָך געוויס אַ מעסער אָבצושניצען

פריש: איך האָב ביי מיר פּאַפּיר און אַ טאַשען-מעסערל (נעהמט אַרויס ביידע זאַכען). זייט אַזוי גוט און גיט מיר דאָס בליישטיפט

עלזע: ניין, איך וועל אַליין אָבשניצען.

פריש (גיט איהר זיין קליין טאַשענמעסערל).

עלזע: האָט איהר נישט אַ אַנדער מעסער? מיט אַזאַ קליין מעסערל שניצט זיך נישט אַזוי גוט. האָט איהר נישט ביי זיך אַ גרעסער מעסער?

פריש (קוקט זי אָן פערוואונדערט): ניין!

עלזע: אַמבעסטען וואָלט זיך געלאָזט אָבשניצען מיט אַ אַ מעסער מיט... מיט אַ פערלמוטערן הענדטעל. זוכט נאָר נאָך אַמאָל, איהר האָט געוויס ביי זיך אַזאַ מעסער... איהר ווייסט אפשר אַליין נישט... (זי קוקט ווידער פאָרשענד אויף דער רעכטער זייט פון טיש).

לילי (הערט זי אוים מיט אַ וואַקסענדער בעאונרוהיגונג): אָבער, מאַמאַ!

פריש (אַפּאַרט): מיר דאַכט זיך, אַז זי איז נישט ביים קלאָרען זין. (הויך) לילי, דער פּאַפּאַ איז דאָ?

לילי (דערשראָקען): דאַכט זיך, יאָ.

פריש: טאַ בעט איהם אַריין. זאָג איהם, אַז איך רוף איהם.

לילי (אַב שנעל רעכטס).

פריש: ליבע מאַמאַ (פרובט איהר צו טאַפּען דעם פולס), איהר זענט אָנגעגריפּען... איהר זענט שטאַרק אויפגערעגט... איך וועל אייך פערשרייבען אַ מיטעל זיך צו בערוהיגען. זייט ווען ליידט איהר אויף דעם? (נעהמט צו ביי עלזע'ן דאָס בליישטיפט און מעסער, שניצט עס שנעל אָב, זעצט זיך לינקס ביים טיש און שרייבט).

עלזע (אַפּאַרט): ניין, ליבער יונגערמאַן, אַזוי גלאַטיג וועט עס נישט אָבגעהן!

ניינטער אויפטריט.

פריש, עלזע, פּראָפעסאָר און לילי: (קומען פון רעכטס)

עלזע: גוט, וואָס דו ביזט געקומען. איך וויל דיך נאָר פרעגען: דו האָסט גענומען פון דעם טיש (ווייזט אויף רעכטס) אַ מעסער מיט אַ פערעלמוטערן הענדטעל?

פּראָפעסאָר (דערשראָקען): וואָס פאַלט דיר איין!

עלזע: איך פרעג דיך נאָר: דו האָסט?...

פּראָפעסאָר (קלערט נאָך): כ'הויב נישט אָן צו וויסען!

עלזע: לילי, מיין איינציגע טאָכטער, זאָג מיר, האָסטו אַראָבגענומען פון טיש אַ מעסער מיט אַ פערעלמוטערן הענדטעל? זאָג מיר נאָר דעם אמת?

לילי: ניין, מאַמאַ! (וויל צוגעהן צו פּריש'ן).

עלזע (דערזעהט זי נישט): קום נאָר איצט דאָ אַהער, שטעה נאָר נעבען מיר! (קלינגט).

צעהנטער אויפטריט.

די פאָריגע, האנא (קומט דורך דער מיט).

עלזע: זאָג, האנא, דעם אמת: דו האָסט אַראָבגענומען פון טיש אַ מעסער מיט אַ פערעלמוטערן הענדטעל? דו הערסט, נאָר דעם ריינעם אמת!

האַנאַ: ניין!

עלזע: דו קאָנסט געהן! (האַנאַ אָב). אויך איך קאָן שווע-

רגן, אז איך האָב נישט אַראָבגענומען פון טיש דאָס מעסער מיט'ן פערעלמוטערן הענדטעל, און איידער איהר, ה' דאָקטאָר, זענט אַריינגעקומען, איז עס דא געלעגען. וואָס זאָגט איהר איצט?

פראָפעסאָר און לילי: (צופען עלזע'ן ביים קלייד, כדי זי שטיל צו מאַכען).

לילי: אָבער, מאַמאַ!

פראָפעסאָר: עלזע, וואָס טוט זיך מיט דיר?

פריש (אַפאַרט): זי האַלט מיך פאַר א מעסער-פרעסער (האָט זיך אויפגעשטעלט). אָט איז עס. איהר וועט עס נעהמען יעדע האַלבע שעה, מעהר גאָרנישט, ס'וועט זיכער אַריבער (קוקט אויפ'ן זייגער) איך מוז שוין אַוועקגעהן, נאָר איך וועל נאָך היינט זיין דא.

עלזע: אָ, נישט נויטיג. איך דאַרף אייך נישט האָבען.

לילי (ברעכט אויס אין אַ געוויין).

פראָפעסאָר (בערוהיגט זי).

פריש (שטיל צום פראָפעסאָר): איהר דאַרפט נישט זיין בע-זאָרגט! איהר דאַרפט זיך גאָרנישט שרעקען! אַייער פרוי מוז אונ-בעדינגט האָבען רוה, זי וועט דאַן זיכער געזונד ווערען. די גע-הירען נאָר ביי איהר אַ ביסעל נישט אין אָרדנונג. איך וועל נאָך היינט דאָ זיין! אויף ווידערזעהן! (אָב דורך דער טיר).

עלפטער אויפטריט.

פראָפעסאָר, עלזע, לילי.

לילי (רופט נאָך וויינענדיג): אַדיע, מאַקס! (לויפט שנעל צו צו איהר מוטער) מאַמאַ, וואָס טוט זיך מיט דיר?

פראָפעסאָר: דער דאָקטאָר מיינט דאָך, אַז דו ביזט (הייזט אָן אויפ'ן שטערען) דאָ עפּעס נישט אין אָרדנונג. ווי האָסטו דיך נישט געשעמט צו מאַכען אַזאַ סצענע?

עלזע: דו ביזט בלינד און טויב און דעריבער מוז איך אַליין אַלץ זעהן, הערען און ריידען.

צוועלפטער אויפטריט.

די פאָריגע, האַנא (קומט אריין וויינענדיג).

פ ר אָ פֿ ע ס אָ ר (נעהמט פֿון ביכערשאַנק אַ בוך און זעצט זיך לעזען ביים טיש רעכטס).

ה אַ נ אַ: מאַדאַם, איך... איך האָב אייך עפּעס צו זאָגען... איך וואָלט גערן געשוויגען... נאָר איך קאָן נישט... איך טאָר נישט... שוין נאָר צוליב דער פֿריילינס צוקונפֿט!

ע ל ז ע: וואָס אַזוינס?

ה אַ נ אַ: מאַדאַם, איך בין 24 יאָהר ביי אייך... איבער אַ יאָהר וואָלט געוואָרען 25 יאָהר... איהר זענט שטענדיג געווען גוט צו מיר... איך קאָן מיך נישט בעקלאָגען...

ע ל ז ע: אָבער זאָג שוין, וואָס דו ווילסט!

ה אַ נ אַ (נעהמט זיך צוזאַמען און זאָגט אַרויס מיט שרעק): מאַדאַם, אין דעם הויז איז פֿאָרגעקומען אַ רויב-אָנפֿאַל.

פ ר אָ פֿ ע ס אָ ר (קוקט זיך אַרום).

ע ל ז אַ: אַ רויב-אָנפֿאַל? ווער? אויף וועמען?

ה אַ נ אַ: איך בין פֿריהער דאָ געשטאַנען, קומט אַריין דער דאָקטער און רייסט מיר מיט גוואַלד אַראָב מיין רינגעל פֿון פֿינגער.

ע ל ז אַ (קוקט בעדייטונגספֿול אָן איהר מאַן).

פ ר אָ פֿ ע ס אָ ר (לעזט ווייטער).

ל י ל י: און מיר האָט ער געזאָגט, אַז דער פֿינגער האָט דיר וועה געטון און צוליב דעם האָט ער דיר אַראָבגענומען דאָס רינגעל. אָ, מאַקס! מאַקס!

ע ל ז ע (צו לילי'ן): גייה, מיין אומגליקליכע טאָכטער, אַרויס! אָדער ניין, — בלייב, ס'איז אפשר בעסער, אַז דו זאָלסט וויסען, ווער ער איז!

ה אַ נ אַ: מאַדאַם, אויב ביי אונז אין שטוב קאָן אַזעלכעס געשעהן, וויל איך מעהר דאָ נישט בלייבען.

ע ל ז ע: דו יאָג זיך נאָר נישט, בלייב און איך וועל שוין זעהן, אַז ער זאָל דיר דעם רינג אויך צוריקגעבען.

(ס'קלינגט).

ע ל ז ע: ווער קאָן דאָס זיין? האַנאַ, גייה אַרויס עפֿענען.

ה אַ נ אַ (געהט אָב דורך דער טיר).

עלזע (צום מאַן): נו, וואָס זאָגסטו איצט? אונזער דינסט האָט ער אויך בע׳גנב׳עט!

לילי (פאַלט דער מוטער אויפ׳ן האַלז): וואָס רעדסטו, מאַמאַ!

עלזע: אומגליקליך קינד! ווײן דיך אויס אויף מײן מוטער-האַרץ.

פּראָפּעסאָר: פאַרלױפיג דאַרף מען נישט מאַכען קײן טומעל. מ׳דאַרף וואַרטען ביז דער דאָקטאָר וועט קומען און דאַן וועט מען איהר פרעגען וואָס ס׳איז געוואָרען מיט׳ן רינג. שטענדיג מוז מען אויסהערען ביידע צדדים! (ער לעזט ווײטער).

האַנאַ (קומט צוריק דורך דער מיט): דיוויסען שטעהט אַ הערר, וואָס וויל ריידען מיט׳ן ה. דאָקטאָר פריש. אַז איך האָב איהם געזאָגט, אַז דער דאָקטאָר איז נישטאָ, האָט ער געענטפערט, אַז ער וויל ריידען מיט׳ן ה׳ פּראָפּעסאָר.

עלזע (צו איהר מאַן): אַ הערר וויל מיט דיר ריידען!

פּראָפּעסאָר: ש־י! (שטעהט אויף און לעגט אַוועק דאָס בוך)

עלזע: געה, לילי, איך קום אויך באַלד (לילי צו האַנאַ׳ן). זאָג דעם הערר, אַז ער קאָן אַריינקומען.

האַנאַ (אָב דורך ד. ר מיט): גוט!

עלזע: אַזוי ווי ס׳האַנדעלט זיך וועגען דאָקטאָר פריש, וועל איך דאָ בלייבען! (געהט אָב אויף לינקס, אַזוי אַז דער אַריינקומענדער בעמערקט זי נישט באַלד).

דרייצעהנטער אויפטריט.

פּראָפּעסאָר, שטײן, עלזע.

שטײן (אַריינקומענד): געעהרטער ה׳ פּראָפּעסאָר! ענטשולדיגט מיר מײן דרייסקייט, וואָס כ׳בין אַלס אונבעקאַנטער אַריינגעקומען, נאָר ס׳האַנדעלט זיך וועגען אַ וויכטיגע זאַך! מײן נאָמען איז שטײן. איך בין נעכטען געוועזען צוזאַמען אין אַ קאַפע-הויז מיט׳ן דאָקטאָר פריש, און ווען כ׳בין אַהיימגעקומען, האָב איך בעמערקט, אַז איך האָב נישט מײן פּאָרטפעל. איך בין באַלד צוריקגעגאַנגען אויפ׳ן זעלבען אָרט. פריש איז מעהר נישט געווען, נאָר

דער קעלנער האָט מיר געזאָגט, אַז דער הער וואָס איז געזעסען צוזאַמען מיט מיר, האָט צוגענומען מיין פּאָרטפעל. ער האָט עס אליין געזעהן. דאָס האָט מיך שטאַרק בערוהיגט.

עלזע: בערוהיגט?

שטיין (דרעהט זיך איבעראַשט אויס צו עלזע'ן, וועלכע ער האָט ביז איצט נישט געזעהן און פאַרגייגט זיך): ענטשולדיגט, וואָס איך האָב אייך נישט בעמערקט.

עלזע: ס'מאַכט נישט, ס'מאַכט נישט. זעצט אייך און דער-צעהלט וויטער: אַלזאָ „בערוהיגט"?

שטיין: יאָ. היינט באַלד אין דער פריה בין איך אַהינגעגאַנגען צו פּריש'ן. כ'האָב איהם אָבער שוין נישט געטראָפען אין שטוב און מ'האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז דאָ אַהערגעגאַנגען.

פּראָפעסאָר: ער איז ווירקליך דאָ געווען, ער איז אָבער שוין אַוועקגעגאַנגען. נאָר ער קומט נאָך ווידער.

שטיין: בעט איך אייך, אַז איהר זאָלט אַזוי גוט זיין און איהם זאָגען, אז כ'וואָלט איהם זעהר געבעטען, אַז ער זאָל מיר וואָס שנעלער צוריקגעבען מיין פּאָרטפעל, ווארום מיין גאַנץ געלד ליגט דאָרט.

עלזע: ווי אַזוי?

שטיין: ווייל איך האָב געהאַט בלויז פּאַפּיר-געלד, און אין פּאָרטמאָנע האַלט איך בלויז קליין-געלד.

עלזע: ניין, איך מיין ווי אזוי קומט עס, אַז דער דאָק-טאָר זאָל צונעהמען אייער פּאָרטפעל?

שטיין: דאָס איז דאָך דאָס גליק, ווען נישט וואָלט איך איצט געהאַט... נו, איך האָב אייך שוין גענוג געשטערט. איך דאַנק אייך בעסטענס פאַראויס. אַדיע! (אָב דורך דער מיט).

פערצעהנטער אויפטריט.

פּראָפעסאָר, עלזע.

עלזע: דו האָסט געהערט: דאָס איז דאָך דאָס גליק? ער מוז געוויס וויסען, אַז פּריש ליידט אויף קלעפּטאָמאַניע און האָפט

דעריבער, אַז ער וועט צוריקגעבען דאָס געלד. נו, וואָס זאָגסטו איצט וועגען דיין צוקונפטיגען איידעם?

פּראָפעסאָר: יאָ... זאָל ער ווירקליך... ס'גלויבט זיך מיר אָבער נישט... (זעצט זיך צוריק צום בוך) דאָ מוז געוויס זיין אַ טעות.

עלזע (בייז): אַ טעות! גוט, איך וועל מאַכען נאָך איין פּראָבע: מעגליך, אַז דאָס וועט דיך איבערצייגען! אָט דאָ לעג איך אַוועק (זוכט אין דער טאַש פון קלייד און געפינט אַ שליסעל) דעם אַלטען שליסעל פון גאָרטען, וואָס האָט אַ צובראָכען צינגעל (לעגט אַוועק דעם שליסעל אויפ'ן טיש לינקס) און ס'וועט מיך נישט אַרען, אויב ער וועט אַוועקקומען. דו זעהסט, דאָ ליגט ער און מיר וועלען זעהן! (אָב רעכטס).

פּראָפעסאָר: גוט, לאָמיך נאר ריידען מיט פריש'ן, וועלען מיר שוין זעהן!

פופצעהנטער אויפטריט.

פּראָפעסאָר, האַנאַ.

האַנאַ (קומט אַריין דורך דער מיט): ה' פּראָפעסאָר, איך וויל דאָ צוקעהרען.

פּראָפעסאָר (לעזט).

האַנאַ (העכער): ה' פּראָפעסאָר, איך וויל צוקעהרען!

פּראָפעסאָר (בייז): מ'לאָזט נישט צו רוה אַ מינוט. נו, קעהר שוין אויס! (גיט אַ קוק אויפ'ן זייגער) אָ, שוין אַזוי שפּעט און איך האָב אַזוי לפיל אַ־בּיט (נעהמט דעם שליסעל פון טיש לינקס און לעגט איהם אַריין אין געעפענטען בוך, פערמאַכט עס און שטעלט עס אַריין אין דער ביכער־שאַנק) אַ שאָד, אַזאַ אינטערעסאַנטע שטעל לאָמיך כאָטש נישט פערגעסען, וואו כ'האַ'ט! (אָב רעכטס).

זעכצעהנטער אויפטריט.

האַנאַ (אַליין).

האַנאַ (רוימט און קעהרט): ענדליך האָב איך אָנגעלערנט

דעם דאָקטאָר! ווי איך האָב איהם פיינט! יעדעס מאָל, ווען כ'בין קראַנק געווען, האָט ער מיר שטענדיג געגעבען אַזעלכע ביטערע מעדיצינען, אַז איך האָב שיער נישט געבראָכען. איך פ'רשטעה, ער וויל מיך אַוועקבריינגען, ווייל ער איז אייפערזיכטיג אויף פרייליין לילי, וואָס האָט מיך אַזוי ליב. אָבער היינט האָב איך איהם דערלאַנגט אַ ביטערע מעדיצין... און דערצו נאָך אַזאַ געמיינהייט, מיר אַראָבצורייסען פון פינגער מיין קדושין-רינגעל. מיין באָבע פלעגט שטענדיג זאָגען, אַז מ'טאָר נישט אויסטון דאָס קדושין-רינגעל, אַז נישט פאַסירט אַ אומגליק. זי פלעגט שטענדיג זאָגען, אַז דאָס קדושין-רינגעל טאָר מען קיינמאָל נישט אויסטון און ס'מוז אַזוי אַריינוואַקסען אין פלייש, אַז מ'זאָל קיינמאָל נישט דערקענען, וואו ס'איז דאָס פלייש און וואו דאָס רינגעל. און אין אַלעם איז שולדיג דער דאָקטאָר. אָ, וואו נעהמט מען איהם איצט, איך וואָלט איהם אָנגעקוקט אָט אַזוי (מאַכט אַ מינע), און דערנאָך אַ שטופ געגעבען (זי מאַכט אַזאַ בעוועגונג, אַז זי ווארפט אַראָב פון דער שאַנק אַ וואַזע, וואָס ווערט צובראָכען). נאַ, און אָט איז דאָך טאַקע דאָס אומגליק! און אַלץ איז דער דאָקטאָר שולדיג!

(ס'קלינגט אין דרויסען).

האַנאַ: אוי, מ'געהט! איצט מוז איך שנעל אַוועקרוימען די צובראָכענע שטיקלעך! (קלויבט צוזאַמען די שטיקלעך און וואַרפט זיי אין אויוועו). זאָלען זיי דערווייל דאָ ליגען!

(ס'קלינגט ווידער אין דרויסען).

האַנאַ שוין, שוין, כ'געה שוין! (זי געהט אָב דורך דער טיר).

זיבעצעהנטער אויפטריט.

האַנאַ, פריש.

פריש (קומט אריין צוזאַמען מיט האַנאַ'ן דורך דער טיר).

האַנאַ: זעצט אייך, ה' דאָקטאָר, איך רוף באַלד אַריין די הערשאַפטען (אָב רעכטס).

פריש (קוקט זיך פאָרזיכטיג אַרום און נעהמט צו אַ קליינע בראָנזיפיגור, וועלכע שטעהט צווישען אַנדערע זאַכען לינקס אויף דער שאַנק):

כ'האָב שוין לאַנג געוואָלט שענקען לילי'ן עפּעס אַ זאַך, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער דאָזיגער בראָנז-פיגור (לעגט אַריין די בראָנז-פיגור אין טאַש). איצט איז די פּאַסיגסטע געלעגענהייט, קיינער איז נישטאָ און מ'קאָן נישט אַזוי לייכט דערקענען, אַז ס'פעהלט אין דער שטוב די קליינע פיגור און מאָרגען שטעהט זי ווידער אויף איהר פּלאַץ. ביז מאָרגען וועל איך שוין געפינען איינעם, וואָס זאָל צורייסען עפּעס אַ שענע איבעראַשונג צו לילי'ס געבורטסטאָג.

אַכצעהנטער אויפטריט.

פריש, פּראָפעסאָר, עלזע און לילי (קומען פון רעכטס).

האַנאַ (געהט זיי נאָך פון דאָרט און געהט אָב דורך דער מיט)

פריש: נו, וואָס מאַכט איהר עפּיס?

עלזע (האָט תיכף בעמערקט, אַז דער שליסעל אויפ'ן טיש לינקס פעהלט, האַלט צוריק איהר מאַן און טאָכטער און ווייזט אָן מיט אויסגעשטרעקטע אויגען אויפ'ן טיש).

פריש: ס'איז אייך שוין בעסער, שוויגער? דאָס פיבער האָט, וואַהרשיינליך, נאָכגעלאָזט (ער וויל אָנטאַפּען עלזע'ס פולס).

עלזע (שרייענד און צוריקלויפענד): איה־ ווילט מיר מיין געזונד אייך צונעהמען! (שעפּטשענד צום מאַן און טאָכטער) דער שליסעל איז — פערשוואונדען!

פריש (אַפּאַרט): אָרימע פרוי, זי קריגט נעבאַך ווידער איהרע אַטאַקעס! (צו לילין) לילי, פאַרוואָס געהסטו נישט צו צו מיר? טייערע מיינע, טרייסט דיך, עס וועט ווידער בעסער ווערען. (וויל צוגעהן צו לילי'ן).

לילי (ציהט זיך צוריק).

פריש: וואָס איז דיר? דו אויך? גרויסער גאָט! איך האָב נישט קיין ווערטער.

פּראָפעסאָר (אונצופרידען פון דער האַלטונג פון די פרויען): ליבער דאָקטאָר,ביידע פרויען זענען לײדער משוגע געוואָרען. ס'וועט אָבער אַריבערגעהן. זייט אונבעזאָרגט!

פריש (געהט אַריין צווישען פּראָפעסאָר און לילי, צום פּראָפעסאָר): וואָס? איהר רעדט אַזוי רוהיג וועגען דאָזיגען טרויעריגען פאַקט?

ס'איז מערקווירדיג! איך פֿערשטעה דאָס נישט!

פּראָפֿעסאָר: זיי רעכענען, אַז איהר זענט...

עלזע (ענטדעקט, אַז אויף דער שאַנק לינקס פֿעהלט די וואַזע): גאָט אין הימעל! די וואַזע, וואָס איז ערשט פֿריהער דאָ געשטאַנען, איז פֿערשוואונדען!

לילי (בעמערקט, אַז די בראָנז-פֿיגור פֿעהלט, שרייט אויס): מיין בראָנז-פֿיגור איז אויך נישטאָ!

פֿריש: וואָס טוט זיך דאָ?! אַ קאַלטער שווייס בעדעקט מיר דעם שטערן! (נעהמט אַרויס דאָס טאַשענטוך כדי זיך אָבצעווישען דעם שטערן און וואַרפֿט דערביי אַרויס פֿון טאַש די בראָנז-פֿיגור).

לילי (וויינענדיג): מיין בראָנז-פֿיגור!

פּראָפֿעסאָר, לילי און עלזע (בלייבען פֿערגליווערט).

עלזע: דאָס איז אַרויסגעפֿאַלען פֿון אייער טאַש, ה'דאָקטאָר!

פּראָפֿעסאָר (פֿערלעגען): יאָ, איך בין אַ עדות, אַז פֿון אייער טאַש. צום בעדויערן איז, אַלזאָ, שוין נישטאָ קיין שום ספֿק, אַז איהר ליידט פֿון... קלעפּטאָמאַניע.

פֿריש: וואָס רעדט איהר! (געהט צו צו די פֿרויען, כדי זיי צו בערוהיגען).

לילי און עלזע (ציהען זיך פֿאַר איהם צוריק. אַלץ, וואָס ס'געפֿינט זיך אויף זייער וועג, נעהמען זיי צו זיך און בעהאַלטען עס פֿאַרן דאָקטאָר).

פּראָפֿעסאָר: איך בעדויער זעהר, ה'דאָקטאָר, ס'טהוט מיר זעהר לייד, נאָר, איהר זענט קראַנק. איהר האָט עס דאָך אָבער פֿריהער געוואוסט און איהר האָט נישט געטאָרט בעטען די האַנד פֿון מיין טאָכטער! הערר דאָקטאָר! איך ערלויב אייך מעהר נישט אַריינצוקומען צו מיר! אַדיע, ה'דאָקטאָר!

פֿריש (האָט זיך בעמיהט צו קומען צום וואָרט, ס'האָט זיך איהם אָבער נישט איינגעגעבען): אַ ריין משוגעים-הויז! גוט, איך געה! אַדיע! (אָב דורך דער טיר).

ניינצעהנטער אויפֿטריט.

פּראָפֿעסאָר, לילי, עלזע, דערנאָך האַנאַ.

לילי (צעווייגט זיך ווידער).

פראָפעסאָר (פאַלט אַגידער אויף אַ שטול רעכטס).

עלזע (פאַלט אויף אַ שטול לינקס).

(פויזע).

עלזע (מיט אַ שטימע געשטיקט פון טרעהרען): נו?

פראָפעסאָר: נו?!

עלזע: שרייב שוין אָן צו פריש'ן, דאַנק איהם פאַר דעם, וואָס ער איז געווען אַזוי איבערגעגעבען אַלס דאָקטאָר צו אונז און בעט איהם, ער זאָל צושיקען אַ רעכנונג, וויפיל ס'קומט איהם. מיר מוזען זיך פאַלשטענדיג אָבוויקלען פון איהם.

פראָפעסאָר: יאָ, יאָ, איך וועל עס שפּעטער טון. איצט בין איך נאָך אַזוי אויפגערעגט פון דעם, וואָס איז דאָ געשעהען, אַז כ'קאָן עס נישט טון. אויסערדעם, דאַרף מען איבערהויבט אָבוואַרטען. מעגליך, וועט אַז ער אונז צושיקען אַ בריף, אין וועלכען ער וועט אונז אַלץ ערקלערען. מיר גלויבט זיך נאָך אַלץ נישט...

עלזע: און די בראָנז-פיגור?

לילי (צעווייגט זיך ווידער).

פראָפעסאָר: יאָ, די פיגור!

(ס'קלינגט אין דרויסען).

האַנאַ (קומט אַריין דורך דער מיט): ה' שטיין! (זי לאָזט אַריין שטיינ'ען און געהט אָב דורך דער מיט).

צוואַנציגסטער אויפטריט.

פראָפעסאָר, לילי, עלזע, שטיין.

פראָפעסאָר און עלזע (הויבען זיך אויף און גיבען איהם אַ צייכען צו זיצען).

שטיין (געהט אַריין צווישען פראָפעסאָר און לילי): ענטשולדיגט. איך שטער דאָך נישט? איך האָב נאָר געוואָלט פרעגען, צי איהר האָט גערעדט מיט'ן ה' דאָקטאָר וועגען מיין פּאָרטפעל און צי ער האָט איהם דאָ איבערגעלאָזט!

פראָפּעסאָר: ניין!

שטיין: איז ער דען נאָך נישט געווען?

פראָפעסאָר: יאָ, ער איז יאָ געווען, נאָר...

שטיין: נאָר?

פראָפעסאָר: דער דאָקטאָר פריש איז קראַנק... געשטאָרבען...

שטיין: וואָס רעדט איהר, געשטאָרבען... ווירקליך געשטאָרבען?

פראָפעסאָר: ניין, פאַר אונז איז ער אַזוי גוט ווי געשטאָרבען. ער וועט שוין מעהר קיינמאָל צו אונז נישט אַריינקומען. מיר האָבען דאָ געהאַט אַ פיינליכע סצענע און איך האָב נישט געהאַט קיין צייט צו דערמאָנען אייער אַנגעלעגענהייט (פערטרויליך). דאָקטאָר פריש ליידט אויף קלעפטאָמאַניע!

שטיין: נאַרישקייטען! ה׳ פראָפעסאָר, גרויסע געלעהרטע לייקענען גאָר אינגאַנצען אב די גאַנצע קראַנקהייט.

פראָפעסאָר: איך האָב אויך אין אָנהויב נישט געגלויבט דערין. ווי איז אָבער, אַז ער האָט ביי אונז אַרויסגעגנב׳עט אַ אַלטען גאָרטען-שליסעל, אַ שוואַרצען באַנד און אַ טואַלעט-געגענשטאַנד פון מיין פרוי, וואָס מיין גוטע ערציהונג לאָזט מיך נישט אָנרופען ביים נאָמען? אייך האָט ער דען נישט צוגעגנב׳עט אייער פאָרטפעל?

שטיין: וואָס רעדט איהר, זעהר געעהרטער ה׳ פראָפעסאָר ער האָט אייך אַ זעלבעס געזאָגט?

פראָפעסאָר: איהר האָט עס דאָך אַליין פריהער ערצעהלט?

שטיין: איך? פערקעהרט, ה׳ פראָפעסאָר, ער האָט גענומען מיין פאָרטפעל, וועלכען איך האָב אויף אַ לייכטזיניגען אופן פערגעסען אין קאַפע-הויז, און איך בין איהם דערפאַר זעהר דאַנקבאַר, ווארום ווען ער וואָלט עס נישט געטון, וואָלט איך מיך שוין געמוזט געזעגנען אויף אייביג מיט מיין פאָרטפעל.

פראָפעסאָר: אַזוי?! אָבער ביז איצט האָט ער איהם אייך נישט צוריקגעגעבען?!

שטיין: גאַנץ איינפאַך דערפאַר, ווייל ער האָט פערגעסען, אַז ער האָט איהם גענומען צו זיך.

פ ר אָ פֿ ע ס אָ ר : און וואָס זאָגט איהר צום שוואַרצען באַנד, צום גאָרטען-שליסעל און צום ?... (ער מאַכט אַ בעוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנטון אַ זאָקען-בענדעל).

ש ט י י ן : איך זאָג, אַז פֿריש איז נישט פֿריש, געזונד און משוגע און אויב ער האָט די זאַכען גענומען צו זיך, האָט ער געוואוסט וואָס ער טוט, און, וואַהרשיינליך, האָט ער אַ אורזאַך דערצו.

ע ל ז ע (געהט אַריין צווישען שטיינ'ען און לילי'ן): איך וואָלט געוואָלט וויסען די אורזאַך, וואָס צווינגט איהם צו גנב'נען וואַזעס און פֿיגורען.

ש ט י י ן : האָט ער אַזעלכעס געטון ?

פ ר אָ פֿ ע ס אָ ר , ע ל ז ע און ל י ל י (גלייכצייטיג) : יאָ.

ע ל ז ע : ערשט מיט איניגע מינוט צוריק איז פֿון זיין טאַש ארויסגעפאַלען אָט די דאָזיגע בראָנז-פֿיגור, וואָס איז געשטאַנען דאָרט אויף דער שאַנק! זעהר געעהרטער הערר, איהר זאָגט דאָך, אַז איהר זענט היינט געווען אין זיין וואוינונג; האָט איהר דאָרט גאָרנישט בעמערקט פֿון די זאַכען, וועלכע פֿעהלען אונז? אַ שוואַרצער באַנד, אַ שליסעל אהן אַ צינגעל, אַ וואַזע?

ש ט י י ן : ניין, קיין איין זאַך נישט! זאָגאַר דאָס (ער מאַכט נאָך אַ זאָקען-בענדעל) אויך נישט.

ע ל ז ע : אַ פערלמוטערן מעסער?

ש ט יי ן : (טראַכט נאָך) אַ פערלמוטערן מעסער? יאָ, דאָס, דאַכט זיך מיר, האָב איך געזעהן ליגען אויפ'ן טיש.

ע ל ז ע : אָ, זעהט איהר שוין!

ל י ל י : אַלץ איז טאַקע אמת?!

ע ל ז ע : איהר זאָגט אליין, אַז איהר האָט עס געזעהן ביי איהם?

ש ט יי ן : יאָ, צי האָט איהר נאָך פֿיל אַזעלכע פערעלמוטערנע טאַשענמעסערלעך?

ע ל ז ע : וואָס פֿאַר'ע טאַשענמעסערלעך?

ש ט יי ן : איך מיין, ווי דעם דאָקטאָר פֿריש'ס פערעלמוטערן מעסערל, וואָס כ'האָב געזעהן ליגען ביי איהם אויפ'ן טיש.

עלזע: איהר שפּאַסט גאָר פון מיר! טאָ געהט אייך צו אייער פריינד און זאָגט איהם, אַז אַלע זאַכען, וואָס ער האָט צו־געקומען, קאָנען בלייבען ביי איהם, נאָר דאָס מעסער זאָל ער מיר צוריקשיקען, ווייל דאָס האָב איך אַ אַנדענקונג פון מיין זיידען. ער זאָל זיך אָבער נישט בעמיהען אַליין צוריקצוברענגען דאָס מע־סער, וואָרום מיר פּאָהרען אַוועק אויף אַ קורצע צייט.

שטיין: גוט, איך געה און וועל איהם אויפזוכען און דערצעה־לען, וואָס איהר האָט דאָ אַלץ אויסגערעדט אויף איהם (אַפּאַרט) איך מוז זאָפאָרט אַנטלויפען, וואָרום זיי ריידען אַלע פון היק! (אָב דורך דער מיט).

איינאונצוואַנציגסטער אויפטריט.

די פאָריגע (אָהן שטיינ'ען), האַנאַ.

האַנאַ (קומט דורך דער מיט): איך האָב נאָר געוואָלט זאָ־גען, אַז דער הערר דאָקטאָר... (וויינט).

פּראָפעסאָר: וואָס איז? וואָס האָט ער שוין ווידער?

האַנאַ: אַז דער ה' דאָקטאָר האָט מיר... (צוכליפּעט זיך).

עלזע: אָבער, האַנאַ, וואָס האָט ער דיר שוין ווידער?

האַנאַ (שרייט): אַז דער ה' דאָקטאָר האָט...

עלזע: אָבער דערצעהל שוין אַמאָל, וואָס האָט ער?

האַנאַ (צוכליפּעט זיך ווידער): מיין רינג... מיין רינג...

פּראָפעסאָר: וואָס איז דאָרט מיט'ן רינג?

האַנאַ: צוריקגעגעבען, ווען ער איז פריהער אַרויסגעגאַנגען.

פּראָפעסאָר: אָבער צוליב וואָס האָט ער איהם פריהער גענומען? האָט ער דיר גאָרנישט געזאָגט?

האַנאַ: יאָ, ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט שוין מעהר אין דעם הויז נישט אַריינקומען.

לילי (צעוויינט זיך).

האַנאַ: ער האָט מיר נאָר ערקלערט, פאַרוואָס ער האָט ביי מיר געבאָרגט דעם רינג...

עלזע (גלייכצייטיג): געבאָרגט?

האַנאַ: יאָ, געבאָרגט. די געשיכטע איז אַזאַ: זיין פֿער־לאָבונגס־רינג איז איהם פֿעולירדען געגאַנגען אין זיין וואוינונג און אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט, אַז פֿריילין לילי זאָל עס בע־מערקען און האָבען עגמת־נפש...

לילי (צוכליפּעט זיך).

האַנאַ: ...האָט ער ביי מיר געבאָרגט מיין רינג.

פּראָפעסאָר (צו זיין פרוי): דו הערסט?

עלזע: יאָ, איך הער. איך פֿרעג אָבער, וואו זענען אַלע אַנדערע זאַכען, וואָס פֿעהלען אונז?

(ס'קלינגט אין דרויסען).

האַנאַ (נעהט אָב דורך דער מיט).

עלזע: די געשיכטע מיט'ן פּאָרטפּעל איז אויך נאָך נישט קלאָר.

צוויי און צוואנציגסטער אויפֿטריט.

די פֿאָריגע (אָהן האַנאַ), שטיין.

שטיין (קומט שנעל אַריין דורך דער מיט): ניין, זי איז שוין יאָ קלאָר! אָט איז ער! איך האָב ענדליך געטראָפֿען פֿריש'ן אין זיין וואוינונג. ער האָט גאָר איינגעזאַגען געהאַט פֿערגעסען אין מיין פּאָרטפּעל און אַזוי ווי איך האָב איהם נאָר דערמאָנט, האָט ער מיר איהם זאָפֿאָרט אָבגעגעבען.

עלזע: מיט'ן גאַנצען געלד?

שטיין: זעלבסטפֿערשטענדליך. מיין פֿריינד איז געווען זעהר בייז, ווען איך האָב איהם דערצעהלט, וואָס איך האָב דאָ געהערט. אַזוי ווי איהר בעשולדיגט איהם, אַז ער האָט אייך בע'גנב'עט, קלאָגט ער אייך איין אין געריכט. ער קען אָבער אויך דעם גנב (ער רוקט זיך נאָהנט צו צום פּראָפעסאָר): הערר פּראָפֿעסאָר!

פּראָפעסאָר: נו? (ער רוקט זיך אָב).

שטיין: ער געפֿינט זיך אין דער דאָזיגער שטוב.

פּראָפעסאָר: וו—אָ—ס?

לילי (וויינענדיג): דו זעהסט, מאַמאַ, ער איז אונשולדיג!

איך האָב עס שטענדיג געזאָגט!

פּראָפעסאָר: אָבער זאָגט מיר, ווער האָט געקאָנט..

שטיין: דאָקטאָר פּריש קען איהם... איך מוז אוועקגעהן... אדיע! אויף ווידערזעהן אין געריכט!

פּראָפעסאָר (האַלט איהם צוריק): אָבער זעהר געעהרטער הערר, בלייבט נאָך אַ מינוט. זאָגט אייער פריינד, אַז ער דאַרף נישט קלאָגען, אַז ער דאַרף נישט...

שטיין: איך קאָן אייך גאָרנישט העלפען, ער איז זעהר אויפגערעגט, און ער איז שוין געוויס געגאַנגען אין געריכט.

פּראָפעסאָר (צוזאַמען): וואָס רעדט איהר!

עלזע: דאָס איז שרעקליך!

פּראָפעסאָר (צו זיין פרוי): דו זעהסט, צו וואָס דו האָסט געבראַכט?

עלזע: דו אַליין ביזט דאָך געוואָרען איבערצייגט אין דאָקטאָר'ס שולד, ווען די בראָנז-פיגור איז אַרויסגעפאַלען פון זיין טאַש!

יאָ, די בראָנז-פיגור!

שטיין: ער איז מודה, אַז ער האָט עס געטהון. אָבער ווייסט איהר צוליב וואָס? ער האָט געוואָלט קויפען אַ עהנליכע זאַך צום פרייליין ליליס געבורטסטאָג, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט.

לילי: אַך, ליבער פּאַפּאַ! מאַמאַ, דו זעהסט, ער איז אונשולדיג און נישט קראַנק, ווי דו האָסט געזאָגט. אָ, איך אומגליקליכע! איך וועל שטאַרבען, אויב פּאַקס וועט נישט זיין מיין מאַן! העלפט מיר, זעהר געעהרטער ה' שטיין! העלפט מיר!

שטיין: איך בעדויער זעהר, אָבער איך קאָן אייך גאָרנישט העלפען, אַדיע!

עלזע: אָבער זעהר געעהרטער ה', זעהט כאָטש, אַז אייער פריינד זאָל אונז נישט איינקלאָגען!

פּראָפעסאָר: מיר וועלען טון אַלץ, וואָס ער פערלאַנגט!

עלזע: יאָ, מיר וועלען זאָגאַר געהן צו איהם.

שטיין: (מאַכט עלזען נאָך) דאָס דאַרפט איהר ניט טון, וואָרום ער איז אַוועקגעפאָהרען אויף אַ קורצע צייט.

פּראָפעסאָר: וועלען מיר איהם נאָכפאָהרען. מיר טאָרען

נישט דערלאָזען צו אַ פּראָצעס.

שטיין: אָבער צי וועט דאָס העלפען! (ער פערטראַכט זיך) איין זאַך אפשר קאָן אויף איהם ווירקען.

פּראָפעסאָר: וואָס?

שטיין: אויב...

עלזע: } אויב?
לילי: }

שטיין: אויב איהר וועט איינשטימען... (ער שטעלט זיך אָב).

עלזע: (זעהר געשפּאַנט) אָבער וואָס? רעדט שוין אמאָל אַרויס!

שטיין (יעדעס וואָרט בעטאָנענדיג בעזונדער און ריידענדיג לאַנגזאַם): אויב איהר וועט איינשטימען, אַז די תתונה צווישען אייער טאָכטער, פריילין לילי, מיט איהר געליבטען, ד״ר פּריש, זאָל פאָרקומען נאָך היינטיגען חודש.

לילי: יאָ, יאָ, מאַמאַ!

עלזע: דאָס איז אונמעגליך! איך ווייס נאָך נישט, וואו די איבריגע זאַכען זענען.

שטיין: אַלזאָ, איהר ווילט נישט? אויב אזוי, אַדיע!

פּראָפעסאָר: וואַרט נאָר! יאָ, זאָל זיין, איך ווילינ איין.

עלזע: איך וועל עס אָבער נישט דערלאָזען! וואו איז דער שווארצער באַנד, דער שליסעל, די וואַזע?

(ס'קלינגט אין דרויסען).

דרייאונצוואַנציגסטער אויפטריט.

די פאָריגע, פּריש, דערנאָך האַנאַ.

פּריש (קומט אַריין): איך קאָן איצטער ענטדעקען אַלע געהיימניסען.

פּריש און לילי (ווילען זיך אַרומנעהמען).

שטיין (געהט אַריין צווישען זיי): וואַרט, דערווייל איז נאָך נישט אַלץ קלאָר.

פּריש: איך האָב, אַז איך וועל אַלעמען באַלד איבערציי-

גען, אז איך בין נישט קיין גנב. נאָך אַ לאַנג זוכען האָב איך איצט געפונען מיין רינג אין איינעם פון מיינע ביכער אַריינגעלעגט, קענטיג, אַלס צייכען, יזאו מ'האַלט אין לעזען (בעטראַכט פאָרשענד דעם פּראָפעסאָר'ס ביבליאָטעק). איך האָב דאָס דאָזיגע בוך שוין לאַנג נישט געלעזען, דער רינג איז אָבער דאָרט אַריינגעלעגט געוואָרען זייט נעכטען, זייט איהר, ה' פּראָפעסאָר, זענט געווען ביי מירן

פּראָפעסאָר (טרעט אַריין צווישען עלזע'ן און פּריש'ן): איך ווייס נישט וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען? איך פערשטעה אייך נישט...

פּריש: מיין רינג איז געלעגען צווישען די זייטלעך פון אַרטיקעל וועגען „דאָקטוירים אין אַלטען רוים".

פּראָפעסאָר: יאָ, איך דערמאַן זיך... אַ זעהר אינטערעסאַנטער אַרטיקעל... איך האָב איהם נעכטען אָנגעהויבען צו לעזען ביי אייך, איהר זענט נישט געווען אין שטוב. איך האָב זיך אָבער אויף אייך נישט געקאָנט דערוואַרטען און האָב איהם איבערגעלאָזט אין דערמיט...

פּריש: ריכטיג, און כדי צו געדענקען, וואו איהר האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט איהר אַריינגעלעגט אין בוך אַלס צייכען מיין פערלאָבונגס-רינג, וועלכער איז גראָד געלעגען אויפ'ן טיש.

פּראָפעסאָר: וואָס, דאָס האָב איך געטון?

פּריש: און ווען איך האָב אָנגעהויבען נאָכצוזוכען נאָך אין איניגע ביכער, האָב איך געפונען אַ קראַוואַט, וועלכער איז מיר שוין לאַנג פערלוירען געגאַנגען.

שטיין: אויסהערענדיג די ערקלערונגען פון מיין פריינד, ערלויב איך מיר, געעהרטער ה' פּראָפעסאָר, צו שטעלען אייך די פראַגע, צי געפינען זיך נישט צווישען אייערע ביכער אויך אַזעלכע צייכענס? איהר ערלויבט דאָך? (געהט צו צו דער ביכער-שאַנק רעכטס, נעהמט אַרויס איין בוך נאָכ'ן אַנדערן, עפענט עס אויף און שטעלט עס צוריק אַריין).

פּריש (העלפט אויך זוכען און געפינט אַ שוואַרצען באַנד): אַ שוואַרצער באַנד!

שטיין (געפינט אַ הענטשקע): אַ הענטשקע!

פּריש (געפינט אַ שליסעל): אַ שליסעל אָהן אַ צינגעל!

עלזע (פֿערשעמט): דער גאָרטען־שליסעל!

שטיין (געפֿינט אַ בריף): אַ נישט־געעפֿענטער בריף צום פֿרײַליין לילי — דאָקטאָר פֿריש'ס האַנדשריפֿט.

לילי: גיט אַהער דעם בריף (לויפֿט צו און רײַסט אַרויס דעם בריף).

שטיין: אַ פֿערעלמוטערן מעסער — נישט קיין טאַשען־מעסער!

עלזע (צו איהר מאַן): דו!

פֿריש (געפֿינט עפּעס אין אַ בוך, דערשרעקט זיך און פֿערמאַכט עס)

שטיין (האָט בעמערקט זײַן פֿערלעגענהייט און נעהמט איהם אַרויס דאָס בוך פֿון דער האַנד): כאַ... כאַ! (ער קוקט אַרײַן אין בוך און מאַכט נאָך די בעוועגונג, ווי ער וואָלט אָנגעטון אַ זאָקען־בענדעל; דערנאָך געהט ער צו צו לילי'ן און עלזע'ן און גיט זיי איבער דאָס פֿערמאַכטע בוך). גנעדיגע פֿרוי, איך גיב אייך איבער אייער שמערצליכסטען פֿערלוסט.

עלזע (צומישט, צוטומעלט, און דערנאָך שנעל געפֿאַסט): מײַן...

לילי (נעהמט אַרום פֿריש'ן): מײַן מאַקס! זײַ מיר מוחל און אונז אַלע!

פּראָפֿעסאָר (שטאַרק פֿערוואונדערט): זאָל איך עס ווירקליך האָבען? איך קאָן זיך אָבער גאָרנישט דערמאַנען.

עלזע: וואָס געוועזן, איז פֿערפֿאַלען. איצט מעגסטו דאָך אָבער שוין זאָגען דעם אמת, האָסטו די וואַזע, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, אויך אַרײַנגעלעגט אין אַ בוך?

האַנאַ (וועלכע איז שוין לאַנג געשטאַנען אין דער האַלב געעפֿנטער מיטעל־טיר, קומט צוריק־געהאַלטען אַרײַן און רוימט עפּעס אײַן שטיי'ן אין אויער).

שטיין: אייער האַנאַ האָט מיר נאָר וואָס עפּעס דערצעהלט, נאָר מיט'ן בעדינג, אַז מ'זאָל אויף איהר נישט בייז זײַן און איהר מוחל זײַן. די וואַזע — איז איהר מלאכה... זי האָט זי פֿריהער צובראָכען ביים אויסקעהרען.

עלזע: ה' דאָקטאָר, איצט זענט איהר פֿאָלשטענדיג פֿערענטפֿערט און איך בעט, אַז איהר זאָלט אונז פֿערצייהען.

פ ר י ש : לאָמיר גאָרנישט געדענקען. איך ווייס נאָר איינס איך בין גליקליך און מיין לילי איז גליקליך.

ל י ל י : יאָ, איבערגליקליך, טייערער מאַקס!

ש ט יי ן (צו עלזע'ן, שטרענג): און די חתונה וועט נאָך זיין היינטיגען חודש.

ע ל ז ע : בעשטימט, נאָך היינטיגען חודש.

ש ט יי ן : אָבער אונזער דאָקטאָר האָט דאָך בּיי איך עפּעס געגנב'עט.

אַ ל ע (קוקען איהם פערוואונדערט אָן).

ש ט יי ן : דאָס האַרץ פון אייער טאָכטער, זיין ליבע לילי.

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר : נאָר דאָזמאָל בין איך שוין גישט שולדיג.

פאָרהאַנג.

דאָס אויפפיהרונגס־רעכט ווערט געשיצט:
אין רוסלאַנד: דורכ'ן דראַמאַטישען און מוזי־קאַלישען שריפטשטעלער־פערבאַנד אין פּעטערבורג.
אין פּוילען: דורכ'ן יודישען ליטעראַטען און זשורנאַליסטען־פערא יין אין לאָדז.

פערלאַג „יודיש", וואַרשא.

23) אונטער אַ ווייסען פאַרהאַנג ..... דוד קאַסעל.

(„די ברייט־געשילדערטע לאַנדשאַפטען, די בולט'ע בילדער, פאַרבען און געשטאַלטען און דער פיינער פסיכאָלאָגישער אַנאַליז — דאָס אַלץ זענען גאָר נייע טענער אין דער יודישער ליטעראַטור").

24,25,26) דריי דורות .... יואל מאַסטבוים.

(„דאָס איז אַ גרויס ווערק, וואָס כאַפּט־אַרום אַ שטיק לעבען פון דריי דורות מיט זייערע איבערגאַנגען און טראַגיזם, וואָס מאַכט אַ געוואַלטיגען רושם אויפ'ן לעזער").

27,28) מאיר יעזעפאָוויטש .... ע. אָרזשעשקאָ.

(„מאַנכע האַנדלונגען און טיפּען פון דערמאָזיגען בוך זענען אַזוי שפּאַנענדיג און אַזוי שטאַרק, אַז דער איינדרוק בעהערשט דעם לעזער, ווי עפּיס אַן אונגעוועהנליכע מאַכט").

29,30) פוילען .... נח פּרילוצקי.

(„דאָס זענען די טאַמע וויכטיגסטע און העלסט־בעלעהרענדיגסטע בילדער וועגען פוילען, און יעדער יוד, וואָס וויל זיך אָריענטירען אין די פראַגען וועגען פוילען, מוז אונבעדינגט דיי האָבען אונטער דער האַנד").

31) דאָס בוך פון דער צייט .... דוד איינהאָרן.

(„אַ שלייער פון פּאָעזיע ליגט אויף איינהאָרנס פּראָזע און די געדאַנקען לייכטען־ארויס, ווי גאָלדענע פונקען"). פּרייז 15 מ.

32) בעגייסטערונג .... משה בראָדערזאָן.

(„די יודישע פּאָעזיע ווערט דאָ בערייכערט מיט נייע קלאַנגען און פאַרבען, וואָס קומען באמת פון ריינער גאָט־געבענסטער בעגייסטערונג").

מאַנועל ושאַן דיאַנאַ.

א רעצעפּט געגען שוויגערס

פֿאַרס אין 1 אַקט.

בעאַרבײַט דורך זלמן זילבערצװײַג.

תרע״ט

1919

פארלאג יודיש
ווארשע

פערזאנען:

פרוי שטיינבערג — 53 יאָהר

פרוי האַרטשטיין — איהר טאָכטער, 35 יאָהר

אננא — איהר טאָכטער

ארנאָלד וויינבערג — איהר מאַן, 28 יאָהר

יוליוס ליכטענפעלד — יין זפריינד 40 יאָהר

דאָקטאָר סאָלאָמאָן פעלדמאַן — 52 יאָהר

א דינער.

דאָס אויפפיהרונגס=רעכט ווערט געשיצט:
אין רוסלאַנד: דורכ'ן דראַמאַטישען און מוזי=
קאַלישען שריפטשטעלער-פערבאַנד אין
פעטערבורג.
אין פוילען: דורכ'ן יודישען ליטעראַטען און
זשורנאַליסטען-פעראיין אין לאָדז.

Drukarnia Piment i Szwabe, Warszawa, Sierakowska 4.

אַ עלעגאַנט מעבלירט צימער.

איין מיר אין הינטערגרונד און 2 זייטענטירען. לינקס, נע־בען אויוועו, פאָטאָגראַפיעס ביי דער וואַנד. איבער'ן אויווען אַ שפּיגעל.

ערשטער אויפטריט.

אַרנאָלד, אַננאַ, פרוי האַרטשטיין, פרוי שטיינבערג, ד״ר פעלדמאַן.

אַרנאָלד זיצט ביים טיש רעכטס, האַלט אַ ווירטשאַפטס בוך און אַ פעדער אין דער האַנד. געגענאיבער אהם אַננאַ, נעבען איהר אויף אַ זאָפע פרוי האַרטשטיין און פרוי שטיינבערג. די דאַמען שטיקען אָדער לייענען. לינקס, נישט וויט פון אויווען זיצט דאָקטאָר פעלדמאַן אין אַ פאָטעל און לייענט אַ צייטונג.

דאָקטאָר (איבעררייסענדיג דאָס לייענען): גאָט, שוין ווידער אַ באַהן־קאַטאַסטראָפע!

פרוי שטיינבערג: שוין ווידער! שרעקליך!

אַרנאָלד: אַזוי שרעקליך, אַז מ'וואָלט שוין גערן געוואָלט אַז ס'זאָלען זיך צוריק אומקעהרען די אַלטע גוטע צייטען, ווען מ'איז געפאָהרען אין אַ פאָסט־וואָגען — נישט אמת, באַבע? (פרוי שטיינבערג מאַכט אַ שלעכט־געשטימטע בעוועגונג. אַננאַ וואַרפט אַרנאָלד'ן צו אַ בליק, ווי זי וואָלט איהם געבעטען ווייטער נישט צו ריידען)

פרוי האַרטשטיין: און אויסערדעם איז גאָרנישט פאַר־האַן נייעס אין דער צייטונג, ה' דאָקטאָר?

דאָקטאָר: נייעס?... כ'ווייס! אויסער אַ טוץ מיניסטאָרען־

קריזיסען און אייניגע הונדערט רויב אָנפאַלען, געדענק איך בכלל נישט, אַז כ'זאָל האָבען געזעהען שוין זייט 3 חדשים עפּעס נייעס אין דער ציי̇טונג.

אַ ר נ אָ ל ד : און טאָמער איז שוין יאָ דאָ אַמאָל עפּעס אַ סענסאַציאָנעלע מעשה, ווערט זי באַלד צומאַרגענס אָבגעליקוי̇ט.

ד אָ ק ט אָ ר : דאָס הייסט, פון דער קאָנקורענץ צייטונג...

אַ ר נ אָ ל ד : פערשעהט זיך.

פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט י י ן : זענען די רעכנונגען אין אָרדנונג, אַרנאָלד?

אַ ר נ אָ ל ד : איך רעכען דאָך ערשט נאָך...

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : אייל זיך נאָר נישט און האָב נישט קיין טעות...

אַ ר נ אָ ל ד : זאָל גאָט אָבהיטען, באָבע! (פרוי שטיינבערג וואַרפט אויף איהם אַ בייזען בליק, אַננאַ גיט איהם אַ צייכען, אַז ער זאָל אויפהערען. נאָך אַ פויזע, שטיל צו אַננאַ'ן) מיר וועלען היינט אַרויסגעהן אַביסעל שפּאַצירען?

א נ נ א (צו דער מוטער): מאַמא, וועסט געהן מיט אונז היינט שפּאַצירען?

פ ר ו י ה א ר ט ש ט י י ן (צו איהר מוטער): וועסט געהן היינט אַביסעל מיט אונז, מאַמאַ?

פ ר ו י ש ט י י נ ב ע ר ג (צו איהר טאָכטער): ס'איז היינט אַזוי קיהל אין דרויסען.

פ ר ו י ה א ר ט ש ט י י ן (צו איהר טאָכטער): ס'וועט נאָך זיכער רעגנען.

אַ נ נ אַ (צו אַרנאָלד'ן): ס'איז היינט אַזאַ שלעכט וועטער, אַרנאָלד.

אַ ר נ אָ ל ד : אַ שלעכט וועטער! אויפ'ן גאַנצען הימעל זעהט מען דאָך אָבער נישט קיין וואָלקענדיל.

אַ נ נ אַ (אַנאַרש): אַרנאָלד!

פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט י י ן : ס'וועט נאָך רעגנען; פערלאָז דיך אויף מיר, אַז איך זאָג, ווייס איך וואָס כ'רייד... זענען די רעכנונגען אין אָרדנונג?

אַ ר נ אָ ל ד (קוקט אַריין אין די פּאַפּירען): יאָ, ס'שטימט אויף

אַ האָר, באָבע. (פֿרוי האַרטשטיין קוקט איהם בייז אָן) דאָקטאָר, וואָס שפּיעלט מען היינט אין טעאַטער?

ד אָ ק ט אָ ר (קוקט אַריין אין ציימונג): עוואַ.

א ר נ אָ ל ד (צו אַנגאַ׳ן) ווי מיינסטו, אַננאַ, זאָלען מיר געהן צו עוואַ?

אַ נ נ אַ (האַלב אַפּאַרט): עוואַ? דאָס איז אַ פּרעכטיגע זאַך! (צו איהר מוטער) וואָס זאָגסט דו דערצו, מאַמאַ?

פֿ ר ו י ש ט יי נ ב ע ר ג (צו איהר טאָכטער): עוואַ! אַך, דאָס איז אַ לאַנגווייליגע זאַך.

פֿ ר ו י ה אַ ר ט ש ט יי ן (צו איהר טאָכטער): אַ צו אַלטע זאַך.

אַ נ נ אַ (צו אַרנאָלד׳ן): כ׳האָב נישט ליעב די זאַך.

א ר נ אָ ל ד (אַפּאַרט): נאָך אַ משפּט פֿון אַלע דריי ווייבער האָב איך עס פֿריהער געקאָנט ערוואַרטען.

פֿ ר ו י ש ט יי נ ב ע ר ג: ווילסטו נישט בעסער אַריינגעהן שפּילען מיט מ ר אַ פּאַרטיע שאָך?

אַ ר נ אָ ל ד: איך דאַנק, איך דאַרף אַוועקגעהן.

אַ נ נ אַ: דו געהסט אַוועק?

אַ ר נ אָ ל ד: דו ווייסט דאָך, צו סאַמעט׳ן וועגען פֿערד, וואָס כ׳וויל קויפֿען.

אַ נ נ אַ: אָ, דאָס געפֿעלט מיר! (צו דער מוטער) מאַמאַ, ער וויל מיר קויפֿען אַ פֿערד צו רייטען.

פֿ ר ו י ש ט יי נ ב ע ר ג: אַ רייט-פֿערד? דאָס פֿעהלט נאָך! אויף אַזאַ פֿע־ד איז מען דאָך איינגעשטעלט מיט׳ן לעבען.

אַ ר נ אָ ל ד (אַפּאַרט): ס׳איז מיר גוט... זי הויבט אָן און באַלד וועלען מיר האָבען אַ גאַנצען קאָנצערט אויף׳ן זעלבען מאָטיוו.

פֿ ר ו י ה א ר ט ש ט יי ן (צו איהר טאָכטער): פֿערד זענען אַ זעהר געפֿעהרליך שפּילצייג.

פֿ ר ו י ש ט יי נ ב ע ר ג (צו איהר טאָכטער): מיט פֿערד טאָר מען זיך נישט שפּילען.

ד אָ ק ט אָ ר (צוויי זייטיג): יאָ, פֿערד זענען טאַקע אַ שלעכטע זאַך.

פֿ ר ו י ה אַ ר ט ש ט יי ן: איך קאָן איבערהויפּט נישט הערען

ריין ווען פערד. (צו איהר טאָכטער) דו געהסט?

פרוי שטייבערג: יאָ, איך געה. (צו איהר טאָכטער) דו געהסט אויך? (אננא שאָקעלט אויף ניין) און איהר, ה' דאָקטאָר, געהט אויך נישט.

דאָקטאָר: איך געה יאָ. (די פרויען הארטשטיין און שטיינבערג און דאָקטאָר — אָב).

צווייטער אויפטריט.

ארנאָלד. אננא.

ארנאָלד: וואָס פאַר'ע שרעקליכע לאַגע!

אננא: וואָס פעהלט דיר דען, טייערער?

ארנאָלד: לאָז מיך אָב!

אננא: ביזט בייז אויף מיר?

ארנאָלד: אויף דיר? זאָל גאָט אָבהיטען! ניין, דו ביזט פונקט אַזוי אומגליקליך ווי איך.

אננא: דו — אומגליקליך?

ארנאָלד: דו רעכענסט, אַז ס'איז אַזוי בעקוועם פאַר אַ מאַן שטענדיג צו ליגען אונטער'ן פאַנטאָפעל און קיינמאָל נישט צו קאָנען אויפהויבען דעם אייגענעם קאָפּ?

אננא: דו ביזט שלעכט געשטימט.

ארנאָלד: מ'קען דען אַנדערש זיין? איך בין מעהר קיין מענש, איך בין אַ מאַשין, וואָס ווערט בעדרעהט פון דיין מאַמע און באָבע. איך געה שלאָפען, שטעה אויף, געה אַוועק, קום צוריק, עס, טרינק, רעד, שלאָף, אָטעם, זיפץ, לאַך, שוויג, שמועס, קרעכץ, זינג און טאַנץ שטענדיג לויט אַ פראָגראַם וואָס איינע פון זיי ביידע אַרבייט מיר אויס. יעדען אין דערפריה אַרבייטען זיי מיר אויס דעם פּלאַן, וואָס איך האָב צו טהון אַ גאַנצען טאָג... זיי וועלען מיר נאָך באַלד בעפעהלען וואָס כ'האָב צו טהון ביי נאַכט אויך.

אננא (בערוהיגענד): אַרנאָלד — דאָס איז שוין איבערגעטריבען!

ארנאָלד: ניין, ניין, ס'האַלט שוין גאָרנישט ווייט דערפון. און דערצו איז נאָך מיין אומגליק גרעסער ווי אַלעמענס. אַנדערע יונגע פאָרלעך האָבען נאָר איין שוויגער, און איך אומגליק-

ליכער האָב צוויי.

אננאַ: אָבער וואָס זאָל מען דערצו טהון?

אַרנאָלד: אָ, ווען איך וואָלט געוואוּכט... אזוי קאָן עס אָבער נישט בלייבען; מיר האָבען נישט חתונה געהאַט צו פערברענגען אַזאַ לעבען. ווען איך וואָלט פריהער געוואוּכט, אַז איך וועל זיין אייביג פער׳משפּט אויף צוויי גיהונום׳ס, וואָלט איך...

אַננאַ: דו האָסט חרטה אויף אונזער חתונה! פוּ, איך וויל מעהר, גאָרנישט הערען פון דיר. איך געה שוין אַוועק!

אַרנאָלד: צו די שוויגערס... קוש זיי דאָרט אָנשטאָט מיר!

אַננאַ (קומט צוריק, שטעקט אויס דעם שטערן) גוט... איך האָב אָבער נישט צו באָרגען... (ארנאָלד קושט זי) איצט וועל איך האָבען אָבצוגעבען. דו קומסט דאך באַלד? (אב)

אַרנאָלד: יאָ.

דריטער אויפטריט

אַרנאָלד, דערנאָך דער דינער און ליכטענפעלד.

אַרנאָלד: אַ שאָד! אַ גוטע פרוי, נאָר זי האָט צופיל מורא פאַר איהר מוטער און באָבע. ווייטער קאָן אָבער אזוי נישט געהן, מ׳מוז צו טראַכטען עפּעס אַ מיטעל.

דינער (ברענגט אַריין אַ וויזיט קאַרטע, באַלד אָב).

אַרנאָלד (נעמט די קאַרטע): יוליוס ליכטענפעלד! מיין בעסטער פריינד! ער דאָ?

יוליוס (אַריינקומענדיג): יאָ, דאָ איז ער.

אַרנאָלד: אַך, ליבער פריינד, וואָס פאַר׳ע גליקליכער צופאַל האָט דיך דאָ אַהערגעבראַכט. מיר האָבען זיך דאָך שוין אַזוי לאַנג נישט געזעהען. וואָס מאַכסטו? און וואָס מאַכט דיין פרוי?

יוליוס: איך האָב נישט מעהר קיין פרוי...

אַרנאָלד: וואָס?

יוליוס: וואָס דו הערסט. שוין 3 יאָהר ווי כ׳בין אַליין.

אַרנאָלד: אָרימער פריינד — און דו ביזט דאָך געוועזען גליקליך?!

יוליוס: יאָ, מיין פרוי איז געווען זייער אַ גוטע און כ׳וואָלט געווען גליקליך, ווען דער טייוועל וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט אין מיטען.

אַרנאָלד: דער טייוועל? אַהאַ, כ׳פאַרשטעה; דו מיינסט, דיין שוויגער.

יוליוס: געטראָפען... זי האָט ביי אונז געוואוינט און וואָס איך האָב זיך פון איהר אָנגעליטען, קאָנסטו דיר גאָרנישט פאָרשטעלען. ווי קאָנסטו פיהלען די צרות וואָס מ׳ליידט זיך אָן פון אַ שוויגער, אַז דאָ האָסט נאָך נישט דיין אייגענע היים.

אַרנאָלד: איך האָב.

יוליוס: דו האָסט חתונה געהאַט?

אַרנאָלד: יאָ, מיט אַ חודש צוריק.

יוליוס: מזל-טוב. און אַ שוויגער האָסטו?

אַרנאָלד: ניין.

יוליוס: גליקליכער מענש, לאָז מיך דיר גראַטולירען.

אַרנאָלד: כאַפ נישט.

יוליוס: פאַרוואָס?

אַרנאָלד: ווייל... כ׳האָב 2 שוויגערס.

יוליוס: צוויי! ווי אַזוי איז דאָס מעגליך?

אַרנאָלד: מיין פרוי׳ס מוטער און אַ באָבע...

יוליוס: און דו וואוינסט צוזאַמען מיט זיי? (אַרנאָלד מאַכט אַ צייכען אויף יאָ) אַך, ליבער פריינד, ווי איך בעדויער דיך! ווי זאָגט מען עפּעס, מ׳זאָל נישט געהן צים רופא נאָר צום חולה, נאָר איך קאָן דיר מיטפיהלען דעם טעם פון דער חולאת, וואָס מ׳רופט אָן: שוויגער... אַזאַ דיק בוך וואָלט איך געקאָנט וועגען דעם אָנשרייבען. שוויגערס זענען פאַרהאַן 3 קאַטעגאָריעס: אַ שוויגער אויף אַ מרחק פון 100 מייל, איז אַ לייכט פיבער, אַ שוויגער אין דער זעלבער שטאָדט, איז אַ שטאַרק פיבער, און אַ שוויגער אונטער׳ן זעלבען דאַך, איז די כאָלערא אליין!

אַרנאָלד: און איך, ברודער, שטעק אין דערדריטער קאַטעגאָריע און אויב ס׳איז פאַרהאַן אַ פירטע, בין איך אין דער פירטער.

יוליוס (שמעקט מיט דער נאָז): ס׳שמעקט דאָ טאַקע מיט שוויגערס.

אַרנאָלד: נישט אמת, ס׳שמעקט מיט פּולווער?

יוליוס: יאָ, אַזוי ווי אַ בליק וואָלט אַריינגעשלאָגען.

אַרנאָלד: אַלע עשר מכות זאָגען דאָך גאָרנישט געגען מיינע צרות...

יוליוס: און דו טהוסט גאָרנישט געגען דעם?

אַרנאָלד: איך האָב געפּרובט... וואָס קאָן מען אָבער אויפטהון געגען אַ שוויגער? שטעל דיר פאָר, אַז זי האָט זיך אַהערגעבראַכט אַ דאָקטאָר, וואָס האָט פאַר איהר ערפונדען אַ מיטעל לאַנג צו לעבען.

יוליוס: דעם דאָקטאָר עקספּעדיר איך באַלד.

אַרנאָלד: דו?

יוליוס: יאָ, דאָס איז ביי מיר פון די לייכטע זאַכען. זאָג נאָר, ער יאָגט זיך עפּעס נאָך כבוד?

אַרנאָלד: אַ שעהנע פראַגע. ער חלומ׳ט נאָר שטענדיג וועגען אַ קאַריערע.

יוליוס: אויסגעצייכענט!

אַרנאָלד: וואָס, דו קענסט איהם פערשאַפען די קאַריערע?

יוליוס: ניין, אָבער צוזאָגען קאָן איך איהם דאָך.

אַרנאָלד: אַלזאָ, דעם דאָקטאָר ביזטו מיר בעשטימט משלח?

יוליוס: יאָ, אַך, אַרנאָלע, אַרנאָלד! ווער נאָך ווי איך פיהל דיר מיט וואָס דו ליידסט פון דער שוויגער...

אַרנאָלד: פון די שוויגערס...

יוליוס: איך וועל מעהר קיינמאָל נישט דערלאָזען, אַז מ׳זאָל מיר אַריינברענגען אַ שוויגער אין שטוב. דאָס וועט זיין דער ערשטער בעדינג ביי מיין נייעם שדוך.

אַרנאָלד: וואָס, דו געהסט ווידער חתונה האָבען?

יוליוס: ליידער!

אַרנאָלד: פאַרוואָס ליידער?

יוליוס: ווייל איך בין פערליבט.

אַרנאָלד: דאָס איז נישט קיין אומגליק.

יוליוס: יאָ, ביי נאָרמאַלע אומשטענדען איז עס נישט קיין גרויס אומגליק; איך בין אָבער פאַרליבט, נישט ווינסנדיג אין וועמען.

אַרנאָלד: דאָס קלינגט ראָמאַנטיש.

יוליוס: אַזוי איז עס טאַקע.

אַרנאָלד: דערצעהל, ס'איז זעהר אינטערסאַנט.

יוליוס: דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר צוריק...

אַרנאָלד: וואַרט... דערצו מוז מען זיך בעקוועם זעצען (זיי זעצען זיך) אַזוי, איצט הייב אָן.

יוליוס: אַ־ערך מיט אַ יאָהר צוריק האָב איך געמאַכט אַ רייזע איבער דער שווייץ. אויף אַ סטאַנציע, אויף וועלכע דער צוג איז געשטאַנען אַ פערטעל שעה, בין איך אַרויס געגאַנגען און זיך געזעצט ביי אַ טיש ביים בופעט. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז גראָד געגענאיבער זאָל זיך אַוועקזעצען אַ רייצענדע דאַמע, אַז איך זאָג רייצענד גיב איך דיר נאָך נישט איבער דעם בעגריף ווי שעהן זי איז געווען, איהר שטערן, נאָז, אויגען. ס'איז מיר געוואָרען הייס אין אַלע אברים. איך האָב נישט אַראָבגעלאָזט אַ אויג פון איהר. איך האָב אָבער נישט געוואוסט בעשטימט צי זי האָט עס בעמערקט.

אַרנאָלד: דאָס בעמערקט אַ פרוי שטענדיג.

יוליוס: יאָ, מיר האָט זיך אויסגעוויזען אַז זי האָט עס בעמערקט, ווארום איהר שעהן פנים האָט זיך אָנגעהויבען צו רויטלען. הער אָבער ווייטער: מ'האָט אַריינגעבראַכט קאָטלעטען און ווען מיין שעהנע אונבעקאַנטע דאַמע האָט זיך אויסגעקליבען אַ קאָטלעט, האָט אַ אונבעקאַנטער הערר אַריינגעשטעקט זיין גאָפּעל און זי געוואָלט נעמען פאַר זיך. איך האָב זיך שנעל אַריינגעמישט אַרויסגעכאַפּט דעם הערר'ס גאָפּעל און איהם גאַלאַנט צוזאַמען מיט'ן קאָטלעט דערלאַנגט דער אונבעקאַנטער דאַמע.

אַרנאָלד: און ווי אַזוי ביזטו בעלויבט געוואָרען פאַר דיין העלדען-טאַט?

יוליוס: אַ פעסטען פאַטש, מיט וועלכען דער אונבעקאַנטער הערר האָט מיך מכבד געווען ווען איך בין צוריק אַריין אין צוג

ס'איז ענטשטאַנען אַ טומעל. איך בין אַרויס פֿון אַ צוג, געלאָפֿען מאַכען אַ אָנקלאַגע, דערווייל איז דער צוג אַוועק און צוזאַמען מיט איהם...

אַרנאָלד: דיין שעהנע אונבעקאַנטע דאַמע.

יוליוס: יאָ, לײדער! און זייט דעמאָלט בין איך שוין דורכגעפֿאָהרען גאַנץ שווייץ און נאָך אַנדערע לענדער, נאָר אומזיסט

אַרנאָלד: אָרימער פֿריינד!

יוליוס: נאָר איינמאָל האָב איך זי ווידער געזעהען... אַ איינציג מאָל... אין וואַרשאַ.

אַרנאָלד: מיין פֿרוי'ס געבורטס-שטאָדט.

יוליוס: זי איז געווען אויף אַ צוג, וואָס האָט ביים אָבפֿאָהרען פֿון וואָקזאַל זיך גראָד בעגעגענט מיט מיין צוג. איינציגע מאָל גערופֿען צו איהר. דער צוג איז אָבער שנעל אַוועק געפֿלויגען

אַרנאָלד: נו, נו, דו וועסט זי נאָך טרעפֿען. דערווייל טהו זיך אָבער אויס און איך וועל דיך בעקענען מיט מיין פֿרוי, וועלכע כ'האָב שוין אַזוי פֿיעל דערצעהלט וועגען דיר.

יוליוס: אַ דאַנק דיר. דאָס איז מיר אָבער אונמעגליך, אין אַזאַ קאָסטיום.

אַרנאָלד: נאַרישקייטען. ביי מיר דאַפֿסטו זיך נישט צערמאָנירען. ניין, איך לאָז דיך נישט אַוועק, איך רוף שוין אַריין מיין פֿרוי (אָב).

פֿיערטער אויפֿטריט.

יוליוס (אַליין).

יוליוס: יאָ, איך מוז, איך וועל זי ווידער געפֿונען! ס'איז מיר זעהר אונאַנגענעם זיך בעקענען מיט אַרנאָלד'ס פֿרוי אין אַזאַ קאָסטיום... איך זעה זיכער שרעקליך אויס (געהט צו צום שפּיגעל איבער'ן אויווען) גאָט מיינער, וואָס זעה איך! די דאָזיגע פֿאָטאָגראַפֿיע! (ער נעמט אַראָב אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון וואַנד) דאָס איז זי! זי איז עס! ווי קומט דאָס דאָזיגע בילד דאָ אַהער? אַרנאָלד קען זי אַלזאָ? דאָס איז זי — יאָ, יאָ, דאָס איז זי! (פֿאַלט פֿאַר'ן בילד אויף דער קניה, אַזוי, אַז עס קומט אוים מיט'ן רוקען צו דער אַריינגעקומענער פֿרוי הארט-

שטיין) — אַך, ווען דו וואָלסט געקאָנט לעבעדיג ווערען!

פינפטער אויפטריט.

דער פּאָריגער, פרוי האַרטשטיין דורכן הינטערגרונד.

פרוי האַרטשטיין: אָהער דאָ... און דערצו נאָך אויף די קניה!... מיין הערר!

יוליוס (דרעהט זיך אָב אויף די קניה): אָ!

פרוי האַרטשטיין: וואָס ווילט איהר? וואָס טהוט איהר דאָ?

יוליוס: דאָס איז זי — זי אַליין — גאָט זיי דאַנק, ענדליך האָב איך זי געפינען! (שטעהט אויף):

פרוי האַרטשטיין (ציהט זיך דערשראָקען צוריק) דער מענש איז משוגע!

יוליוס: פון ליעבע צו אייך, מיין שעהנע אונבעקאַנטע. (ער מאַכט אַ שריט נעהנטער צו איהר, זי ציהט זיך דערשראָקען צוריק)

פרוי האַרטשטיין: דערנעהנטערט זיך נישט אַזוי צו מיר! ווער זענט איהר?

יוליוס: וואָס, איהר דערקענט מיך נישט?

פרוי האַרטשטיין: ניין, איהר זענט מיר אונבעקאַנט. איך געדענק נישט, אַז איך זאָל אייך האָבען ערגעץ וואו געזעהען.

יוליוס: איהר דערמאָנט זיך נישט, מיט אַ יאָהר צוריק, אויף אַ באַהן סטאַנציע, ווען אַ הערר, האָט געהאַט אַ סקאַנדאַל צוליב אַ קאָטלעט, וואָס מ'האָט ביי אייך געוואָלט צונעהמען.

פרוי האַרטשטיין: אַך, יאָ, דאָס זענט איהר?

יוליוס: יאָ, און זייט דעם דאָזיגען אויגענבליק, גנעדיגע פרוי, געהערט מיין האַרץ אייך!

פרוי האַרטשטיין (לאַכט).

יוליוס: אָ, לאַכט נישט פון אַ אומגליקליכען. גנעדיגע פרוי, ווען איהר וואָלט נאָר געוואוסט...

פרוי האַרטשטיין: איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען איין זאַך: ווער זענט איהר און ווי אַזוי איהר זענט אהער געקומען.

יולױוס: איך בעט אײך טױזענד מאָל ענטשולדיגונג: אך בין ארנאלד'ס א פרײנד; ער האָט געװאָלט (שרײט פלוצלונג אױס) גנעדיגע פרױ!

פרױ הארטשטײן: גאָט מײנער, װאָס איז אײך? איהר האָט מיך דערשראָקען!

יולױוס: אַ שרעקליכער געדאַנק איז מיר געקומען אין קאָפּ, איהר זענט אפשר זײן פרױ?

פרױ האַרטשטײן: זײן פרױ! איך? נײן, איך בין אַ אלמנה.

יולױוס: אַ אלמנה! אָ, איהר האָט מיר צוריק אַרײנגעזעצט אַ נשמה! אַ אלמנה! — מײן פרײנד װעט שױן מיט אײך רײדען..

פרױ האַרטשטײן: צו װאָס?

יולױוס: כדי איך צו זאָגען, אַז איך ליב אײך לײדענ־שאַפטליך.

פרױ האַרטשטײן: װי אַזױ רעדט איהר עפּעס?! מײן הערר, איך קען אײך נישט און װעל מעהר נישט הערען אַזױ רײדען. (אַב רעכטס).

זעקס־ער אױפטרט.

יולױוס, אַרנאָלד פון לינקס:

יולױוס (לױפט איהר נאָך ביז צו דער טיר): אָבער מײן טײ־ערע, איך ליב עהרליך, אמת'דיג!

אַרנאָלד: װאָס, דו ליבסט מײן שװיגער!

יולױוס: דײן שװיגער!... װי אַלט איז זי דען?

אַרנאָלד: 35 יאָהר — אָבער װי קומסטו, אַז דו זאָלסט זיך איהר ערקלערען אין ליבע?

יולױוס: דיר איז גאָרנישט אײנגעפאַלען? די רײצענדע אונבעקאַנטע, װעלכע איך זוך שױן זײט אַ יאָהר...

אַרנאָלד: נו?

יולױוס: איז דאָך דײן — שװיגער! איצט פערשטעהסטו שױן? יאָ, דאָס שיקזאַל מאַכט אונז אָפט זעלטענע איבעראַשונגען. חער װאָלט דאָס גערעכענט, אַז איך װעל אמאָל װערען דײן

שווער?

ארנאָלד: דו?

יוליוס: איך!... איך האָב מיט איהר חתונה.

ארנאָלד: און דיין שבועה?

יוליוס: וועלכע שבועה?

ארנאָלד: דו פערגעסט, אַז דו האָסט אַ שוויגער, טאַקע מיין שוויגער-מוטער. די דריי ווייבער האָבען געשלאָסען אַ הייליגען בונד און געשוואוירען זיך קיינמאָל נישט צו שיידען.

יוליוס: אויב אַזוי... זאָג מיר נאָר, ווי אַלט איז די אַלטע?

ארנאָלד: 53 יאָהר.

יוליוס: אָדער זי איז דאָך נאָך פריש (ארנאָלד שאָקעלט אויף יאָ). און זי וואָלט דאָך געוואָלט האָבען אַ נאָמען אויף זיך, איצט וואָלט מען נאָר געדאַרפט האָבען דעם דאָקטאָר...

זיבעטער אויפטריט.

די פאָריגע, דאָקטאָר פון ליגקס.

דאָקטאַר: מיך מיינט איהר?

יוליוס: יאָ, נאָר מיר וועלען שוין וועגען דער ריידען אַ אַנדער מאָל. (צו ארנאָלד'ן) און וואו איז דיין פרוי, וועלכע דו האָסט מיר געוואָלט פאָרשטעלען?

ארנאָלד: זי קומט באַלד... איך געה טאַקע געבען אַ קוק, צי... (געהט, קומט באַלד צוריק) איך האָב גאָר פערגעסען... (שטעלט פאָר) אונזער ליבער הויז-פריינד, דאָקטאָר פעלדמאַן — ה' ליכטענפעלר, מיינער אַ אַלטער יוגענד-פריינד. (די פאָרגעשטעלטע פערבייגען זיך), ענטשולדיגט מיר אויף אַ אויגענבליק, מיינע פריינד (אָב ליגקס).

אַלטער אויפטריט.

דאָקטאָר, יוליוס, שפעטער דער דינער.

דאָקטאָר: ס'פרעהט מיך זעהר צו זיין מיט אייך פערזענליך בעקאַנט. אייער פריינד האָט מיר זעהר פיעל מאָל וועגען אייך דערצעלהט.

וליוס: און וועגען אייך האָב איך אויך פיעל געהערט.

איבערהויפּט האָט איהר זיך ערוואָרבען אַ נאָמען זייט איהר האָט ערפונדען דאָס מיטעל צו פערלענגערן דאָס לעבען פון די אַלטע פרויען.

ד אָ ק ט אָ ר: 25 יאָהר האָב איך דערויף געאַרבייט.

י ו ל י ו ס: אָבער ווער האָט אייך ערלויבט צו ענדערן דאָס געזעץ פון דער נאַטור?

ד אָ ק ט אָ ר: איך בין דאָקטאָר!

י ו ל י ו ס: טאַקע צוליב דעם.

ד אָ ק ט אָ ר: איך פערשטעה אייך נישט.

י ו ל י ו ס: איהר ווייסט אַלזאָ נישט וואָס אַ שוויגער איז!

ד אָ ק ט אָ ר: ווי אַזוי זאָל איך וויסען, אַז איך בין נישט פערהייראַט.

י ו ל י ו ס (אַפּאַרט): אַ גאָלדענע אידעע! (הויך) דאָס דאַרפט איהר אין אייער אייגענער אינטערעס בעדויערן.

ד אָ ק ט אָ ר: פאַרוואָס?

י ו ל י ו ס: ווען איהר וואָלט געווען פערהייראַט, וואָלט איך אייך געקאָנט פערשאַפען אַ זעהר בעדייטענדע און עהרענפולע שטעל, וואָס איז פערבונדען מיט אַ גאַנץ בעזונדערע אויסצייכנונג.

ד אָ ק ט אָ ר: אַ אויסצייכנונג? אָ, ווי איך בענק נאָך אַ אויס-צייכנונג —

י ו ל י ו ס: — וועלכע איהר האָט עהרליך פערדינט פאַר אייער מיטעל צו פערלענגערן דאָס לעבען פון די שוויגערס.

ד אָ ק ט אָ ר: און דערצו מוז מען, זאָגט איהר, זיין פער-הייראַט?

י ו ל י ו ס: יאָ, אָהן דעם געהט עס נישט.

ד אָ ק ט אָ ר: און פון וועמען און פון וואָס איז אָבהענ-גיג די ענטשיידונג?

י ו ל י ו ס: פון וועמען? — פון מיר, אָדער פון מיין פעטער, נאָר דאָס איז נישט קיין אונטערשיד. פון וואָס? — פון אייער הייראַט.

ד אָ ק ט אָ ר: אָ, איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ קרבן איך וואָלט נישט געבראַכט — אָבער מיט וועמען זאָל איך הייראַטען?

יוליוס: איהר האלט דאס גליק אין דער האנד און איהר ...רעגט נאך...

דאקטאר: איך ווייס נישט וואס איהר מיינט.

יוליוס: די באבע...

דאקטאר: גרויסער גאט!

יוליוס: א דאנק אייער מיטעל איז די נאך געזונט פריש און מונטער.

דאקטאר: אמת, אבער...

יוליוס: אבער, וואס?

דאקטאר: אבער, צי וויל זי מיך?

יוליוס: א שעהנע פראגע! וואס איז, די איז נישט חוה'ס א טאכטער?

דאקטאר: אבער איהר עלטער?

יוליוס: א ער אייער גליק! פערגעסט נישט, אז דאס איז דער איינציגער בעדינג. ג.ל.א, נעמט איהר איהם אן?

דאקטאר (נאך א קורצען ישוב-הדעת): יא, איך נעם אן.

יוליוס (אפארט): מ'מוז שמירען דאס אייזען כל-זמן ס'איז הייס. (ער קלינגט) ה' דאקטאר, מיין מיינונג איז, אז איהר זאלט זיך איהר שוין ערקלערען.

דאקטאר: און ווען בעקום איך מיין נייע שטעל?

יוליוס: אין טאג פון אייער חתונה. (צום אריינקומענדער דינער) דער הערר דאקטאר וויל זאפארט ריידען מיט דער באבע (דינער גייט אב). איך לאז אייך אליין מיט אייער בעשערט, ה' דאקטאר און וועל דערוויל שרייבען וועגען אייך צו מיין פעטער.

נייטער אויפטריט.

דאקטאר (אליין).

דאקטאר: איך ווייס נישט צו איך בין גוט צוגעגרייט... די זאך איז מיר געקומען אזוי פלוצלונג! מערקווירדיג... חתונה האבען מיט דער באבע... וואס טהוט מען אבער נישט צוליב א קאריערע. (עמשלאסען) ניין, איך וועל זיך פאר גארנישט אפשרעקען. (פרוי שווייגבערג קומט אריין) גאט, אט איז זי!.

צעהנט ר אויפטריט

ד אָ ק ט אָ ר, פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג: איהר ווילט מיט מיר רעדען, דאָקטאָר?

ד אָ ק ט אָ ר: גנעדיגע פרוי, (אַפּאַרט) גאָט, ווי אַלט זי איז!

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג: וואָס ווילט איהר, ליבער פריינד?

ד אָ ק ט אָ ר: איך האָב אייך איבערצוגעבען עפּעס וויכטיגעס — עפּעס זעהר וויכטיגעס.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג: איהר מאַכט מיך נייגיריג.

ד אָ ק ט אָ ר: לאָמיר זיך אַ ביסעל זעצען און ריידען ווי גוטע פריינד (ווי זעצען זיך נישט הייט פון אויוען).

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג: איך הער.

ד אָ ק ט אָ ר: זייט וויסען, טייערע פריינדין, —(אַפּאַרט) גאָט, ווי אַלט זי איז! (הויך, אָנגעמענדיג איהר האַנד) זייט וויסען, אַז... אַז... ווייסט מיר אייער פולס... גאַנץ נאָרמאַל. יאָ, גאַנץ נאָרמאַל!

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג: פאַרוואָס טאַפּט איהר מיר עפּעס דעם פולס? בין איך דען קראַנק?

ד אָ ק ט אָ ר: איך מוז אייך צוגרייטען צו עפּעס...

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג: איהר דערקענט מיך.

ד אָ ק ט אָ ר: איהר דאַרפט זיך נישט שרעקען; דאָס וועט אייך אפשר פערשאַפען פערגעניגען.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג: אָבער וואָס, וואָס?

ד אָ ק ט אָ ר: איך מוז אייך דערצעהלען אַ געהיימניס... אַ סוד פון וואָס ס'איז אָבהענגיג מיין לעבענס-גליק...

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג: וואָס אַזוינס?

ד אָ ק ט אָ ר: שוין אַ יאָהר ווי איהר זעהט מיך כמעט יעדען טאָג ביי אייך, נישט נאָר אַלס זאָרגזאַמער און געוויסענהאַפטער דאָקטאָר, נאָר אויך אַלס טרייער פריינד...

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג: יאָ, איך ווייס איהר... איהר זענט שטענדיג געוועזען אַ ליבער, טרייער פריינד.

ד אָ ק ט אָ ר: איהר ווייסט אָבער נישט, אַז איך האָב אייך אָבגענאַרט.

פרוי שטיינבערג: איהר האָט מיך אָנגענאַרט?

דאָקטאָר: יאָ, איהר ווייסט נישט, אַז אונטער דער דאָזיגער טריהייט האָט געשטעקט עפּעס אַ מיין, אַ געוויסע אָבזיכט, אַ שטאַרקע ליידענשאַפט.

פרוי שטיינבערג: ליידענשאַפט?

דאָקטאָר: יאָ, אַ שטאַרקע אָבער אַכטונגספולע — אַ טיפע, אמת'ע ליבע.

פרוי שטיינבערג: אָבער וועמען ליבט איהר, אומגליקליכער?

דאָקטאָר: איהר פרעגט נאָך! ווער האָט געקאָנט אין מיר דערוועקען דאָס דאָזיגע אַכטונגספולע און גלייכצייטיג גליהענדע געפיהל, אויב נישט איהר?

פרוי שטיינבערג (שפּרינגט־אויף): גערעכטער גאָט! איז עס מעגליך! (קינדליך) אָבער ה' דאָקטאָר!

דאָקטאָר (אויפשטעהענדיג, אַפּאַרט): זי בעקומט פייער. (הויך) די מורא פאַר אַ אָבזאָגענדען ענטפער האָט מיר ביז היינט געשלאָסען די ליפּען, נאָר היינט...

פרוי שטיינבערג: היינט...

דאָקטאָר (אַפּאַרט): ווי זי ברענט! (הויך) היינט איז געקומען די שעה, וואָס איך קאָן מעהר נישט איינהאַלטען מיינע געפיהלען.

פרוי שטיינבערג (אַפּאַרט, קוקענדיג אין שפּיגעל): איך קאָן אַלזאָ נאָך געפעלען!.. פאַרוואָס נישט.

דאָקטאָר: איך האָב אייך אַלץ ענטדעקט און איצט וואַרט איך אַ ענטפער פון אייער שעהן מויל (אַפּאַרט) מיט די פאַלשע צייהן.

פרוי שטיינבערג: אייערע ווערטער זענען געקומען אַזוי פלוצלונג, אַז... איך ווייס נישט...

דאָקטאָר: פערגעסט אָבער נישט, אַז איך ליב אייך ערליך און אמת'דיג...

פרוי שטיינבערג: אָבער ווי קומט עס, דאָקטאָר, אַז איהר, אַזאַ פיינד פון חתונה האָבען, זאָל...

דאָקטאָר: ס'עפנט זיך פאַר מיר אַ נייע צוקונפט... איך

װיל נישט, אַז איך זאָל נישט איבערלאָזען קיין קדיש.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג (פֿאַרבלאָזענדיג די אויגען): װאָס, איהר האָפּט נאָך?...

ד אָ ק ט אָ ר : דאָס אויג פֿון אַ דאָקטאָר נאַרט קיינמאָל נישט אָב, גנעדיגע פֿרוי.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : װאָס װעט אָבער די װעלט זאָגען?

ד אָ ק ט אָ ר : װאָס אַרט אונז די װעלט? מיר האָבען דאָך נישט חתונה מיט די װעלט. אלזאָ, זענט איהר איינשטימיג? מיר װעלען אװעקפֿאָהרען אין אַ אָרט װאו מ׳קאָן אונז נישט.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : דאָקטאָר! (זי גיט איהם די האנד).

ד אָ ק ט אָ ר : איך בין גליקליך (קושט איהר די האנד). איהר האָט דאָך זיבער צוגעזאָגט אייערע אייניקלעך, אַז איהר װעט זיי קיינמאָל נישט פערלאָזען?

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : װייס איך, מײַן אייגען גליק איז פֿריהער!

ד אָ ק ט אָ ר (אפּארט): איהר גליק! און מיין גליק, מיין קאַר־יערע!! (הויך) אלזאָ, איך געה אװעק ברענגען אין אָרדנונג מיינע זאַכען און זיך גרייטען צו אונזער גליקליכע חתונה.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : דו ביזט גערעכט, סאלאָמאָן!— גאָט, איך האָב איהם געזאָגט דו!

ד אָ ק ט אָ ר : דאָס מאַכט נישט אויס.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : אָבער דו קומסט דאָך באלד?

ד אָ ק ט אָ ר : יאָ (אָב).

עלפֿטער אויפֿטריט.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : (אליין).

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : אויף װידערזעהן, סאלאָמאָן, אויף װידערזעהן! װי אמת ס׳איז דאָס װאָרט, אַז אַ הארץ װערט קיינ־מאָל נישט אַלט! איך פיהל מיך איצט מיט אסך יאָהר יונגער. אָבער דאָס דארף איך דאנקבאר זיין נאָר דעם דאָקטאָר. זיין ער־שטע רעצעפּט האָט מיר צוריק געגעבען די געזונדהייט און די לעצטע — די יוגענד, סאלאָמאָן, דו מאַכסט מיך פֿאַר די גליקליכ־

צוועלפטער איפטריט.

פרוי שטיינבערג, פרוי הארטשטיין.

פרוי הארטשטיין: ווי גוט דו זעהסט אויס מאמא!

פרוי שטיינבערג: אזא אונערוואַרטעט גליק!

פרוי הארטשטיין (לאַכענדיג): דו האסט געוואונען דאס גרויסע געווינס?

פרוי שטיינבערג: יאָ, דאס גרויסע געווינס. שטענדיג קומט עס ווען מ'ערוואַרטעט עס אמווענינגסטען.

פרוי הארטשטיין (אַפּאַרט): זי מיינט דעם פרעמדען! (הויך) גענומען עס אַן פּאַר ערנסט?

פרוי שטיינבערג: פאַרוואס נישט? ער האָט עס מיר אַליין געזאָגט.

פרוי הארטשטיין: ער האָט עס דיר שוין געזאָגט?

פרוי שטיינבערג: יאָ, געזאָגט, ער האָט זיך דאך ער־קלערט...

פרוי הארטשטיין: ערקלערט?

פרוי שטיינבערג: יאָ, ערקלערט אין ליבע. וואָס איז דיך דאָ צו וואונדערען?

פרוי הארטשטיין: אָבער מאַמאַ!

פרוי שטיינבערג: ער ליבט שוין זייט אַ יאָהר.

פרוי הארטשטיין (אַפּאַרט): זי מיינט זיכער דעם פרעמ־דען. (הויך) אָבער מאַמאַ, דער הערר איז זיכער משוגע!

פרוי שטיינבערג: משוגע? — דערפאַר ווייל ער ליבט מיך?

פרוי הארטשטיין (ערשטוינט): ער ליבט דיך — דיך?

פרוי שטיינבערג: יאָ, וועמען דען?

פרוי הארטשטיין: דאס איז דאך אַ געמיינהייט!

פרוי שטיינבערג: וואָס, ס'איז אַ געמיינהייט מיך צו ליבען?

פרוי הארטשטיין: ניין, נישט דאס.

פרוי שטיינבערג: וואָס דען?

פרוי האַרטשטיין: ער איז אַ ליגנער, אַ אויסוואורף, ער נאַרט אונז ביידע אָב. מיר האָט ער זיך אויך ערקלערט אין ליבע, ערשט מיט אַ האַלבע שעה צוריק איז ער דאָ געלעגען פאַר מיר, אָט דאָ, אויפ'ן דאָזיגען אָרט, אויף די קניה!

פרוי שטיינבערג: פאַר דיר אויף די קניה!... אָ, דאָס וועל איך נישט איבערהאַלטען! ס'איז, מיר נישט גוט! איך שטאַרב! (פאַלט אויף אַ שטול).

פרוי האַרטשטיין (רופט און קלינגט): אַרנאָלד! אַננאַ!

דריטצענטער אויפטריט

די פאָריגע. אַרנאָלד, אַננאַ.

אַננאַ (קומט אַריין צו לויפען): באָבעניו.

אַרנאָלד: וואָס איז געשעהן?

פרוי שטיינבערג: מ'האָט מיך ערמאָרדעט! איך שטאַרב!

אַננאַ: אומגליקליכע באָבעניו!

אַרנאָלד: ערמאָרדעט?

פרוי שטיינבערג: איך וועל איהם די אויגען אויס-קראַצען!

אַרנאָלד: וועמען?

פרוי שטיינבערג: יאָ, איך וועל איהם די אויגען אויסקראַצען!

אַרנאָלד: אָבער וועמען? זאָגט מיר שוין, וועמען?

פרוי שטיינבערג (שפּרינגט־אויף): איך וועל איהם ווייזען!

אַרנאָלד (אַפּאַרט): אַ דאַנקען גאָט, אַז זי איז אויפגע-שטאַנען תחיית המתים.

פרוי שטיינבערג: מיין הוט און מאַנטעל! איך וועל איהם די אויגען אויסקראַצען (אָב לינקס).

פירצענטער אויפטריט.

פרוי האַרטשטיין, אַרנאָלד, אַננאַ, דער-נאָך פרוי שטיינבערג, שפּעטער דינער.

ארנאָלד: אָבער ווען וויל זי די אויגען אויסקראַצן?

אננאַ: דערצעהל דאָך, מאַמאַ?

אַרנאָלד: וואָס איז געשעהן?

פרוי האַרטשטיין (צו אַרנאָלד'ן): פרייז דיך דאָס איז דיין אַרבייט, דו ביזט אין אַלעם שולדיג!

אַרנאָלד: זעלבסטפערשטענדליך, ס'קאָן דען אַנדערש זיין?

פרוי האַרטשטיין: דו און דיין פריינד, וואָס איז נישט בעסער פאַר דיר.

אַרנאָלד: אויף וועמען זענט איהר בייז, שוויגער, אויף יוליוס'ן וואָס ליבט אייך?

אַננאַ: ער ליבט די מאַמאַ?!

פרוי האַרטשטיין: ער איז אַ אונפערשעמטער מענש און איז אַהערגעקומען זיך איבער אונז לוסטיג צו מאַכען.

אַרנאָלד: איך גלויב דאָס קוים.

פרוי האַרטשטיין: אָבצולאַכען פון מיר און מיין מוטער.

פרוי שטיינבערג (קומט ביזז אַריין ליינקס מיט'ן הוט אויפ'ן קאָפּ און דעם מאַנטעל אויפ'ן אָרעם און לויפט דורך די טיר אין הינטערגרונד, טהוט זיך אויפ'ן וועג אָן דעם מאַנטעל און שרייט) מיך אַזוי בעליידיגט!

פרוי האַרטשטיין: איהר הערט!

אַרנאָלד: אויב אַזוי, וועל איך איהם נישט שווייגען. איך וועל איהם אַרויסרופען אויף אַ דועל!

אַננאַ: בארמהערציגער גאָט, אויף אַ דועל!

אַרנאָלד: אָבער ערקלערט מיר וועגען וואָס ס'האַנדעלט זיך.

פרוי האַרטשטיין: שרעקליך! אַ געמיינהייט! באַר וואָס האָט ער זיך מיר ערקלערט אין פייערדיגע ליבע און באַלד איז ער אַוועק צו דער מאַמאַ און זיך איהר ערקלערט אין ליבע. נו?

אַרנאָלד: יאָ, מיר דאַכט זיך, אַז מיין פריינד איז נעבעך משוגע. ער האָט טאַקע פריהער גערעדט אַביסעל נישט צו דער זאַך.

פרוי האַרטשטיין: און אַזעלכע מענשען שלעפּסטו

אַריין צו זיך אין שטוב!?

אַ ר נ אָ ל ד: איך האָב איהם געשלעפּט, אירך! ער איז מיר אָבער אַ פריינד און איך טאָר איהם נישט לאָזען אויף הפקר אין אַזאַ לאַגע (קלינגט).

אַ נ נ אַ: וואָס ווילסטו טהון?

אַ ר נ אָ ל ד: איך וועל רופען צו איהם אונזער דאָקטאָר.

ד י נ ע ר (קומט אַריין).

אַ ר נ אָ ל ד (צום דינער): רופט שנעל אַריין דעם דאָקטאָר פעלדמאַן. זאָגט איהם, אַז ער זאָל זאָפאָ־ט קומען. מ'מוז אונטער־זוכען מיין פריינד וואָס איז היינט געקומען. ס'איז מיט איהם גע־געשעהן אַ אומגליק; ער איז משוגע געוואָרען. (דינער אָב) ער קאָן נאָך אַריינקומען, מיין אומגליקליכער פריינד, לאָזט מיך בעסער אַליין. איך וועל אפשר מיט איהר דיך קאָנען דורכריידען, אַז קיי־נער וועט נישט זיין.

אַ נ נ אַ: אומגליקליכער.

פ ר וי ה אַ ר ט ש ט יי ן (אַפּאַרט): אַ שאָד, אַזאַ וואוילער! (אָב רעכטס צוזאַמען מיט אַננאַ'ן).

פינפצענטער אויפטריט.

אַ ר נ אָ ל ד, דערנאָך י ו ל י ו ס.

אַ ר נ אָ ל ד: און דאָ האָב איך מיך שוין געטרייסט מיט האָפנונג פטור צו ווערען כאָטש איין שוויגער. (דרעהט זיך אום צו דער טיר, וואָס עפענט זיך): אָט איז ער... ער רייבט זיך די הענד... ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געפרעהט.. אומגליקליכער... ער זעהט טאַקע אויס ווי אַ משוגע'נער.

י ו ל י ו ס (קומט אַריין לעבעדיג): אָ, ליעבער אַרנאָלד, וואָס זאָל איך דיר זאָגען, איך בין גליקליך!

אַ ר נ אָ ל ד (דריקט איהם מיטליידענד די הענר): מיין ליבער יוליוס

י ו ל י ו ס: אַזאַ גליק! איך קאָן גאָרנישט קומען צו זיך. איך האָב מורא, אַז איך וועל משוגע ווערען!

אַ ר נ אָ ל ד (אַפּאַרט): ס'דאַכט זיך איהם ערשט...

י ו ל י ו ס: שטעל דיר פאָר, איך בלייב דאָך שוין דאָ.

אַ ר נ אָ ל ד (שאָקעלט איהם די האַנד): דאָס ברעהט מיך זעהר (אַפּאַרט) ס'איז מיר גוט — צוויי שוויגערס און איין משוגע'נער!
יו ל י ו ס: דו מוזט וויסען, אַז...
אַ ר נ אָ ל ד: ...דו ווילסט חתונה האָבען מיט מיין שוויגער'ס מאַמאַ.
יו ל י ו ס: וואָס רעדסטו? וואָס פאַר'ע שוויגער'ס מאַמאַ! איך האָב אַזאַ איינער גאַרנישט בעזעהען. איך רעד וועגען דיין שוויגער.
אַ ר נ אָ ל ד: וואָס ניצט דיר צו זאָגען ליגען, אַז איך האָב עדות! (רופט) אַננאַ! שוויגער!

זעכצענטער אויפטריט.

ד י פ אָ ר י ג ע, פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט ײ ן א נ נ אַ.
אַ ר נ אָ ל ד: דער אונשולדיגער האָט שוין אַלץ פערגעסען! זאָגט איהם וואָס ער האָט געטהון דער באָבען!
אַ נ נ אַ: איהר האָט זיך איהר ערקלערט אין ליבע!
יו ל י ו ס: וואָס רעדט איהר?!
פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט ײ ן: פונקט אַזוי ווי מיר, אָ, איהר פאַלשע!
יו ל י ו ס: וואָס טהוט זיך דאָ? (אַפּאַרט) צי בין איך אין אַ משוגעים-הויז?
אַ ר נ אָ ל ד: נו, וואָס ענטפערסטו דער׳ויף?
יו ל י ו ס: איך ווייס נישט וואָס טהוט זיך מיט מיר. איך האָב פערלוירען מיין פערשטאַנד.
אַ ר נ אָ ל ד (הערצליך): ס'וועט איבערגעהן, ליבער יוליוס! (צו אַננאַ'ן) דער דאָקטאָר קומט אַלץ נישט! איך מוז אַליין געהן נאָך איהם (הויך) אַננאַ, ווייז מיין פריינד זיין צימער (שטיל) און, אַז ער וועט זיין אינוועניג, זאָלסטו איהם פערשליסען אויפ'ן שליסעל.
פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט ײ ן (צו יוליוס'ן): איהר געהט?
יו ל י ו ס: מיינע דאַמען, איך האָב געמיינט, אַז...
אַ ר נ אָ ל ד (צו אַננאַ'ן): אַז ער וועט זיך דיר דערוויל ערקלערען אין ליבע, זאָלסטו זיך נישט דערשרעקען.
פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט ײ ן: איהר געהט?
יו ל י ו ס: מיט אייך אַפילו ביז אין עק וועלט! (ביידע דאַ-

מען נעמען איהם בײַ דער האַנד און שלעפּען איהם מיט זיך).

אַ ר נ אָ ל ד (שטיפּט איהם אונטער): געה, געה, ס'איז צו דייַן גוטען.

אַ נ נ אַ (שטיל צו אַרנאָלד'ן): ער בייסט דאָך נישט?!

אַ ר נ אָ ל ד : ניין, אַזוי געפֿעהרליך קראַנק איז ער נאָך נישט, נאָר פֿאָרזיכטיג מוזטו מיט איהם זיין. (ער מאַכט אַ בעוועגונג ווי פֿערשליסען).

זיבצענטער אויפֿטריט.

אַ ר נ אָ ל ד , דערנאָך דער ד אָ ק ט אָ ר .

אַ ר נ אָ ל ד : וואו איז דער דאָקטאָר? וואו האָט ער געקאָנט אַוועקקומען? (ער געהט-צו צו דער טיר. דער דאָקטאָר קומט איהם אַקעגען). אַ!

ד אָ ק ט אָ ר : איהר האָט געשיקט נאָך מיר, ליבער פֿריינד.

אַ ר נ אָ ל ד : מיר ערוואַרטען אייך מיט דעם גרעסטען אונגעדולד.

ד אָ ק ט אָ ר : זאָל עס ווירקליך זיין אמת? אייער פֿריינד —

אַ ר נ אָ ל ד : איז משוגע געוואָרען, דאָקטאָר, פֿאָלשטענדיג משוגע!

ד אָ ק ט אָ ר : וואָס פֿאַר'ע סמנים האָט איהר בעמערקט?

אַ ר נ אָ ל ד : די ערשטע. שטעלט אייך פֿאָר, אַז ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען, האָט ער זיך באַלד ערקלערט אין ליבע מיין שוויגער.

ד אָ ק ט אָ ר : אין דעם זעה איך נישט קיין שום משוגעת.

אַ ר נ אָ ל ד : וואַרט נאָר; דאָס איז ערשט דער אָנהויב. באַלד דערנאָך איז ער אַוועק און זיך ערקלערט אין ליבע, טרעפֿט וועמען?

ד אָ ק ט אָ ר : אייער פֿרוי?

אַ ר נ אָ ל ד : איהר זענט אַראָב פֿון זינען? מיין פֿרוי? דאָס האָט נאָך געפֿעהלט!

ד אָ ק ט אָ ר : דער קעכין?

אַ ר נ אָ ל ד : נאָך ערגער... דער באָבע'ן!

דאָקטאָר: דער באָבע'ן? (גאַאיוו) יאָ, אויב אַזוי איז ער משוגע.

ארנאָלד: נו, זעהט איהר שוין.

דאָקטאָר: פאָלשטענדיג משוגע... זיין משוגעת וועט מיך אָבער טייער קאָסטען. וואָס וועט איצט זיין מיט אַלע זיינע צוזאָגען?

ארגאָלד: ער האָט אייך עפּעס צוגעזאָגט?

דאָקטאָר: יאָ, ער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבען פּראָטעקציע צו דערגרייכען אַ קאַריערע, און דערפאַר האָט ער ביי מיר פערלאַנגט, אַז איך זאָל חתונה האָבען מיט אייער שוויגער'ס מוטער.

ארנאָלד: אויסגעצייכענט! ווען ער האָט עס אייך פאָרגעלעגט איז ער נאָך, קענטיג, געווען ביים קלאָרען זין.

דאָקטאָר: יאָ, ער האָט גערעדט גאַנץ זאַכליך.

ארנאָלד: מ'רעדט שטענדיג זאַכליך ווען ס'האַנדעלט זיך פּטור צו ווערען פון אַ שוויגער.

דאָקטאָר: דאָס ערגסטע איז נאָך, אַז כ'האָב שוין געמאַכט איינעגע שריט אין דער דאָזיגער זאַך.

ארנאָלד: איהר?

דאָקטאָר: איך האָב שוין געהאַט מיט מיין צוקונפטיגע בעשערטע... איך האָב איהר פאָרגעלעגט מיין האַנד...

ארנאָלד: און זי האָט זי אָנגענומען?

דאָקטאָר: מיט'ן גרעסטען פערגניגען.

ארנאָלד: גרויסאַרטיג! אָ, דאָקטאָר, איהר ווייסט גאָרנישט ווי איך פרעה זיך (אפּאַרט) כאָטש איין שוויגער וועניגער... (הויך) איהר וועט דאָך געוויס אַוועק ווייט מיט אייער געליבטע?

דאָקטאָר: פריהער האָב איך עס זאָגאַר נישט גערעכענט. פון מיין קאַריערע וועט דאָך שוין אָבער גאָרנישט ווערען, אויב אייער פריינד איז משוגע געוואָרען.

ארנאָלד: איהר וועט איהם אָבער אויסקורירען, דאָקטאָר געהט זאָפאָרט אַריין צו איהם.

דאָקטאָר: יאָ, יאָ, איך וועל באַלד אַריינגעהן.

אַרנאָלד: און איהר וועט דאָך מיר באַלד זאָגען וואָס ס'איז מיט איהם? (אָב)

דאָקטאָר: יאָ.

אַכצענטער אויפטריט.

דאָקטאָר, דערנאָך פרוי שטיינבערג.

דאָקטאָר: וואָס פאַר אַ שלום-מזל איך בין. איך בין שוין געוועזן אַזוי נאָנט צו מיין גליק און צום סוף, נאַ דיר נאָר אַ משוגע'נעם.

פרוי שטיינבערג (לויפט אַריין מיט'ן הוט און מאַנטעל): נאַ, אָט איז ער!

דאָקטאָר (דרעהט זיך אום, אַפּאַרט): די אַלטע! (הויך) גנעדיגע פרוי —

פרוי שטיינבערג: איך וויים אַלץ, אַלץ!

דאָקטאָר: העלענאַ!

פרוי שטיינבערג: פאַר איך בין איך נישט מעהר קיין העלענאַ!

דאָקטאָר: וואָס זאָגט איהר?

פרוי שטיינבערג: איהר זענט אַ צבוע'ק, אַ פאַלשער מענש!

דאָקטאָר: איך?

פרוי שטיינבערג: אַנידערטרעכטיגער מענש!

דאָקטאָר: וואָס האָב איך דען געטהון?

פרוי שטיינבערג: איהר פרעגט נאָך?

דאָקטאָר (אַפּאַרט): זענען דאָ אַלע משוגע?

פרוי שטיינבערג: דאָס איז די איבעראַשונג וואָס איהר האָט מיר פריהער געמאַכט?

דאָקטאָר: איך פערשטעה נישט קיין וואָרט; מיר דאַכט זיך, אַז איך חלום...

פרוי שטיינבערג: האָט איהר פריהער אויך גע'חלום'ט ווען איהר זענט געלעגען אויף די קניה?

דאָקטאָר: אויף די קניה? איך? וואו?

פרוי שטיינבערג: דאָ — אָט דאָ — פֿאַר מיין טאָכטער!

דאָקטאָר: פֿאַר אייער טאָכטער?

פרוי שטיינבערג: זיך איהר צו ערקלערען אין ליבע.

דאָקטאָר: איך?

פרוי שטיינבער: ווער דען, איך? פרובט נישט אָפּצולייקענען... זי האָט אונז אַלץ דערצעהלט.

דאָקטאָר: מיר דאַכט זיך, אַז איהר זענט אַלע משוגע געוואָרען.

פרוי שטיינבערג: איהר ערלויבט זיך מיך אַזוי צו בעליידיגען ווייל איך בין אַ שוואַכע, שוצלאָזע פרוי, אָ, איהר געמיינער מענש!

ניינצענטער אויפטריט.

די פֿאָריגע. אַרנאָלד.

אַרנאָלד: וואָס טהוט זיך דאָ?

פרוי שטיינבערג: לאָז מיך צו רוה! אָט איז ער נאָר וואָס געלעגען אויף דער קניה פֿאַר מיין טאָכטער.

אַרנאָלד: דער דאָקטאָר?

דאָקטאָר: גאָט איז מיין עדות!

פרוי שטיינבערג: שווייגט, איהר פֿאַלשער מענש! זי האָט מיר אַלץ מודה געווען.

אַרנאָלד: אונמעגליך! איז דאָס ווירקליך אמת, דאָקטאָר?

דאָקטאָר: איך גיב אייך מיין עהרענוואָרט...

פרוי שטיינבערג: איהר האָט נישט קיין עהרע. וואַרט, וואַרט, איך וועל זיך נאָך מיט אייך אָברעכנען.

אַרנאָלד (צו פרוי שטיינבערג): לאָזט מיך איבער אַליין מיט'ן דאָקטאָר און איך וועל אַלץ ברענגען אין אָרדנונג.

פרוי שטיינבערג: אבער דו מוזט נעהמען נקמה פֿאַר מיר, אַרנאָלד! (געהט פֿאָרביי דעם דאָקטאָר) איך וועל אייך נאָך אָנלערנען! (אָב. דער דאָקטאָר ציהט זיך פֿאַר איהר דערשראָקען צוריק).

צוואַנציגסטער אויפטריט.

אַרנאָלד, דאָקטאָר, דערנאָך יוליוס.

אַרנאָלד: איצט, אַז מיר זענען געבליבען אונטער פיער אויגען, קענט איהר דאָך מיר שוין זאָגען, דאָקטאָר, וואָס האָט איהר געטהון?

דאָקטאָר: אָך לאָזט מיך צורוה...

אַרנאָלד: אין אייער עלטער איז נישט אַזוי שעהן זיך אַרומצושלעפען מיט ליבעס — ערקלערונגען — דאָס איז גאָרנישט אָנשטענדיג.

דאָקטאָר: איהר בעליידיגט מיך!

אַרנאָלד: און איהר האָט בעליידיגט מיין פריינד.

יוליוס: (אַריינקומענדיג, אַפּאַרט) דאָס מיינט מען מיך.

אַרנאָלד: ער האָט זיך בעמיהט פאַר אייך, אַז איהר זאָלט דערגרייכען אַ קאַריערע און איהר האָט איהם דערפאַר בעצאָהלט דערמיט וואָס איהר האָט איהם געוואָלט אונטריי מאַכען די פרוי וועלכע ער ליבט!

יוליוס (אַרויסטרעטענדיג): וואָס הער איך?

אַרנאָלד: יוליוס! דו דא! ווי אַזוי קומסטו אַהער?

יוליוס: איך האָב געהאַט גענוג מיה ביז כ'האָב בערו־היגט די דאַמען. אָבער וואָס קומט דאָ פאָר?

אַרנאָלד: גאָרנישט, גאָרנישט!

יוליוס: איך האָב אַלץ געהערט! דער דאָזיגער הערר וויל מיר צורויבען דאָס האַרץ פון דיין שוועגער.

אַרנאָלד: און דו האָסט זיך גע'שדכנ'ט צו איהר מוטער.

יוליוס: הער שוין אַמאָל אויף פון דער דאָזיגער נאַרישקייט. דאָס איז אַ געמיינער רכילות.

דאָקטאָר: רכילות זאָגט איהר!

יוליוס: ווע־, איך?

דאָקטאָר (שרייט): יאָ.

יוליוס (שרייט): איך וועל זיך נישט לאָזען בעליידיגען, איהר הערט!

איינאונצוואנציגסטער אויפטריט.

די פּאַריגע, פרוי האַרטשטיין, פנגא, פרוי שטיינבערג.

פרוי האַרטשטיין: וואָס איז דאָ פּאַר אַ לאַרם?

דאָקטאָר: איהר זענט געקומען צו דער ריכטיגער צייט.

פרוי שטיינבערג: וואָס שרייט איהר אַזוי?

אַרנאָלד: איצט מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַלץ קלאָר ווערען.

פרוי שטיינבערג (צו איהר טאָכטער, אָנווייזענדיג אויפ'ן דאָקטאָר): איז ער נישט געלעגען פאַר דיר אויף די קניה?

פרוי האַרטשטיין: ווער, דער דאָקטאָר? ניין, קיינמאָל נישט!

פרוי שטיינבערג: דו האָסט מורא איהם צו זאָגען דעם אמת אין די אויגען אַריין. ווי לאַנג איז אָבער ווי דו האָסט מיר געזאָגט, אַז ער איז פאַר דיר געלעגען אויף די קניה.

פרוי האַרטשטיין: נישט ער! (אָנווייזענדיג אויף יוליוס'ן): איהם האָב איך געמיינט. איהם, וואָס האָט זיך אונזביידע ערקלערט אין ליבע.

יוליוס: ווער איך?

פרוי שטיינבערג: ניין, מיר האָט ער זיך נישט ערקלערט.

דאָקטאָר (צו פרוי האַרטשטיין): און איך האָב זיך אייך יאָ ערקלערט אין ליבע?

פרוי האַרטשטיין: ניין.

אַרנאָלד: איצט ווערט מיר אַלץ קלאָר!

צוויי־און־צוואַנציגסטער אויפטריט.

די פּאַריגע. דער דינער.

דינער (דורכ'ן הינטערגרונד): אַ טעלעגראַמע פאַר'ן ה' דאָקטאָר. (אָב)

דאָקטאָר: פאַר מיר? (עפענט שנעל די טעלעגראַמע) אָ, איך בין גליקליך, מיין קאַריערע איז דערגרייכט! (צו יוליוס'ן) און דאָס אַלץ האָב איך אייך צו פערדאַנקען.

יוליוס (שטיל צו איהם): יאָ. פערגעסט אָבער נישט דעם

בעדינג.

ד אָ ק ט אָ ר : ניין. איך געדענק עס גוט. אָ, איך בין איצט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט! (פאַלט אַננאַ'ן צו די פיס.)

אַ נ נ אַ : וואָס ווילט איהר פון מיר?

אַ ר נ אָ ל ד : וואָס ווילט איהר פון מיין פרוי?

ד אָ ק ט אָ ר : ענטשולדיגט, איך בין אַזוי צומישט פון פרייד, אַז... (ווענדעט זיך אויף דער קניה צו פרוי הארטשטיין): איהר ווייסט דאָך שוין, אַז איך ליב נאָר אייך. (ער דערזעהט ווידער זיין טעות און שטעלט זיך צו אויף דער קניה צו פרוי שטיינבערג) איך בין אונשולדיג, פאַר פרייד בין איך אַזוי ווי צומישט. גיט מיר אייער האַנד אַלס בעוויז, אַז איהר זענט מיר אַלץ מוחל.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג : שטעהט-אויף, דאָקטאָר. נו, שטעהט שוין אויף, סאַלאָמאָן! (צו אַלע) ליבע קינדער, איך מוז זיך מיט אייך שיידען, ווארום מיין מאַן פערלאַנגט, אַז איך זאָל וואוינען נאָר מיט איהם אַליין.

אַ ר נ אָ ל ד : איהר ווילט אונז פערלאָזען? ניין, איך וועל עס נישט לאָזען!

אַ נ נ אַ (שטיל צום מאַן): דו מיינסט עס דאָך נישט ערנסט?

י ו ל י ו ס (צו פרוי הארטשטיין): און איך, גנעדיגע פרוי, האָב איך אויך נאָך האָפנונג?

פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט ײ ן : יאָ, אַז איהר וועט מיר צו זאָגען, אַז איהר וועט זיך מעהר נישט ערקלערען מיין מוטער.

י ו ל י ו ס : ס'איז דאָך נאָר געוועזען אַ מיספערשטענדניש.

פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט ײ ן : איך גלויב אייך (גיט איהם די האַנד).

י ו ל י ו ס (קושט זי): איך בין אויך גליקליך.

פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט ײ ן : איך קאָן אָבער אויך דאָ מעהר נישט בלייבען. איך וועל דאָך מוזען זאָרגען פאַר מיין מאַן.

פ ר ו י ש ט ײ נ ב ע ר ג :	(צו אַלעמען) ווי גליקליך מיר זענען!
ד אָ ק ט אָ ר :	
י ו ל י ו ס :	
פ ר ו י ה אַ ר ט ש ט ײ ן :	

אַ ר נ אָ ל ד : און איך בין דער גליקליכסטער מענש. פטור געוואָרען מיט איינמאָל פון צוויי שוויגערס!

פאָרהאַנג.

פֿערלאַג „יודיש" וואַרשא.

8) ברוך שפּינאָזא .... ש. סטופּניצקי.

(„שפּינאָזא איז טייער דער גאַנצער מענשהייט, אָבער נאָכמעהר אונז, יודען, און דעריבער איז כמעט דער חוב פאר יעדען יודען זיך גרינדליך צו בעקאַנען מיט'ן גייסט און פֿיליזאָפֿישער שיטה"). פּרייז 13.50 מ.

9,10) די פּרוי .... אַ סטרינדבערג.

(„דער ראָמאַן „די פּרוי" האָט ארויסגערופֿען אַ סענסאַציע אין איירָאָפּאַ און האָט באַלד אַוועקגעשטעלט דעם אויטאָר אין די ערשטע ריי־ הען פֿון די וועלט־קינסטלער"). פּרייז 25 מאַרק.

11) כינא I־טער באַנד, אויס דער סעריע, „לענדער און פֿעלקער", צו־ זאַמענגעשטעלט דורך ד. קאַסעל און מ. בירנבוים.

(„דאָס דאָזיגע בוך בעהאַנדעלט אויספֿיהרליך די געאָגראַפֿישע לאַ־ גע קלימאַט, אמונה, מנהגים, מלוכה־פֿיהרונג און אַרט־לעבען פֿון כינע און אויך פֿון די קליינע מזרח־מלוכה'לעך, ווי: קאָרייע, מאַנדזשוריען, מאָנגאָליען א. אַ. ה." (רייך אילוסטרירט). פּרייז 16 מאַרק.

12) ווען קייטען קלינגען .... אַלגין.

(„אין דעמדאָזיגען בוך ווערט מייסטערהאַפֿט געשילדערט דער גרויזאַמער קאַמף געגען די צאַרישע צייטען און טורמעס, וואָס האָבען געפּייניגט דעם פֿרייען גייסט פֿון רוסלאַנד"). פּרייז 13.50 מאַרק.

13,14) טויזענד און איין נאַכט.

(„דער נאָמען אַליין ברענגט קָמים פֿער'בשופֿ'טען גרוס פֿון חייטע שענע פֿאַנטאַסטישע וועלטען. דאָס זענען יענע דופֿטיגע מעשה'לעך, וואָס וואַרפֿען אַריין אַ גאָלדענעם גן־עדן־חלום אין דעם גרויען איילינען חי־הא פֿון לעבען") 2 בילער. פּרייז 27 מאַרק